STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04101

FUN DI ALTE OYTSRES

Itzhak Newman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ניומאַן

פון די
אַלטע אוצרות

היסטאָריש־יידישע אָפּהאַנדלונגען און קאָמענטאַרן

אַרויסגעגעבן פון
פּרץ הירשביין צווייג
יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
אין לאָס אַנגעלעס

FUN DI ALTE OITZRES

(GOLDEN TREASURES FROM OUR PAST)

By

ITZHAK NEWMAN
646 North La Jolla Avenue
LOS ANGELES, CALIF. (90048)

1963

ATLAS TYPESETTING CO.
406 So. Main St., L. A.

Printed by
A. & G. PRESS, INC.



יצחק ניומאַן

א י נ ה אַ ל ט

אַנשטאָט אַ הקדמה 7
די נביאים 9
משה 18
אליהו 22
עמוס 25
הושע 30
ישעיה 33
ירמיה 37
יחזקאל 42
דניאל 46
שיר השירים 50
משלי 53
תהלים 56
איוב 60
קהלת 64
צדיק־רשע קאָמפּלעקס . . . 68
גייסטיק־פיזישע אַספּעקטן . 72
די סופרים 77
אַפּאָקריפן 87
בן־סירא 92
חשמונאים 97
פּרושים 101
איסיים 106
סעקטע סיקרים 112
אַריינפיר צום תלמוד . . . 115
וואָס איז דער תלמוד . . . 118
הלכה און אגדה 120
יורידישע מעטאָדן 125
עטיק פון תלמוד 130
שבת־רו 135
סעדיה גאון 140
רש״י 142
יהודה הלוי 147
דער רמב״ם 149
דער בעש״ט 151
נאָכוואָרט 156

צום אנדענק:

מיין ברודער וואָלף

מיין שוועסטער, די רבנית אסתר ליבע

מיין שוואָגער, הרב יעקב מאיר לייטאייזן

מיין שוועסטער שרה גיטל

וועלכע זיינען אומגעקומען ווי קדושים
דורך די דייטשע רוצחים אין יאָר 1942.

אַנשטאָט אַ הקדמה

דער תנ״ך איז אַן אייביק ווערק פאַר אַלע צייטן, פאַר אַלע קולטורן, שפּראַכן און דיאַלעקטן. די איבערזעצונג פונעם תנ״ך אין אַנדערע לשונות, האָט די וועלט־קולטורן באַרייכערט. הגם דער תנ״ך איז טויזנ־טער יאָרן אַלט, איז אָבער תמיד מאָדערן, ניי און פריש; דער סטיל איז בויגיק, פול־פאַרביק; זיין געשיכטע איז אַ קוואַל פון מאָראַלישן פאָלק־לאָר; זיין פּאָעזיע — באַזונדערס די פון ישעיה און ירמיה — די ליריש־סטע פון העכסטן קאַליבער.

די פינף חומשים, אָנהייבנדיק פון ספר בראשית, פון וועלט־באַשאַף, און די קאָדעקס־געזעצן אין ספר ויקרא און דברים, זיינען פון די מאָראַלישסטע יושרדיקע; די רייד פון די נביאים, עמוס און מיכה — פון די סאַמע דערהויבנסטע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, און פון די גרעסטע אומאַניטאַרע עטיק אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור; די ספרים איוב און קהלת — פון די סובטעלסטע און גייסטרייכסטע פילאָזאָפישע ספרים, וועגן די טענות צו גאָט מכוח דעם תכלית פון מענטשלעכן לעבן. דער ספר תהלים, מיט זיינע אינערלעכע השתפכות הנפש, די בענקשאַפט צו גאָט, און אַנדערע דידאַקטישע דברי מוסר פון סאַמע טיפעניש פון האַרצן.

דער תנ״ך האָט אַלעמאָל, און אויך נאָך איצט, אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אויסבילדונג פון רעליגיעזן און עטישן כאַראַקטער, ניט בלויז ביי יידן נאָר אויך ביי אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָט באַווירקט די וועלט־ליטעראַטור. די פאַרשונג פון תנ״ך וועט אייביק אָנהאַלטן...

דער תלמוד, וואָס איז אַ זאַמלונג פון פאַרשיידענע מיינונגען און דיסקוסיעס פון הלכה און אגדה, איז אָנערקענט אַלס דער וועגווייזער פון יידישן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן פאָלקס־שטייגער לעבן, וואָס האָט גע־שטאַרקט תורת משה און די נביאים. עס איז געווען דער תלמוד, וואָס אינטערפּרעטירט דעם תנ״ך, וואָס אָן דעם וואָלט דער תנ״ך קיין קיום ניט געהאַט...

די פּרעציזנע לאָקאָנישקייט פון תנ״ך האָט געלאָזן אַ פרייע האַנט די מפרשים פון אַלע דורות צו אינטערפּרעטירן און קאָמענטירן די כתבי־קודש. זיי האָבן אויסגעברייטערט די ליבשאַפט צו לערנען די הויכע עטיק פון תורת משה און פון די נביאים. אין דעם זינען פיל איך, אָנכי הקטן, אַז איך האָב עפּעס אַ שטיקל חלק אין מאַכן געוויסע אָבזער־וואַציעס, און ווייז דאָ בלויז אַן אָפּגעקליבענעם טייל פון מיין אַרבעט, פראַגמענטן, מיניאַטור — טראָפּנס פונעם גרויסן ים פון וויסן.

יוד נון

ג ע װ י ד מ ע ט :

מײַן געטרײַער פֿרוי חיה

מײַן טאָכטער לאה, איר מאַן יוסף שוואַרץ

די אײניקלעך — שמעון און דוד

מ י ט ל י ב ע

די נביאים

וואָס איז נבואה? וואָס וויסן מיר וועגן די נביאים? וואָס איז די ראָלע פונעם נביא? מיט וואָס אונטערשיידעט זיך דער יידישער נביא אַנדערש פון די ביי אַנדערע פעלקער?

צו דערקלערן די באַדייטונג פון נבואה, איז קודם כל גוט צו געדענקען, אַז נבואה, פונקט ווי אַלע גרויסע דערשיינונגען, זיינען דער רעזולטאַט פון אַן איבערקערעניש, אַ פּאָליטישער אָדער נאַציאָנאַלער ענדערונג; געוויינלעך נאָך אַ נידערלאַגע, אַ גרויס אומגליק, אָדער אַן עקאָנאָמישער קריזיס, הונגער, אָדער סתם אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע. דעמאָלט שפּראָצן אויף נייע אידייען, מיט נייע טעאָריעס, אמתע אָדער דעמאַגאָגישע, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע. אַזוי האָט פּאַסירט אין אַטענס, נאָך דעם טראַיאַנער אויפשטאַנד פון די ספּאַרטאַנס, ווי עס ווערט דערמאָנט אין האָמערס איליאַדע. דעמאָלט זיינען אויפגעקומען די סאָפיסטן, די פאָטערס פון די שפּעטערדיקע גריכישע פילאָזאָפן.

די יידישע נביאים זיינען געווען עטיקער און נישט קיין מעטאַפיזיקער. זיי האָבן געהערט גאָטס וואָרט אין דער טיפעניש פון זייער נשמה, ווי אַן עטישע איבערלעבונג. נבואה באַלאַנגט צו פּסיכאָלאָגישע עמאָציעס, פון אַ דראַנג נאָך גערעכטיקייט... אַליין האָבן זיי ניט געקאָנט די לאַגע ענדערן, האָבן זיי פּראָטעסטירט אין נאָמען פון גאָט, וואָס האָט גערעדט דורך זייער געוויסן...

אין יידישן לעבן איז נבואה אַ היסטאָרישער פּראָצעס געבונדן צו אַ סאָציאַלן מאָטיוו, מער ווי אַ פּסיכאָלאָגישער ענין. די גרויסקייט פונעם נביא באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט געדאַנקען וואָס זיינען פריער נישט געווען באַקאַנט. זיי האָבן פאַרזייט קערנער, וואָס די שפּעטערדיקע סופרים, פּרושים, תנאים און גאונים, האָבן וויטער געטאָן שפּינען דעם יידישן שטייגער לעבן.

נבואה איז אויך אַ מיסטישע איבערלעבונג, וואָס טרייבט אַ פּאַסטעך צו קומען צום מלך שליידערן מוסר־פּראָטעסט אין זיין פּנים אַריין. נאָר אַ מיסטיקער מיט אַ געטלעכער אַנטפּלעקונג האָט דאָס געקענט באַווייזן.

ווען דער נביא פאַלט אַריין אין עקסטאַז, איז ער באַרוישט און באַווירקט אַזוי ווי אַ שטורעם וואָס פאַלט אויף אים. ווען זיין דמיון ווערט

באַהערשט פון געטלעכער פּראָפּאָרציע, דעמאָלט רעדט דער נביא אויסער־געוויינלעכעס און טוט איבערנאַטירלעכע זאַכן, וואָס זעען אויס ווי נסים און מופתים. באַלד שאַפט זיך אַ קלימאַט פאַר לעגענדעס, און זאַכן ווערן פאַרהייליקט. אויך דער זעער ווערט געהייליקט. אַזעלכעס האָט פּאַסירט ביי פיל פעלקער אין פאַרשידענע צייטן, כאָטש אַלע אַלטע פעלקער האָבן געהאַט זייערע מכלומרשטע נביאים, פּאַראויסזעער, מ'האָט זיי אויך גערופן כישוף־מאַכער, ווי די חרטומי מצרים. אויך ביי די נביאים פון אַשור און בבל, וואָס זיינען געקומען האַלטן אַ וויכוח מיט אליהו הנביא; זייער צאָל איז געווען אַרום אַ הונדערט. זייער עובדה איז געווען צו זינגען און טאַנצן אַרום זייערע געטער בעל און עשתורת, מיט ווילדן עקסטאַז, צו דערוועקן עקזולטאַציע ביי די מאַסן. נאָך היינט זעען מיר עס ביי די צוריקגעשטאַנענע פעלקער.

אָבער די יידישע נביאים זיינען אַנדערש און פון גאָר אַן אַנדערן שניט און קאַליבער. ווען שמואל זאַלבט שאולן פאַר מלך, זאָגט ער אים: „און איצט קום מיט מיר אין שטאָט, וועסטו באַגעגענען אַ גרופּע נביאים, וועסטו אויך נביאות זאָגן ווי זיי, און דו וועסט ווערן אַנאַנדערער מענטש...

* * *

מיר וויסן וועגן די נביאים פון צוויי קוואַלן: פון לעגענדן און פון זייערע שריפטן. די לעגענדע האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף דעם העכסטן פּדעסטאַל פון מענטשלעכער דערגרייכונג אין גייסטיקן זין. און דריי זאַכן זיינען די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון די יידישע נביאים: 1) זייער באַגרינדונג די יסודות פון דער יידישער סאָציאַלער עטיק; 2) די באַשאַפונג פון משיח געדאַנק פון גאולה און נצחיות; 3) די גאָט אידייע. דער עיקר די איין גאָט אידייע. דאָס זיינען די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פון די נביאים. עס זיינען דאָ אויך נעגאַטיווע זייטן, ווי למשל, דאָס ניט קענען באַווירקן בטל צו מאַכן אינגאַנצן דעם געצן־דינסט; אויך די מאָראַל איז ניט געהעכערט געוואָרן אין זייער צייט.

די אַלע זאַכן האָבן געמאַכט פון נביא פאַר אַ בונטאַר, אַ ביטערער קריטיקער צו דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אָרדענונג. ער ווערט צאָרנדיק צו דער קעגנוואַרט. ער ראַנגלט זיך תמיד מיטן כהן, מיטן מלך און מיטן פאָלק. דערפאַר אָבער ווערט ער דער באַגרינדער פון אַ גאָלדענער צוקונפט באַחרית הימים, אין די ווייטע יאָרן, ווייל דער נביא האָט ניט געהאַט קיין היינט, האָט ער געלעבט מיטן נעכטן און געהאָפט אויף אַ שענערן מאָרגן...

כמעט אַלע נביאים האָבן געזעדט פון אַ צוקונפט פון גרייטן זיך צו יענער צייט, אָבער פריער איז נויטיק זיך רייניקן פון טוען שלעכטס: „וואַשט אייערע הענט פון מענטשלעכער שוואַכקייט, פון עגאָאיזם; הויבט זיך העכער, טראַכט פון גאָט, אימיטירט אים פונקט ווי ער איז רחמים. גאָט האָט רחמנות אויף אַלע באַשעפענישן. מימיקירט אים, האָט אייגזעע־ניש מיט אייער שכן, מיט אייער פרעמדן; הויבט דעם געפאַלענעם, שטיצט דעם שוואַכן״...

די גריכן פלעגן רופן זייערע נביאים: אנשיי רוח משוגעים; די רוימער פלעגן זיי רופן: פאַרשיכורטע פּאָעטן. פילאָן רופט זיי: טאַלאַנטן וואָס שפּילן אויף די געטלעכע סטרונעס. פּלאַטאָן מאַכט אַ חילוק צווישן די מאַנטע און האַלוציינאַציעס. ביי הינדוסן זיינען פּראָפעטן, היפּנאָטיקער.

עס זיינען געווען נביאים־גרופּעס איידער עס איז נאָך אויסגעקומען די נביאים־שריפט, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון משהן דעם פירער און דעם פאָטער פון די נביאים. אויך זיי האָבן נאָכגעפאָלגט צו ריידן פון צדק, אמת, חסד און יושר. פיל נביאים זיינען אויך געווען עסקנים אין פּאָליטיק און געזעלשאַפט, ווי: נתן, גד, אחיה, ישעיה א.אַ.

דער באַגריף נביא איז אין די ערשטע צייטן ניט געווען נאָך קיין וויכטיקער טיטול. ביי אברהם אבינו שטייט: ווען אבימלך האָט פאַרנומען שרהן, אברהמס ווייב, זאָגט גאָט צו אבימלכן אין חלום: „גיב צוריק די פרוי פון דעם מאַן, וואָרעם ער איז אַ נביא. ער וועט בעטן פאַר דיר דו זאָלסט לעבן.״ און אברהם ווערט גערופן נביא. אויך מרים און אפילו דבורה האָבן ערשט צוגעקריקן דעם טיטל נביאה ערשט שפּעטער. און משה רבנו, ווען דאָס פאָלק האָט געהייליקט מיטן נאָמען אדון הנביאים, ווייל ווען מרים און אהרן ריידן שלעכטס אויף משהן ווען ער נעמט די כושית פאַר אַ ווייב, זאָגט גאָט: „אויב איך רעד צו אייך נביאים, רעד איך אין חלום, ניט אַזוי מיט מיין קנעכט משה — מויל צו מויל רעד איך מיט אים״. און עס שטייט געשריבן: „עס איז נאָך ניט געווען קיין נביא צווישן יידן ווי משה, וועלכער האָט געקענט גאָט פנים אל פנים.

צו משהן ווערט קרעדיטירט די עשרת הדברות, אַלע געזעצן פון דער תורה, אַלע שירים פון „האזינו״ און „וזאת הברכה.״ פונדעסטוועגן האָט זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט די טיטל „משה הנביא״, אַ שטייגער ווי ישעיה הנביא, ירמיה הנביא. אפשר ווייל אין יענער צייט איז אַ געזעצגעבער געשטאַנען העכער פון אַ נביא. און עס זיינען געווען, לויט

דער גמרא (מגילה י"ד) מיטן אָנהויב פון שמואל הנביא ביז דעם לעצטן נביא, מלאכי, אַכט־און־פערציק נביאים און זיבן נביאות פרויען.

* * *

די ערשטע ראָלע פון נביא איז געווען די סטאַדיע פון וועקן, מונ־טערן און היטערן דעם עולם און אים אַריינגעבן לאָיאַליטעט און פּאַטריאָ־טיזם, ליבע צו זיין שטאַם. דער עיקר נאָך אַ שלאַכט, פּונקט אַזוי ווי פאַר אַ שלאַכט, כדי צו פאַרטיידיקן מיט פעסטער עקשנות קעגן די שונאים־אָנפאַלער. מיר זען עס ביי די מלחמות מיט די פלישתים, קומט אלישע און זינגט אין דער מחנה, צו הויבן דעם מוט און קוראַזש. דאָס דערמאָנט אויך די שלאַכט צווישן די אַרמייען פון אַטענס מיט די זעלנער פון די ספּאַרטאַנס ווען אַטענס שיקט אַרויס אַ רוף נאָך פאַרשטאַרקונג פון פרישע כוחות, שיקט מען זיי אַהין אויפן שלאַכט־פעלד דעם לאָמען און הויקערדיקן פּאָעט פינדער. האָט זיך דער פינדער אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און אַ זונג געטאָן. קלינגט זיין ליד אין אַלע הערצער. זיינען די מידע זעלנער צו די מויערן אַרויף און אָפּגעשטויסן דעם פיינט.

די צווייטע ראָלע פון נביא איז פון אַ ריכטער, אַ שטראָפער, אַ מאָראַל־פּריידיקער. ער טוט עס דורך סימבאָלן, ווי ישעיה און ירמיה, און דורך משלים און מעשיות, ווי שמואל און יחזקאל. דער סימבאָל איז געווען אַן אינסטרומענט אין די הענט פונ'נביא, די סעמאַנטיק פון קאָמו־ניקאַציע צווישן נביא און דעם פאָלק. אַזוי האָט ישעיה זיך אָנגעטאָן אַ שטריק אויף די לענדן און אַרומגעגאַנגען אין צעריסענע קליידער, געוויזן דעם פאָלק ווי אַזוי יידן וועלן גיין ווי שקלאַפן אין געפאַנגענשאַפט אויב זיי וועלן ניט תשובה טאָן. ירמיהו ווידער טוט זיך אָן אַ כאָמעט אַרום זיין האַלדז, צו וואָרענען דעם המון זיי זאָלן תשובה טאָן, אַז ניט וועלן זיי געפירט ווערן אויפן שקלאַפן־מאַרק אַלס געפאַנגענע.

דער נביא וויל אַז יידן זאָלן זיין אַ מוסטער־פאָלק, אַ הייליק פאָלק, אַן עם קדוש, אַנדערש פון אַלע זייערע שכנים אַרום זיי. ווייל אין יענער צייט האָבן פיל פעלקער געוואוינט אין ארץ־ישראל און דאָס איז געווען אַ שטער פאַר יידן. זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פון נביא צו גלויבן און דינען אַן איין אייציקן גאָט, וועמען מען זעט ניט און וועלכער באַשטראָפט אַלעמען גלייך און בענטשט אַלעמען גלייך, ווייל די זון שיינט פונקט אַזוי פאַרן צדיק ווי פאַר דעם רשע. אַזאַ געדאַנק איז געווען שווער צו באַנעמען פאַר אַנדערע פעלקער און אויך אפילו פאַר אייגענע יידן, און די מאַסן האָבן געצויגן צו די פריילעכע צערעמאָניעס

און פּראַצעסיעס, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט פרייד און געלעכטער. ערשט אין דער צייט פון די סופרים זיינען אָפּגעטער בטל געוואָרן לגמרי.

דער נביא פילט זיין ראָלע ווי גאָטס שליח צו זאָגן פאָראויס און וואָרענען אַז אַן אומגליק קומט. די רייד זיינע, וואָס גאָט האָט אים אַריינגעגעבן אין מויל, האָט אים געגעבן מוט און דרייסטקייט צו שטראָפן דעם כהן, האַלטן אַן אויג אויפן מלך און מוסרן דעם פאָלק... דער נביא איז געווען אין אַ בעסערער לאַגע פונעם כהן, וואָס מוז אָנקומען צו יעדן איינעמס לאַסקע; ער איז געצוואונגען צו פאַרקוקן יענע וואָס דינען אויך די געצן, אַ חוץ די קרבנות וואָס זיי ברענגען צו יהוה... בכלל איז דער נביא אַ קליינער געברויכער: אַ שטיקל טרוקן ברויט, אַ שלוק וואַסער; זיין מאַנטל פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק — דאָס איז זיין גאַנצע הלבשה מיט די באָרוועסע פיס. דערפאַר האָט ער ניט געדאַרפט חנפענען קיינעם און האָט זיך געקענט פאַרגינען אַריינזאָגן יענעם דעם אמת. אַנדערש איז דער כהן, וועלכער חנפהט זיך מיט נגידים און אַריסטאָקראַטן.

דער נביא ציטערט אויף קעגן עוולות פון די תקיפים פאַר זייער רויב, מאָרד און פאַלשקייט, און ער פריידיקט דעם ריכטיקן וועג, וואָס איז „שיין אין די אויגן פון גאָט."

דער נביא שווימט קעגן שטראָם, ער לעבט פאַר זיין צייט, ער ריזיקירט מיט זיין לעבן, ער ווייסט ניט פון געפאַר. פון זיין מויל גיסט זיך הייליק פייער, וואָס גאָט האָט אַריינגעפּלאַנצט אין זיין הארץ. ווי דער נביא ישעיה זאָגט: „איך האָב געהערט אַ שטים, אַ קול פון גאָט — וועמען זאָל איך רופן און ווער זאָל גיין? האָב איך געענטפערט: דאָ בין איך, שיק מיך."

פון אַזאַ סאָרט נבואה האָט ניט געוואוסט קיינער פון די פעלקער, ניט בבל, ניט אַשור, אפילו ניט גריכנלאַנד מיט אירע גרויסע פילאָזאָפן און עטיקער, ווי סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטל מיט אַלע סטאָאיקס צוזאַמען, ווי אויך ניט די רוימישע הומאַניסטן, ווי סענעקע און מאַרקוס אַורעליוס. אמת, אויך זיי זיינען געגאַנגען קעגן שטראָם און איינגעשטעלט זייער לעבן פאַר זייערע איבערצייגונגען, אָבער זיי האָבן ניט געוויטיקט ווי אַ ירמיה, הושע, און עמוס.

די יידישע נביאים זיינען ניט געווען קיין פילאָזאָפן פון באַשטימטע סיסטעמאַטישע טעאָריעס, אויך ניט קיין וויסנשאַפטלער פון עקזאַקטע טעאָריעס. זיי זיינען אָבער יאָ געווען פּאָעטן מיט סענסיטיווע נאַטורן, און זייער פּעסימיזם איז געקומען פון דעם, וואָס דער עולם האָט זיך צו

זיי ניט צוגעהערט, האָבן די נביאים אויסגעחלומט אַ חזון, אַ דמיון פון אַ גאָלדענער צוקונפט אין די ווייטע טעג, ווען די וועלט וועט זיין פול מיט פרידן און גליק. אָבער די מאַסן האָבן געוואָלט אַט־דאָס אַלעס האָבן גלייך איצטער, אין זייער לעבן, אין זייער צייט...

* * *

דער נביא־פּעסימיסט פון היינט ווערט אַן אָפּטימיסט פון מאָרגן און ער באַשאַפט דעם געדאַנק — אַ משיח. דאָס איז זיין הויפּט־פּאַזע פון זיין מיסיע צו אַגיטירן דאָס קומען פון אַ משיח, אַ גואל, אַ דערלייזער און אַ באַפרייער פון אַלע מענטשלעכע שרעק, זאָרג און מלחמות. עס וועט אין יענער צייט הערשן פרידן — אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלן רוען צוזאַמען, און די וועלט וועט זיין פול מיט חכמה; אַלע סודות און רעטע־נישן, אַלע סתירות וועלן גיך פאַרענטפערט ווערן. דער נביא מיט זיין שפּאַנענדיקן עטוזיאַזם טוט איבערצייגן די נאָענטקייט פונעם קץ. עס מיינט ניט אַז ער איז מבטל דעם היינט צוליב זיין גלויבן אין דער צו־קונפט; ער שליסט זיך ניט אָפּ ווי אַ הערמיט, ער דערווייטערט זיך ניט פון לעבן, ווי די אַמאָליקע פילאָזאָפן און דיכטער, ער אַנטלויפט ניט אין אַ מדבר. בלויז איין נביא יונה האָט פּרובירט אַנטלויפן קיין תרשיש; האָט אים אַ פיש איינגעשלונגען (האָט ער שוין געהאַט צו זינגען און זאָגן.) פאַרקערט, דער נביא איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער פּאָליטיק פון דער וועלט און פון לאַנד. ער איז אַ כלל־טוער, וואָס קעמפט פאַר אַ בעסער לעבן.

אַלע גרויסע נביאים נעמען אַ גרויסן אַנטייל אין אַלע פּאַסירונגען פון זייער צייט. אַ חוץ דעם פלעגן זיי אויך זען וויזיאָנען פאַר אַנדערע פעלקער, ווי הושע, יונה און נחום וועגן אַשור־נינוה און עובדיה וועגן אדום־עשיו. און וואָס אייגענטלעך איז די פאָדערונג פון נביא? — זאָגט דער נביא מיכה: „וואָס פאַרלאַנגט דען גאָט פון דיר, מענטש? בלויז גערעכטיקייט, ליב האָבן גאָט און גיין באַשיידן אין די וועגן פון גאָט.“

דעם גרעסטן און שווערסטן קאַמף האָבן די נביאים געהאַט פאַר דער אידייע פון איין איינציקן גאָט; אויך דער געדאַנק פון אוניווערסאַליזם, אַז טויערן זיינען אָפן פאַר אַלע פעלקער. אָנשטאָט צו דערנעענטערן די גויים צום יידישן פאָלק, האָט עס געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. דער המון האָט זיך גיכער דערנענטערט צו די גויים, צו די אַסימיליאַנטן. ווי דער נביא ירמיה באַקלאָגט זיך: די פאַלשע נביאים ווערן געשטיצט פון די כהנים. אַ פאַקט, אַז די גאַנצע צייט פון ערשטן בית־המקדש האָבן

די גרעסטע צאָל יידן געדינט צו אָפּגעטער. ווי זאָגט דער תלמוד. „עובדי כוכבים היו אבותינו." יידן פלעגן ברענגען קרבנות אויך צום יידישן גאָט, און דער כהן האָט געוואוסט פון דעם און פאַרשוויגן. און דער נביא ווערט אויפגעבראַכט מיט צער און צאָרן; ער זאָגט: „על פת לחם יפשה גבר" (צוליב דעם שטיקל ברויט זינדיקט דער מענטש). אָבער די יידן האָבן די נביאים ניט גענומען ערנסט און צו זייערע רייד זיך ניט צוגעהערט.

אויך די יידישע קעניגן זיינען געווען שלעכט, מיטן אויסנאַם פון חזקיהו און יאשיהו (דוד און שלמה זיינען ניט געווען ריין פון חטא).

דער נביא האָט געוואָרפן אַ מורא אויפן מלך. ווען אליהו שטראָפט דעם קעניג אַחאָב און זידלט אים: „הרצחת וגם ירשת"! ווערט דער מלך ניט אין כעס; ער פאַרענטפערט זיך. אויך ירבעם בן יואש, וואָס זיין שלעכטס איז געווען גרויס, מוז זיך צוהערן צו די רייד פון אמציה, וואָס רעדט אין נאָמען פון נביא: „אַזוי האָט געזאָגט דער נביא: דו ירבעם ווּעסט פאַלן פון דער שווערד, ישראל וועט פאַרטריבן יווערן אין גלות". שווערע רייד! אָבער ירבעם הייבט ניט קיין פינגער קעגן אמציהן, דעם פרעמדן כהן פון יהודה, וועלכער קומט אויסגיסן צאָרן קעגן מלכות ישראל און איר מלך.

* * *

דער נביא האָט זיך געפילט ווי אַ קנעכט פון גאָט. עס זאָגט עמוס: „אַלע פעלקער לייגן זייער האָפענונג און גליק אין זייער פאַרגאַנגענהייט, לייגן יידן זייער האָפענונג און גליק אויף דער צוקונפט". עס האָט גע־נומען אַ לאַנגע צייט און דער דאָזיקער גלויבן איז אויך אַריין צווישן פאָלק. אַלע האָבן אָנגעהויבן זיך איבערצייגן, אַז די פאַרגאַנגענהייט פונקט ווי די געגנוואַרט איז ניט פריילעך, דעריבער איז די בעסטע זאַך צוהאָפן און חלומען פון אַ צוקונפט. אַזוי האָט זיך געשאַפן דער צווייטער שאַפונגס־כוח פונעם נביא — דער משיח־געדאַנק.

אַ שטיק צייט האָט עס זיך געדרייט אין דער פאָרמע פון אַ מענטש־משיח. שפּעטער, נאָכן אויפקומען פון אַ סך פאַלשע משיחים, ווערט דער געדאַנק פאַרביטן צו אַ פאָלקס־דערלייזונג, ניט דורך אַ יחיד, נאָר דורך אַ גרופּע פאַר פרייהייט און גאולה.

אין שייכות מיט דעם, זאָגט רבי אליעזר: „אויב ישראל וועט תשובה טאָן, ווערט ער אויסגעלייזט, אויב ניט — ווערט ער ניט אויסגעלייזט." רבי יהושע זאָגט: „אפילו ווען זיי וועלן ניט תשובה טאָן, וועלן זיי אויך אויסגעלייזט ווערן, אָבער גאָט וועט אויפשטעלן קעגן זיי אַ מלך, וואָס

מיט זייִנע שלעכטע גזירות וועט עס זיי ברענגען צו חרטה און תשובה, און אַז זיי וועלן ווערן אויסגעלייזט, וועט עס זיין צוליב גאָטס כבוד וועגן." „לא למענכם אני עושה זאת כי אם לשם קדשי". (יחזקאל כ'־ב').

דער תלמוד גיט אָפּ אַ סך פּלאַץ פאַר דעם ענין משיח, אָבער רבי הלל דער צווייטער קומט אַרויס (אין סנהדרין צ"ח) וואָס זאָגט: „נישטאָ מער קיין משיח ביי יידן, ווייל ער איז שוין געווען אין מלך חזקיהס צייטן."

עס איז געווען די ספּעקולאַציע — ווער וועט זיין משיח? אָבער אַלע האָבן מסכים געווען, אַז ער וועט זיין אַ בשר־ודם מיט געטלעכע שליחות, זיכער ניט קיין אויבער־מענטש, און זיכער וועט זיין נאָמען זיין דוד. אַזוי זאָגט דער ירושלמי (ברכות ה־א), און תהילים כ'־כ"ח)...

דער גלויבן אין אַ משיח בן יוסף איז געקומען ערשט נאָכן בר־כוכבא דורכפאַל. אַזוי ווייזט אָן יוסף קלויזנער (ישו הנוצרי, 201). דער רמב"ם אין ספר המידות דערקלערט, אַז משיח מיינט אַ קאָלעקטיווער צוריקקער פון קיבוץ גליות, און מאָדערנער ציוניזם מיינט פּאַקטיש משיח, און אָן דער האָפענונג אויף אַ צוקונפט וואָלט פון יידישן פאָלק קיין זכר ניט געבליבן.

עס איז געווען דער נצח ישראל געדאַנק, וואָס האָט זיין אָפּשטאַם פון שמואל הנביא. מען געפינט עס אויך ביי יחזקאל הנביא אין זיין וויזיע פון טאָל פון די טויטע ביינער. אויך אין זבריהס צייטן האָט מען געגלויבט אין אַ קאָלעקטיוון משיח, אָבער חגי האָט געגלויבט אַז זרובבל איז משיח. אויך זכריה, ווען ער מוסרט יידן זאָגט ער: „זייט ניט אַזוי ווי אייערע עלטערן, וואָס גאָט האָט געצערנט אויף זיי פאַר זייערע שלעכטע מעשים." ער טרייסט זיי: „דער בית המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערן; איר זייט געשטערט געוואָרן, אויך איר אַליין האָט אָפּגעלאָזן אייערע הענט אין מיטן דער אַרבעט." וועגן באַשיצן זיך זאָגט ער: „עס איז ניט נויטיק קיין מויער אַרום ירושלים; גאָט וועט שיקן אַ פייער־מויער אַרום דער שטאָט." חגי און זכריה זאָגן נבואות, אַז זרובבל איז משיח. אָבער פּלוצים ווערט זרובבל פאַרשוואונדן, מ'הערט נישט מער פון אים.

זכריה דער פּאַציפיסט רופט אויס: „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד' צבאות". אַז מען פרעגט זכריהן: זאָל מען פאַסטן תשעה באב, ביים צווייטן בית־המקדש? ערטפערט ער: טוט וויכטיקערע זאַכן, טוט חסד איינער מיטן צווייטן, האָט איינזעעניש מיטן יתום, מיטן אָרעמאַן, און דעם פרעמדן, און טראַכט פון בעסערע צייטן.

די בענקשאַפט נאָך אַ גלענצענדן עתיד איז געקומען מחמת דער יידישער עבר האָט ניט געגלאַנצט, במילא איז געווען די בענקשאַפט נאָך

אַ פּודה ומציל, אַ משיח, אַ וואונדער־מענטש. עס האָט פיגורירט דאָס געשטאַלט פון משהן דער מושיעון פון בני ישראל, וועלכער האָט זיי אויס־געלייזט ניט בלויז פון פיזישער קנעכטשאַפט, נייערט אויך פון גייסטיקן עם־הארצות. ער איז געווען זייער נביא. דאָס האָט זיך איינגעקריצט אין די יידישע מוחות דער געשטאַלט פון אַ משיח, אַ פירער, אַ לערער, אַן אָפּשטאַמיקער פון דוד המלך.

אַכט און פערציק נביאים און זיבן נביאות — און קיינער האָט ניט צוגעגעבן אָדער אַרונטערגענומען פון דער תורה, פון דער לערע פון משה רבנו, דער אדון הנביאים. דריי הונדערט יאָר האָט אָנגעהאַלטן די נבואה. נאָך מלאכין האָט זיך די נבואה אָפּגעטאָן פון די יידן און די תורה איז געוואָרן די ירושה צו די חכמים, און דער גייסטיקער לעבן פון יעדן יידן האָט עפּעס איבערגענומען פון דעם פלאַם פייער פון די נביאים. דעריבער האָט מען זיך שוין ניט מער געניטיקט אין זיי...

* * *

מיר נעמען אויף די נביאים פאַר זייער הויכער עטישקייט און פאַר זייער פאָעטיש־קינסטלערישע גרויסקייט. דער אמת איז אַז יידן האָבן אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט ניט געלערנט די נביאים. מיר האָבן זיך דערוואוסט פון די נביאים דורך דער הפטורה, דורך דער גמרא, און בכלל האָבן יידן ניט געוואָלט הערן קיין שטראָף־רייד, קיין מוסר־רייד, וואָס שניידן די הויט און בריען דאָס לייב...

די נביאים האָבן באַפעסטיקט דעם יידנטום פון אינעווייניק צו גייסטיקער גבורה פון זיין אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. יידן האָבן זיך געפילט עקסקלוסיוו אַ פאָלק אפילו אין גלות, אָן טעריטאָריע; דאָך זיינען געווען קלאָרע גרעניצן וואָס יידן האָבן באַוואַכט מיט מסירות הנפש אָן אַן אַרמיי — און אַזוי פיל גבורה! אָן אַ בית־המקדש — און אַזוי פיל קדושה! אָן אַ כהונה — און יעדער ייד אַ כהן!

די נביאים האָבן אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן ווי נאָך איינער צווישן אַנדערע באַשעפענישן, נאָר ער איז באַשאַפן געוואָרן ווי דער העכסטער ציל פון דער יצירה. בכן איז ניטאָ קיין העכערער און מער הייליקער ציל אין דער וועלט, ווי דאָס לעבן פון אַ מענטשן, און אַלע מענטשן האָבן דעם אייגענעם אָפּשטאַם, אַלע ווערן געבוירן ווי גלייכע...

ווי זאָגט דער נביא מלאכי: איז ניט איין פאָטער ביי אונדז אַלעמען? האָט דען ניט איין גאָט אונדז אַלעמען באַשאַפן? — „הלוא אָב אחד לכלנו, הלוא אב אחד בראנו!..."

משה

משה איז איינער פון די גרעסטע פיגורן אין דער יידישער, ווי אין דער וועלטלעכער געשיכטע, אויב ניט דער גרעסטער... משה איז דער געטלעכער נביא, דער פּאָטער פון די נביאים... משה איז דער געזעצ־געבער, וואָס זיין תורה איז די עמבריאָ פון אַלע וועלט־רעליגיעס... משה דער באַפרייער, דער גרעסטער עמאַנציפּאַטאָר וואָס איז ווען געווען. קענער פון דער וועלט־געשיכטע קענען ניט רעקאָרדירן אַן ענלעכן ביי־שפּיל פון באַפרייען אַ גאַנץ פאָלק פון קנעכטשאַפט. משה דער פירער, וועלכער האָט איינצעלנע שבטים מיט אַ געמישטן ערב־רב אָרגאַניזירט צו די געזעלשאַפטלעכקייט פון יעקבס געצעלטן און געפירט זיי דורך אַ מדבר צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד...

מעג זיך אַ מאָדערנער פּסיכאָלאָג באַמיען צו באַווייזן, אַז משה איז געווען אַ מצרי; מעג אַ געוויסער יידישער דענקער טייטשן, אַז די גע־שיכטע משה אזי אויסגעשפּונען פון דער פאָלקס־לעגענדע — ווערט אַלץ משהס אימפּאָזאַנטע ראָלע אין די ראַמען פון וועלט־פּראָגרעס, ניט גע־מינערט אַ האָר. עס איז ווי פּרובירן אויסלעשן די זון, ווי זיך נעמען אויס־שעפּן דעם ים; אפילו דאָס וואָס משהס נאָמען איז ניט דערמאָנט אין דער הגדה, באַהאַלט ניט דעם פאַקט, אַז משה איז דער העלד פון יציאת מצרים. אַלע ווייסן ווער עס איז געווען דער באַפרייער פון פרעהס קנעכטשאַפט...

2

באַלד פון קינדהייט אָן, אין פרעה'ס הויז, אַזוי גיך ווי ער דער־וויסט זיך פון זיין אָפּשטאַם, באַזוכט ער די יידישע געטאָ, גושן. ער זעט דעם ביטערן מצב פון די בני ישראל, און עס דערוועקט זיך אין אים אַ געפיל פון עקל און שוידער צו קנעכטשאַפט און שקלאַפעריי. און ביי משהן שטראַלט אויף אין געדאַנק אַ פּלאַן פון אַן אויפשטאַנד קעגן די באַדריקער, און ער ווידמעט זיין לעבן צו אָט־דער באַפרייאונגס אידייע. ער קען קיין עוולה ניט פאַרליידן; זעט ער ווי אַ מצרי פּייניקט אַ ייד, צינדט זיך ביי אים אָן דער כעס; ער שלאָגט דעם מצרי און שטעלט זיין לעבן אין סכנה. ער אַנטלויפט, און משה קומט אָן אין מדין. דאָרט האָט

ער חתונה מיט צפורהן, יתרו'ס טאָכטער. און ווען משה פּאַשעט די שאָף פון זיין שווער, מעדיטירט ער, פאַנטאַזירט און חלומט; ער טראַכט און קאָנטעמפּלירט פון דעם טאָג ווען ער וועט די בני־ישראל, די יידן, אַרויספירן פון מצרים און זיי מאַכן פאַר פרייע מענטשן...

ער זעט אין וויטן דיסטאַנץ אַ פייערדיקן דאָרן; טראַכט ער, עס איז גאַנץ סימבאָליש: צו אַ דאָרן איז מיין פאָלק געגליכן; זיי ווערן פאַרדאַרט, פאַרצערט... און פלוצלינג ווערט דער אַנגעצונדענער דאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פלאַמיק פייער, און ביי משהן אין האַרצן ברענט דאָס פייער פון פיבערדיקן עקסטאַז. ער וואַרפט פון אויפרעגונג אַראָפּ די שיך פון זיינע פיס, און מיט גרויס ציטער בעט ער ביי גאָט — „זאָל חלילה מיין פאָלק ניט פאַרצערט ווערן", און פון וויטן הערט זיך אַ קול וואָס רופט: „משה בן עמרם! גיי צו פרעהן, זאָג אים — גאָט האָט דיך געשיקט ער זאָל די יידן אַרויסלאָזן פון מצרים, און דו, משה, זיי ניט בלויז זייער באַפרייער, נאָר אויך זייער פירער...

3

יציאת מצרים איז די גרעסטע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע. עס איז אויך דער גרעסטער נס, דער שטאַרקסטער מופת. דער ערשטער געבאָט פון די עשרת הדברות איז: „אָנכי, איך בין דער גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגענומען פון לאַנד מצרים"; טאַקע מיט אַ יד חזקה, אַ שטאַרקע האַנט, אָבער אָן משהס פירערשאַפט וואָלט עס ניט מעגלעך געווען.

משה איז בטבע געווען אַ פרידלעכער מענטש; ער האָט ליב געהאַט אמת און פרייהייט, און מיט אַ ליידנשאַפטלעכן סימפּאַטישן געפיל צו פרעמדע, צו שוואַכע און אונטערדריקטע.

ווי ס'איז פאַרשריבן, האָט משה גאָר ניט געוואָלט זיין קיין פירער, אָבער דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען; ער האָט באַזיגט פרעהן. כאָטש ער איז קיין איש מלחמה ניט געווען.

דער העכסטער אַטריבוט וואָס די תורה זאָגט אויף משהן: „והאיש משה עניו מאד"— ער האָט זיך געהאַלטן זייער באַשיידן. אַלץ וואָס משה האָט פאַרטראַכט, האָט ער גערעדט ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נייערט אין גאָט'ס נאָמען: „וידבר ה' אל משה", און ער האָט גערעדט דירעקט צום פאָלק אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן: „וידבר אל בני ישראל."

משה איז אויך געווען וויט פון קנאה. ווען ער הערט אַז אלדד און מידד זאָגן נבואה אין דער מחנה, ווערט משה ניט אין כעס (ווי עס פירט

זיך אין אַזעלכע פאַלן) נאָר גאָר פאַרקערט, אים טוט גרויס הנאה. און משה זאָגט: הלוואי זאָלן אַלע יידן זיין נביאים. און פאַר זיין עניוות האָט אים די געשיכטע באַצאָלט מיט אַ צאָל רייכע כיבודים און אים גלאָריפי־צירט אין משך פון די דורות. די פינף ביכער פון חומש רופן זיך תורת משה, די פּרקי־אבות הויבן זיך אָן מיט „משה קבל תורה מסיני”; וואָס אַ גרויסער דיכטער זאָגט אויף דעם: „קליין איז געווען דער באַרג סיני ווען דער גרויסער משה, דער געטלעכער נביא איז געשטאַנען אויף אים”...

4

איינער פון די דרייצן עיקרים, דער זיבעטער אני מאמין איז: „די נבואה פון משה רבנו איז אמת, און משה איז דער גרעסטער פון אַלע נביאים”. דער זוהר זאָגט אויף דעם: „משה רבנו האָט געקוקט דורך קלאָרע אויגן, און געזען גאָטס פּנים, בשעת אַנדערע נביאים האָבן געקוקט דורך אַ וואָלקן... אַכט און פערציק נביאים און זיבן נביאות זיינען געווען, און קיינער פון זיי האָט ניט צוגעגעבן אָדער עפּעס אַרונטערגענומען פון דער לערע פונעם פאָטער פון די נביאים, וואו ס'איז באַשריבן אין תורת משה אַלע משפּטים און געזעצן. און קיין זאַך האָט משה ניט אויסגעלאָזן פון דער תורה, אַזוי קלאָר אויסגערעכנט איז געווען זיין זאָרג פאַרן וואוילזיין פון יעדן יידישן יחיד; אפילו די טעגלעכע שפּייז־דיעטע, איז אין דער תורה. די אגדה דערציילט: „ביז משה האָט געלערנט די יידן וואָס, ווען און וויאַזוי צו עסן, זיינען זיי געווען גלייך מיט אַלע אַנדערע פּרימיטיווע פעלקער, וואָס האָבן געפּיקט ווי די הינער גאַנצע טעג, און וואָס האָט זיי מקצר ימים געווען. אָבער משה האָט געעלערנט און געוויזן דעם וועג פון אַ היגיעניש לעבן, אַז עסנס, ריין פון בלוט איז כשר, און דאָס וואָס איז שעדלעך פאַרן געזונט איז טרפה און טמא, און די תורה איז געגעבן צום לעבן — „וחי בהם” — צו זיין געזונט און גליקלעך.

5

די לעצטע יאָרן פון משהס לעבן זיינען געווען טראַגישער און שווע־רער ווי דער קריעת ים־סוף, ווי דער יציאת מצרים. פאַר פּרעהן האָט משה באַוויזן וואונדער כדי צו געווינען צוטרוי, און מיט די יידן — האָט משה געהאַט אויסצושטיין זייער עקשנות און ווירערשפּעניקייט. כמעט יעדן טאָג האָט ער געמוזט וויזן נייע נסים: ער האָט געשלאָגן דעם שטיין צו געפינען וואַסער; זיין אַראָפּגעבראַכט „מן” פון הימל, און פייגל־פלייש

פון דער לופטן צו זעטיקן זייערע אַפּעטיטן, און צו שטילן זייער דאָרשט פון נאָסטאַלגישער בענקשאַפט נאָך די טעפּ פלייש פון גושן.

אָבער גרעסער פון אַלע צרות איז געווען דאָס, וואָס דער דור המדבר האָט ניט באַגעפּאַלגט די לערע פון זייער גרויסן פירער, וואָס האָט גע־וואָלט זעען דעם יידישן פאָלק אַלס אַן עם סגולה און אַ גוי קדוש; אַ מוסטער־פאָלק פון אַ הויכער, עטישער, סאָציאַל־יושרדיקער געזעלשאַפט, און דעם גלויבן אין אַן אַבסטראַקטישן גייסטיקן גאָט. אָבער זיי, די פון דור המדבר, האָבן געזוכט געאָלדענע עגל'ס, מאַטעריאַליסטישע געטער. און משה דער נביא, דער פירער, שטראָפט, מוסרט און בייזערט זיך. ער קען ניט חנפהנען און מאַכן קאָמפּראָמיסן, ווי זיין ברודער אַהרן, דער כהן, וועלכער איז גרייט אַלץ באַכצוגעבן דעם פאָלק צוליב שלום. דאָס איז דער חילוק צווישן דעם פון אמת, און דעם זוכער פון שלום. מענטשן בכלל האָבן פיינט דעם אמת; זיי האָבן ליב ווען מען מאַכט זיי קאָמפּלי־מענטן. ווי ווייט די באַציאונגען פון פאָלק זיינען געווען ניט אַזעלכע וואַרעמע צו זייער פירער קאָן מען זען: ביי משהס טויט שטייט „ויבכו העם את משה״ — דאָס פאָלק האָט באַוויינט משהן; אָבער ביי אהרנס טויט שטייט: „ויבכו העם ואת בית ישראל״ — אויך דאָס גאַנצע הויזגעזונט פון ישראל.

6

און משה פאַרן טויט געזעגנט זיך מיטן פאָלק. ער רעדט האַרבע ווערטער: „איר זייט ווידערשפּעניקער, איר זייט עס געווען ביי מיין לעבן, אַ פשיטא שוין נאָך מיין טויט״; „דערפאַר מיין שטעלפאַרטרעטער יהושע, געדענק, האַלט זיך פעסט און זיין אַנטשלאָסן; איך וויל ניט שטאַרבן; וואָס וואָלט איך ניט געטאָן צו קענען אַריינפירן די יידן אין לאַנד כנען, דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד. אָבער עס איז דער גורל אַזוי; איך האָב פאַר־זינדיקט קעגן בורא, איך האָב געוואַגט די דרייסטקייט צו פרעגן גאָט זיין באָמען, ווי מען רופט אים. קיינער פון די אָבות פאַר מיר, ניט אַברהם ביים נסיון פון קאַלכאויוון, אויך ניט יצחק, ווען מען האָט אים געפירט צו דער עקידה, און יעקב, ווען רחל איז אים געשטאָרבן אין מיטן וועג, זיי האָבן ניט געפרעגט גאָטס אידענטיטעט, אָבער איך! דער נביא אין מיר האָט גערייצט מיין פּאָעטישן און פראָפעטישן נייגיר צו וויסן גאָט, און אָט קום איך איצט אָפּ מיין שטראָף, נישט צו זען די פאַרווירקלעכונג פון מיין אידעאַל״...

אליהו הנביא

אין דער גאַנצער רייכער יידישער געשיכטע זיינען נישטאָ נאָך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלאָזן אַזאַ שטאַרקן חותם אויפן יידישן געוויסן, ווי משה רבנו און אליהו הנביא. משה רבינו איז ביים פאָלק געבליבן דער גרויסער העלד, דער באַפרייער, דער ערשטער נביא, דער געזעצגעבער און אויך דער לערער און רבי. אליהו הנביא אָבער שטייגט אַריבער אין דעם פאָלקס־דמיון העכער נאָך אפילו פון משה רבנו, אַזוי אַז אליהו הנביא ווערט די גרעסטע לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייט.

די פּאָפּולאַריטעט פון אליהו הנביא ביים פאָלק האָט צו זיך קיין גלייכן. ער ווערט דער פאָלקסטער וואונדער־נביא, און זיין אינדיווי־דואַליטעט נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון האַלב־גייסט האַלב־מענטש. זיין געשטאַלט גייט אַריין אין פאָלקס־זכרון, וואָס האָט אים פאַרהייליקט און באַטראַכט אים פאַר אַ געטלעכן מאַן. ער האָט געלעבט מיסטעריעז. גאָר פּלוצלינג איז געוועזן זיין אויפשטייג און פּלוצלינג איז געווען זיין פאַרשווינדן... נאָכן אַרויפגיין אין הימל מיט אַ שטורעם־ווינט, האָט זיך נישט געמינערט אָדער אָפּגעשוואַכט זיין ווירקונג. פאַרקערט, זיין אַקטיוויטעט הויבט זיך ערשט אָן, זיין ביאָגראַפיע איז די אייביקייט אַליין ביז דעם סוף פון די דורות.

מערקווירדיק ווי דער כוח פון דער לעגענדע מאַכט אפילו דעם יידישן גאָט כמעט ווי אַ בשר ודם, וועלכער איז נאָענט, היימיש, צו וועמען מיר בעטן רחמים. מיר ווילנען זיך אויס אונדזערע אויגן פאַר צער, ווי צו אַ פאָטער, ווי צו אַן עלטערן ברודער, וועלכער שטייט אין אונדזער דמיון ווי אַן אייגענער. אַנדערש איז מיט משה רבנו, וועמען מ׳רופט דער אדון הנביאים און וועלכער ווערט באַטראַכט ווי אַ מלאך אלהים. אָבער נאָך העכער און הערלעכער שטייגט אים אַריבער אליהו הנביא מיט דעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאַר דער הייליקסטער פון אלע מלאכים. ווי דער מדרש דריקט זיך אויס: „אליהו איז אַ מלאך בצורת אדם״, ער האָט ניט קיין עלטערן, קיין משפּחה. קיינער ווייסט נישט זיין וויגעלע, אויך נישט זיין קבר...

אליהו איז אפילו נישט געווען איינער פון די שריפט־נביאים. אָבער די נסים וואָס ווערן צו אים צוגעשריבן באַווייזן קלאָר דעם באַ־

זונדערן צוּיבער צו אים. אַלע האַפּענונגען זיינען צוגעבונדן געוואָרן צו אליהו התשבי הגלעדי. אַזוי ווערט אליהו כמעט ווי אַ גאָט.

פיל פון דער אגדה־ליטעראַטור איז געבויט אויף דעם גלויבן, אַז אליהו הנביא איז נישט געשטאָרבן. דער ספר מלכים דערציילט: „נאָכ־דעם ווי פיל נסים זיינען געווען מיט אים ווען ער האָט אַראָפּגעבראַכט פייער פון הימל אויפן באַרג כרמל, צו ווייזן דעם קעניג אַחאָב און דעם זינדיקן פאָלק, אַז יהוה און נישט בעל, איז דער אמתער גאָט, און ווען אליהו זידלט אַחאָבן מיט זיין פרוי, די מלכה איזבל, פאַר זייער צורויבן דעם ווייגאָרטן פון זייער שכן נבות און צושטעלן פאַלשע עדות כּדי צו קענען צורויבן זיין ווייגאָרטן, און שפּעטער דעם בעל־הבית, נבות, אָפּ־ראַמען פון וועג, ברענט אליהו דאַן מיט צאָרן און וואַרפט דעם קעניג די דריי שפּיזיקע ווערטער: „הרצחת וגם ירשת" (האָסט געמאָרדעט און גע־ירשנט!). ווייטער רעדט דער נביא: „אַזוי זאָגט גאָט — דאָרט וואו די הינט לעקן דאָס בלוט פון דיין שכן נבות, וועלן די הינט לעקן דיין אייגן בלוט"...

צוזאַמען מיט דעם עפּיזאָד בלייבט אונדז פון יענע טעג אַ גראַנ־דיעז בילד פון יענער איבערגאַנגס־פּעריאָדע צווישן דינען איין גאָט, און צווישן דינען פיל געטער, און דאָס איז דער גרויסער מאָמענט, ווען דער נביא אליהו שרייט אויס צום פאָלק: „ביז ווי לאַנג וועט איר שפּרינגען אויף צוויי זייטן ? ! אויב יהוה איז אייער גאָט, גייט נאָך אים, אויב בעל איז אייער גאָט, בלייבט מיט אים . . .

אליהו רעכנט זיך נישט מיט דער סכנה פון זיין לעבן, ער פּילט בלויז דעם געטלעכן פונק, וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיין ריין האַרץ פאַר צדק, משפּט און חסד, פאַר באַשיצן דעם שוואַכן, דעם געפּאַלענעם, העלפן דאָרט וואו די הילף איז נויטיק און קומט אין דער באַשטימטער צייט און אין באַשטימטן אָרט . . .

די דרייסטע און געוואַגטע שטראָף־רייד פון נביא דערצערנט איזבלען און זי וויל אים טויטן. דער נביא אַנטלויפט און באַהאַלט זיך אין אַ הייל, און אויך דאָרט איז ער דער אמתער געטרייער גאָטס־דינער. ער ווערט דער שומר ומציל פון יידישקייט. ווען אַחאָב, באַווירקט פון זיין ווייב, האָט פאַרבאָטן דאָס מל זיין יידישע קינדער, פירן די מאַמעס די ניי־געבוירענע ייִנגלעך באַהאַלטענערהייט צום הייל פון אליהון, און ער איז זיי דאָרט מקיים די מצוה פון מילה. פאַר דעם האָט אים דאָס פאָלק באַערט מיט אַן עקסטרא שטול ביי יעדן ברית־מילה, דער כסא של אליהו. עס ווערט אָנגענומען אַז ביי יעדן ברית געפינט זיך אליהו הנביא.

ווייטערדיקע נסים ווערט דערציילט, ווי גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן און געהייסן מאַכן אלישען פאַר אַ נביא. ווען אליהו איז אַריבער דעם טייך ירדן, איז אַראָפּ פון הימל אַ פייערדיקער פערד און אליהו איז אַרויף אין שטורעם־ווינט, און זיינע תלמידים האָבן אים געזוכט און נישט געפונען, איז אַרויפגעטאָן געוואָרן אליהוס מאַנטל אויף זיין תלמיד אלישע, ווען ער האָט געאַקערט אין פעלד, און אלישע איז געוואָרן דער צווייטער וואונדער־נביא אויף אליהוס אָרט.

דער נביא מלאכי זאָגט נבואות: איידער משיח וועט קומען וועט גאָט שיקן אליהון פאַר דעם מבשר, דעם אָנזאָגער, אַז די אמתע גאולה איז געקומען. דער מדרש פאַרבינדט אים מיט די נסים וואָס וועלן געשען און רופט אים: דער פויגל פון הימל; פונקט ווי אַ פויגל פליט אומעטום, באַווייזט ער זיך דאָרט וואו מען דאַרף הילף. ער באַוועגט זיך אינקאָגניטאָ, אַמאָל אין געשטאַלט פון אַ בעטלער. דער גורל פון דער געשיכטע האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועגווייזער, און לעתיד לבוא וועט ער, אליהו, שטיין על פרשת דרכים, צווישן גן־עדן און גיהנום. די פרומע נשמות וועט ער וייזן די טיר צום גן־עדן און די זינדיקע נשמות וועט ער וייזן די טיר צום גיהנום. אליהו שטייט אויך יעדן ערב שבת ביים דער טיר פון גיהנום, ער נעמט אַרויס די זינדיקע נשמות און פירט זיי צוריק מוצאי שבת, און פונקט צו דער הבדלה קומט ער, אליהו הנביא, אליהו התשבי...

פסח ביינאַכט צום סדר פירט זיך, אַז מ׳גיסט אָן אַ חוץ די ארבע כוסות — אַן עקסטרע כוס, אַ פינפטן כוס, לכבוד אליהו הנביא. ווען מען זאָגט אין דער הגדה דעם שפוך חמתך על הגוים און מ׳עפנט די טיר פאַר דעם געהויבענעם גאַסט, זאָגט מען: ברוך הבא, אליהו הנביא איז דאָ. ער איז אַן אַנגעלייגטער גאַסט, אַ גאַר וואַזשנער גאַסט. עס קוקן די קינדער אויפן כוס וויין און דערוואַרטן דעם מיסטעריעזן וואונדער־נביא, וואָס געפינט זיך סימבאָליש אין דער נאַכט פון סדר אין אַלע יידישע הייזער.

און די מחשבות פון די דערוואַקסענע ביים סדר טראַכטן וועגן דער צייט פון דער גאולה שלימה, ווען אליהו הנביא וועט ווידער אָנזאָגן די בשורה פון ביאת המשיח און די וועלט וועט דעמאָלט ווערן באַפרייט און פרידן וועט הערשן אין יענע אַחרית הימים. דאַן וועט די וועלט פול ווערן מיט וויסן און ס׳וועט מקוים ווערן די נבואה פון „מלאה הארץ דעה", אַלע ספקות וועלן אויפגעקלערט ווערן, אפילו וויפיל כוסות מען טרינקט פסח צום סדר, פיר צי פינף? אויך אַלע אַנדערע תיקו׳ס וועלן קלאָר ווערן, ווייל: תשבי יתרץ קשיות ובעיות — אליהו דער תשבי וועט פאַרענטפערן אַלע פראַגן און פראָבלעמען.

עמוס, דער ערשטער פון די שריפט־נביאים

דער נביא עמוס, דער שטורמער און קעמפער פאר סאָציאַלן יושר און פאר געזעצלעכע גלייכהייט פון מענטשלעכע רעכט, האָט געלעבט און געווירקט אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט די אוניווערסאַלע נביאים, הושע און יונה. געקומען איז ער פון תקוע אין די יהודה־בערג און ניט פון אַ יחוסדיקער משפּחה, נאָר פון פּשוטע דאָרפס־מענטשן, פּאַסטוכער פון שאָף און רינדער, און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט גערטנעריי. אָבער דאָס האָט עמוסן ניט אָפּגעהאַלטן צו זאָגן אָן מורא מוסר די בני־ישראל און זייער קעניג מיט אַזעלכע רייד: „איך וועל שטיין איבער ירבעמ׳ס הויז מיט אַ שווערד.״ כאָטש ער האָט גוט געוואוסט אַז אַזעלכע רייד קענען אים פאַרטרייבן פון לאַנד אָדער אומברענגען...

און ווען אמציה דער כהן עצהט דעם נביא צו גיין צוריק צו זיין לאַנד פון וואַנען ער איז געקומען און דאָרטן עסן ברויט אין פרידן, ענטפערט אים עמוס: „איך בין ניט קיין נביא, אויך מיין טאַטע איז ניט קיין נביא, און בנוגע מיין עסן מיין ברויט במנוחה, זאָרג איך זיך ניט — כ׳האָב ברוך השם פּרנסה פון מיינע שאָף און רינדער און פון גערטנעריי. אָבער עמוס ווערט יאָ געשטערט אין זיינע רעדעס קעגן קעניג און קעגן די רייכע עלעמענטן און קעגן די כהנים. דערפאַר איז ער געצוואונגען געווען צו פאַרשרייבן זיינע געדאַנקען און שפּעטער עס צעטיילן צווישן פאָלק אין די געמאַרק־טעג, ווייל דאָרט האָט ער צוגעזען דעם גרויסן שווינדל און אָפּנאַרעריי, וואו דער שוואַכער ווערט באַרויבט און באַגזלט, ווי דער קרעמער פעלשט צוזאַמען מיט די פאַלשע כהנים, וואָס דינען די אינטערעסן פון די רייכע גוטבאַזיצער און מאַכן זיך לוסטיק און פריילעך אויפן חשבון פון אָרימען פאָלקס־מענטש...

אַז מ׳דערמאָנט זיך דאָס אַלעס איז נשתומם צו ווערן איבער דעם גורל פון דעם דאָזיקן נביא און מ׳פרעגט: רעדט דען ניט גאָטס גייסט פון זיינע רייד? איז דען זיין פלוצלינגער אויפשטייג ניט אַ דערהויבונג פון אַ מענטשן צו שטייגן צו אַזאַ הויכע מדרגה, כמעט נאָענט צו גאָט?

* * *

עמוס דערשיינט אין אַ צייט ווען עס האָט געהערשט אַנאַרכיע אין לאַנד. עס זיינען די לעצטע יאָרן פון ירבעם דעם צווייטנס ממשלה איבער

מלכות ישראל, וואָס האָט אויך טיילווייז אַרונטערגענומען מלכות יהודה אונטער זיין יאָך.

מיר ווייסן פון נביא עמוס ניט פון לעגענדעס, אַזוי ווי די פריער־דיקע נביאים, אליהו און אלישע, נאָר פון זיינע שריפטן, וואָס פריידיקן אַן אידעאַל פון אַ הויכער מאָראַל, און דער נביא דערוואַרט ניט אַ מענטשן זאָלן זיין מלאכים! ווי זאָגן די חכמים (ברכות כ"ה): „לא נתנה תורה למלאכי השרת." וואָס דער נביא וויל איז, אַז דער יצר־הרע זאָל ניט קריגן די איבערהאַנט, און דער מענטש זאָל זיך קענען בעסער צוימען מיט זיינע עמאָציעס, ווייל אינגאַנצן בטל מאַכן דעם יצר־הרע איז אוממעגלעך, ווי עס ווייזט אָן די גמרא (סנהדרין ס"ד): „פעם תפסו וכלאו את היצר הרע ולא נמצאו ביצה בת יומה לחולה" (מען האָט אַמאָל געפּרוּווט פאַרהאַלטן דעם יצר־הרע, איז ניט געבליבן קיין פריש איי פאַר אַ חולה).

* * *

די באַזונדערע כאַראַקטעריסטיק פון עמוס, דער ערשטער שריפט־נביא, איז זיין גלויבן אַז גאָט איז אַן אוניווערסאַלער און ניט בלויז פון ישראל, נאָר ער איז אויך דער גאָט פון אַלע פעלקער. יידן זיינען אָנגעקומען אין לאַנד כנען, איז ביז אחאב'ס צייטן האָבן זיי געפירט קריג מיט קליינע פעלקער אַרום זיי און זיי באַזיגט. טאָמער האָבן זיי אַמאָל ניט געזיגט, האָבן זיי אָנגעגעבן די סיבה איבער דעם כעס פון גאָט, און זיי האָבן געגלויבט — ווען זיי וועלן אים איבערבעטן וועלן זיי ווידער זיגן. און די ערשטע נביאים, ווי שמואל, אליהו און אלישע, האָבן אָפּגעהיטן די דאָזיקע איינשטעלונג. אָבער אין אַחאָב'ס צייטן האָבן יידן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיט אַ שטאַרק פאָלק, ווי אַרם, וואָס דער מלך עמרי האָט געקעמפט מיט אים זיין גאַנץ לעבן, און עס איז געווען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. האָבן יידן אָנגעהויבן זיך וואַקלען און ספקן אין זייער אמונה אין גאָט. אָבער צום סוף האָט אַחאָב באַזיגט אַרם און דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז יידן האָבן ניט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט.

אָבער אָט קומט שפּעטער אַשור, וואָס איז ווי אַ שטאַרקער ריז און שווער צו באַזיגן. האָבן יידן טאַקע אים ניט באַזיגט. הייסט עס, אַז דער יידישער גאָט קען ניט ביישטיין דעם פרעמדן גאָט, אפילו אין זיין אייגן לאַנד? איז דער פרעמדער גאָט שטאַרקער פון אונדזער גאָט? דעמאָלט איז אויפגעקומען די פראַגע: יהוה אָדער בעל? זיינען די נביאים אַרויסגעטראָטן מיט דעם לאָזונג: נישט מער קיין צוויי געטער! עס איז

דאָ נאָר איין גאָט, י ה ו ה איז זיין נאָמען. אַלע אַנדערע געטער זיינען פאַלשע געצקעס, און די פעלקער וואָס קריגן מיט די יידן זיינען בלויז אינסטרומענטן אין גאָטס הענט, וואָס דורך זיי שטראָפט ער די זינדיקע: אַשור איז די רוט אין גאָטס האַנט צו שטראָפן זיין זינדיק פאָלק. און ישראל ווערט געשטראָפט, ניט ווייל זיי זיינען מער זינדיק פון אַנדרעע, נאָר ווייל זיי זיינען ניט בעסער פון אַנדערע פעלקער, און די גוטע יידן אַלעמאָל מער.

די נביאים האָבן עס ממש געזען פון זייער אייגן לעבן. פאַרוואָס ווערן די נביאים גערודפט? זיינען זיי דען זינדיקע? ניין! זיי ליידן, ווייל זיי זיינען בעסער. אַזוי אויך מיטן יידישן פאָלק. טאָקע ווייל זיי זיינען אויסדערוויילט צו זיין די פאָן־טרעגער פון יושר און צדק, דערפאַר ווערן זיי געשטראָפט מער פון אַנדערע פעלקער. אָט־די אַלע געדאַנקען ווערן אַרויסגעבראַכט אין ספר עמוס.

* * *

עמוס׳ אנשויאונגען קענען איינגעטיילט ווערן אין פיר טיילן: פאָליטיש, סאָציאַל, עטיש און טרייסט. ווי אַ גוטער פּאָליטיקער זעט ער ווי דאָס לאַנד איז רייך געוואָרן און דאָס פאָלק לאָזט זיך וואוילגיין אין לוקסוס. ירבעם בן יואש האָט טאַקע אויסגעברייטערט די גרעניצן, אָבער ער האָט ניט געזען די געפאַר וואָס לויערט איבער זיין קאָפּ. ווען אַשור האָט געוואָלט אַריינדרינגען קיין מצרים איז אים אַרם געווען אין וועג, האָט ער אָנגערייצט ישראל זאָל מלחמה האַלטן מיט אַרם, כדי זיי זאָלן ביידע ווערן אָפּגעשוואַכט און שפּעטער קומען און איינעמען ביידע, אַרם און ישראל. און ישראל האָט ניט איינגעזען די סכנה. זיי האָבן זיך געזיכערט מיט זייער רייכקייט, און דער נביא האָט צער פון דעם וואָס דאָס פאָלק וויל ניט זען די סכנה וואָס קומט אויף אים...

דער נביא, וועלכער איז פּאָליטיש אָריענטירט, זעט אין דער סאַמע בעסטע צייט פון וואוילזיין אויף אַ מפּלה. אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון פאָלקס איינערדעניש איז געווען, אַז היות ווי עס איז דאָ שפע אין לאַנד, איז ווער גיט דאָס אַלעס, אויב ניט גאָט? מסתמא ווייל יידן זיינען דאָס בעסטע פאָלק, דער עם סגולה. די דאָזיקע פאַלשע זיכערקייט איינרעדע־ניש האָט זיי פאַרפירט. זיי האָבן געגלויבט אַז גאָט האָט די יידן ליב. ער האָט זיי רייך געמאַכט, וועט ער ניט לאָזן עמיצער זאָל יידן שלעכטס טאָן. אָבער דער נביא עמוס זאָגט:

זאָל קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט
און רעכטפערטיקייט ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער.

אמת, גאָט האָט אייך אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, אָבער ניט כדי איר זאָלט האָבן באַזונדערע ספּעציעלע פּריווילעגיעס; נאָר כדי אייערע פליכטן זאָלן זיי גרעסער פון אַנדערע פעלקער. טאָ בעמט זיך ניט איבער וואָס גאָט האָט אייך אַרויסגענומען פון מצרים; אויך די פלישתים האָט ער אַרויסגענומען פון כפתור, און אַרם פון קיר. און ביי גאָט זיינען אַלע פעלקער גלייך. „פונקט ווי כושים זייט איר ביי מיר, זאָגט גאָט" (עמוס ט־ז). דעריבער האָט איר זיך גאָר ניט וואָס צו גרויסן איבער די אַנדערע פעלקער, און יהוה, דער נאַציאָנאַלער גאָט פון די יידן ווערט דאָ דער גאָט פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. אַלע פעלקער זיינען זיינע באַשעפענישן! און דאָ הויבט זיך אויף עמוס אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון רעליגיעזן אוניווערסאַליזם.

* * *

דער סאָציאַלער איינשטעל איז געווען אַזאַ, אַז וואָס גרעסער עס איז געוואָרן די יידישע באַפעלקערונג, אַלץ קלענער איז געוואָרן דער חלק ערד פאַר אַלעמען צו שפּייזן. דאָס לאַנד איז געווען אין די הענט פון איינצעלנע עשירים, און פאַר דאָס רוב אָרעמע פויערים איז גאָרניט געבליבן, און כדי צו באַאַרבעטן די גרויסע שטרעקעס לאַנד האָבן די רייכע לאַנד־אייגנטימער זיך באַנוצט מיט געדונגענע הענט פון די לאַנד־לאָזע ערד־אַרבעטער. און צוזאַמען מיט דער גרויסער שפע פון עשירות און גרויס לוקסוס איז אויך געוואַקסן די אָרעמקייט און אומגלייכהייט. און דער נביא עמוס שטורעמט אויף קעגן אַזאַ טרויעריקן מצב און ער זאָגט, די הערשאַפט פון איין מענטש איבער זיין חבר איז שלעכט:—

איר, וואָס ווילן איינשלינגען דעם אביון
און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד,
צו פאַרקלענערן די איפה, און פאַרגרעסערן דעם שקל,
צו פאַרדרייען מיט פאַלשע וואָגשאָלן;
וועל איך פאַרקערן אייערע ימים־טובים אין טרויער
און אייערע געזאַנגען אין אַ קלאָג. (עמוס ז־ח־ח).

בעת איר עסט און פרייט זיך, וועט קומען אַשור און אייך פאַרטרייבן פון אייער לאַנד און חרוב מאַכן אייער מדינה. און דער נביא וואָרנט די די רייכע וועגן דעם בראָך וואָס קומט:—

איר וואָס ליגן אויסגעצויגן אויף אייערע געלעגערס
און ליגן אויף בעטן פון העלפאַנטביין;
עסן לעמער פון די שאָף און קעלבער פון שטאַל,
מיט די בעסטע אײלן זאַלבן זיי זיך
און קימערן זיך ניט אויף דעם קומענדן בראָך. (עמוס ו׳ד).

אָבער גאָט איז אויך אַ גוטער. ער איז פאַר גלייכהייט, און גאָט איז בלויז גוטס. דאָס שלעכטע קומט דורך שלעכטע מעשים. גאָט שטראָפט אָבער ער וויל דער מענטש זאָל תשובה טאָן. אַז מענטשן וועלן זיך אויפפירן עטיש וועט די וועלט געהאָלפן ווערן. און ווען דער נביא זעט ניט עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט, זעט ער אַ וויזיע פון אַ וועלט צוקונפט פון פאָלקאָמענער גוטס. ער זאָגט אין נאָמען פון גאָט:

איך וועל שיקן אַ הונגער אין לאַנד;
ניט אַ הונגער נאָך ברויט, ניט אַ דורשט נאָך וואַסער,
נייערט צו הערן די ווערטער פון גאָט.
אין יענעם טאָג וועל איך אויפשטעלן
דאָס איינגעפאַלענע ביידל פון דוד
און וועל פאַרצוימען אירע בראָכן.
זייערע חורבות וועל איך אויפשטעלן,
און וועל עס אויפבויען ווי אין ד יאָמאָליקע טעג,
איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף זייער ערד
און זיי וועלן מער ניט אויסגעריסן ווערן פון דער ערד
וואָס איך האָב זיי געגעבן, זאָגט גאָט דיין האַר.
(עמוס ט׳, 11-13)

מיט טרייסט-ווערטער פון האָפענונג פאַר אַ בעסערער מערכה פאַרן יידישן פאָלק, אַז זיינע חורבות וועלן אויפגעשטעלט ווערן און אַז יידן וועלן דאָס מאָל זיך איינפלאַנצן אויף זייער ערד אויף אייביק — אַזעלכע ווערטער זיינען די אמתע סימנים פון אַ גרויסן נביא. הגם קיין סך אַנדערע סימנים, ווי אַ שטייגער נסים, וועט איר ביי עמוסן ניט געפינען. אָבער דער גרעסטער כאַראַקטער-שטריך פון אַ נביא איז דער אימפּעראַטיוו, וואָס טרייבט אים, דעם פאַסטוך, קעגן זיין ווילן, צו ווערן איינער פון די גאָר גרויסע נביאים...

דער נביא הושע

דער צווייטער נביא פון די שריפט־נביאים, נאָך עמוס, איז געווען הושע בן בארי, בערך 750 יאָר פאַר דער אָנגענומענער צייט. צו פאַר־גלייכן זיי ביידן קען מען זאָגן, אַז עמוס איז געווען דער נביא פון משפט און צדק און הושע האָט אַריינגעבראַכט אויך דעם אַספּעקט פון ליבע צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל. גיכער איז הושע גלייך צו ירמיהו; אויך ביי אים שטראַלט אַרויס אַ פונק פון ליבשאַפט.

הושע'ס נבואה איז גלייך צו די פון עמוס, נאָר הושע גייט נאָך ווייטער פון עמוס מיט טיפערע געפילן און באַגריפן. ער טרעט אַרויס שאַרף קעגן די געזעלשאַפטלעכע שלעכטס און ער זאָגט: ווייל דער מענטש איז אַזוי שלעכט, וועט די ערד פאַר'אַבל'ט ווערן און אַלע אירע איינוואוינער וועלן פאַרשניטן ווערן (י־ט"ו); די חיות אין פעלד און די פייגל אין די הויכן, אויך די פיש אין ים וועלן אוסשטאַרבן (ד'־ג'); די נאַטור וועט ליידן און געשטראָפט ווערן איבער די זינד פון מענטשן, ווארים גאָט איז הערשער איבער מענטש און נאַטור צוגלייך; ווען אַ מענטש זינדיקט, שטערט ער דעם סדר עולם פון מאַראַל.

הושע טרעט אַרויס שאַרף קעגן דער פּאָליטיק פון די מלכים, פאַר זייער ניט סטאַביליטעט און קעגן די פירער זייערע, די מיניסטאָרן, פאַר די אינטריגעס אין לאַנד. ער זעט שלעכטע מעשים פון זיי און ער זאָגט: „ברעתם ישמחו מלך, ובכחשיהם — שרים" (ז'־ג') — מיט זייער בייז דערפרייען זיי דעם מלך און מיט זייערע ליגנס — די האַרן.. די הערשער און זייערע עצה־געבער זיינען פרעסער און זויפער און די גאַנצע צייט זיינען זיי קראַנק פון שיכרות.... דער נביא קען ניט פאַרשטיין אַז אַזוינע הערשער זאָלן זיין באַשערט פון גאָט: „הם המליכו ולא ממני, השירו ולא ידעתי" (ח'־ד'). — זיי האָבן זיך געמאַכט מלכים, אָבער אָן מיר; געמאַכט זיך האַרן, און איך האָב ניט געוואוסט.

עס אז ניט אַוועק קיין לאַנג צייט און אַשור האָט איינגענומען שומרון. הושע האָט שוין ניט דערלעבט צו זען די מפּלה פון שומרון. זיין נבואה האָט אויפגעהערט בשעת דעם לעצטן קעניג פון שומרון הושע בן אלה. די צייט ווען דער נביא הושע טרעט אַרויף די אַרענע איז געווען אַ שווערע

צייט פאַר מלכות ישראל־שומרון. אין לאַנד הערשט פולשטענדיקע אַנאַר־כיע. דער לעצטער מלך פון ישראל וואָס איז געשטאָרבן אויף זיין אייגן בעט איז געווען דער צווייטער ירבעם (בן יואָש). די אַנדערע קעניגן נאָך אים האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן. דער מצב, די פּאָליטיק אין לאַנד איז ניט געווען זיכער. אַשור גייט אויף ישראל אין מלחמה און דער מלך מנחם בן גדי קויפט זיך אויס מיט טויזנט גאָלד־שטיק געזאַמלט פון די רייכע גוטבאַזיצער, וואָס האָט געשאַפן רו אין לאַנד, אָבער ניט אויף לאַנג.

די לאַגע איז געוואָרן געפערלעך, איבער דעם צופיל וואוילטאָג. דאָס פאָלק איז אַריינגעטאָן אין זינד און דער נביא מוסרט די כהנים, וואָס ווינטשן אַז דאָס פאָלק זאָל זינדיקן, בכדי צו קענען מקריב זיין מער קרבנות, און זיי, די כוהנים, עסן, טרינקען און לעבן אין וואוילטאָג:

חטאת עמי יאכלו ואל עוונם ישאו נפשו.
(זיי נערן זיך אויף די זינד פון מיין פאָלק
און אויף זייער פאַרברעכן קוקן זיי אויס. (ד׳־ח׳)

העם רב אם הכהן, מי מהם ישפיל יותר את כבוד האלהים.
(דאָס פאָלק איז אין גאַנג מיט דעם כהן,
ווער עס וועט מער דערצערענען גאָט). (ד׳־ד׳).

* * *

כדי צו פאַרשטיין די שטראָף־רייד און שפּעטער די רייד פון טרייסט פונם נביא הושע איז ווערט צו דערמאָנען אַ פּערזענלעכע דערפאַרונג וואָס האָט מיט אים געטראָפן, אַ מערקווירדיקע געשיכטע: דער נביא פאַרליבט זיך אין אַ גאַסן־פרוי, אַ זונה. ער האָט גוט געוואוסט אַז זי איז ניט קיין צנועה, אָבער זיין איבער־נאַטירלעכע ליבע צו איר האָט גובר געווען אַלעס, און ער האָט געהאָפט אַז ער וועט איר רעפאָרמירן און אַרויפהייבן פון איר נידריקן מצב דורך זיין שטאַרקע ליבע צו איר.

ווען מיר לייענען אָט־די געשיכטע, דערוועקט זיך ביי אונדז אַ מאָדנער געפיל, היתכן! מי שמע כזאת? אַ נביא, אַ מאָראַל־פּריידיקער, זאָל וואוינען מיט אַ זונה? אָבער אַז מיר לייענען ווייטער: זיין ליבע צו איר איז שטאַרק, ער קען זיך פון איר ניט באַפרייען: דעריבער טראַכט ער — בישט אַנדערש ווי דאָס איז אַ נסיון פון זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט אים באַפוילן: „לך, קח לך אשת זנונים״ (גיי נעם זיך אַ זונה פאַר אַ ווייב)

בכדי ער זאָל זיין אַ סימבאָל, אַ משל, צום פאָלק ישראל. ער פאַרליבט זיך אין איר, ער האָט מיט איר חתונה; האָט זי דאָך געמעגט זיין צופרידן און גליקלעך וואָס ער האָט איר אַרויפגעהויבן פון אָפּגרונט?

אָבער ניין! זי פאַרלאָזט אים און פאַרליבט זיך אין אַנדערע מענער. דער נביא שטורעמט אויף קעגן אַזאַ פאַרשייטקייט. ער וויל איר פיינט האָבן און פאַרגעסן אין איר. פילט ער אָבער נאָך אַ גרעסערע ליבשאַפט צו איר. און צוויי געפילן קעמפן אין אים — קנאה און רחמנות. ער טראַכט: סייווי וועט זי קומען צו ריק. ער האָפט אַז אַזוי וועט עס טאַקע געשען און ער וועט זי צוריקנעמען מיט ליבשאַפט. ער טראַכט: גאָט האָט עס אים אַריינגעפירט אין אַזאַ שלעכטן מצב אומישנע, ער זאָל בעסער פאַרשטיין די פאַרהעלטעניש צווישן גאָט און די בני ישראל; אויך צו ווייזן אַז יידן האָבן זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען.

דער נמשל איז קלאָר: גאָט האָט פיינט און אויך ליב די יידן; דער עיקר וויל גאָט אַז יידן זאָלן זיך אומקערן צו גאָט און זיין תורה...

אָבער אַ חוץ אַלעם האָט גאָט דאָס זינדיקע פאָלק ישראל אויסדערוויילט צו זיין דער פאָן־טרעגער פון הויכן מאָראַל און אַבסאָלוטן יושר און צדק. יידן האָבן געזינדיקט און אָפּגעקערט צו פרעמדע געטער; ניט אַרויסגעוויזן קיין דאַנקבאַרקייט צו זייער אמתן גאָט; זיי דענקען אַז אַל־דאָס גוטס איז געקומען צו זיי פון אָפּגאָט בעל. און גאָט וויל פאַרטרייבן פון זיך די יידן, פונקט ווי הושע וויל זיך אָפּקערן פון זיין ווייב. אָבער ער ליבט איר נאָך, טאָ ווי קען ער זי פאַרטרייבן?! און דער נביא הושע ענדיקט זיינע נבואות מיט די ווערטער:

רעכטפאַרטיק זיינען די וועגן פון גאָט;
גערעכטע גייען אין זיי,
און פאַרברעכער ווערן געשטרויכלט אין זיי...

ישעיה הנביא, וויזיאָנער פון אייביקן שלום

(תנ״כישע פראַגמענטן)

ישעיה, דער זון פון אָמוץ, האָט נביאות געזאָגט אין דער צייט פון פיר מלכים: עוזיהו, יותם, אָחז און חזקיהו, און אַ גאָר קורצע צייט אויך פון מלך מנשה. דער ספר ישעיה האָט זעקס־און־זעכציק קאַפּיטלעך, פון וועלכע די לעצטע זעקס־און־צוואַנציק ווערן אָנגענומען אַז זיי באַלאַנגען צו אַ שפּעטערדיקן נביא, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון די גולי־בבל נאָכן ערשטן חורבן, ווייל אין קאַפּיטל מ״ח ווערט דער־מאָנט דער נאָמען כורש מלך פּרס, און ער זאָגט בשורות פון גאולה און טרייסט־ווערטער, פון „נחמו נחמו עמי״ (ישעיה מ׳). אויך דער סטיל איז אַנדערש. אָבער מיר וועלן זיך האַלטן מיט דער טראַדיציע פון איין ישעיה.

לויט דער גמרא (פּסחים פּ״ז) האָבן פיר נביאים געזאָגט נבואות אין איין צייט: עמוס, הושע, ישעיה און מיכה, און פּונקט ווי עמוס, טרעט אויך ישעיה אַרויס קעגן דער אומגערעכטיקייט וואָס הערשט אין לאַנד; אויך ער שטראָפט און מוסרט די יידן, אַז מיט קרבנות אַליין טוען זיי ניט דעם ווילן פון גאָט, און ער זאָגט אין נאָמען פון גאָט (ישעיה י״ג):

צו וואָס טויגן אייערע קרבנות ?\
כ׳בין זאַט פון די פעטע רינדער;\
אייערע ימים טובים האָב איך פיינט —\
זיי זיינען אַ לאַסט אויף מיר...

בכלל איז דער נביא ניט געווען קעגן קרבנות, ווען צוזאַמען מיט די קרבנות וואָלט באַגלייט חרטה און תשובה, אָבער סתם ברענגען קרבנות און גלייך ווידער זינדיקן, האָט קיין זין ניט, און דער נביא שרייט צום פאָלק: טוט תשובה!

אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט —\
וואַשט זיך, ריייניקט זיך,\
טוט אָפּ שלעכטס פון זיך;\
פאָדערט גערעכטיקייט, שטאַרקט דעם געדריקטן,\
טוט רעכט דעם יתום, נעמט זיך אָן פאַר דער אַלמנה...

אַמשטאַרקסטן דריקט זיך אויס די שטימונג פון נביא ישעיה קעגן די זינד פון פאָלק. באַלד אין ערשטן קאַפּיטל, אין זיין פּאַטעטישן מעטאַ־פאָר. ער פאַרגלייכט יידן פון זיין דור בידריקער פון די שטומע באַשעפּע־נישן. ער זאָגט אין נאָמען פון גאָט (ישעיה א'):

הערט איר הימלען און פאַרנעם די ערד!
ווארום גאָט האָט גערעדט:
קינדער האָב איך דערצויגן און אויפגעבראַכט,
און זיי האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר;
אַן אָקס ווייסט זיין באַלעבאָס,
אַן אייזל — די קאָרעטע פון זיין האַר;
ישראל, ווייסט ניט, מיין פאָלק קוקט זיך ניט אום.
פון פוס־טריט ביזן קאָפּ איז אין אים קיין גאַנץ גליד ניטאָ—
איר פירער פון סדום, איר פאָלק פון עמורה...

לויט דעם מצב פון פאָלק און זייער גלייכגיטיקייט האָט ישעיה געזען צו וואָס עס קען פירן, און ער מאָלט אַ בילד פול מיט שרעק, ווי אַזוי דאָס פאָלק שטייט ביים ברעג פון אָפּגרונט און וויל ניט זען אַז אָט באַלד פאַלט עס דאָרט אַריין. נאָך ערגער וואָס עס פילט ניט דעם בראָך און חורבן, טאַנצן זיי דערוויל זייער טויטן־טאַנץ ביים אָפּגרונט. און פונקט ווי דער נביא עמוס, אַזוי אויך ישעיה רעדט מיט ביטערקייט קעגן די פירער, ידי, די ראשי הקהל, וואָס פאַרברענגען זייערע טעג און נעכט ביי באַנקעטן און הוליאַנקעס, און זייערע נעכט זיינען פול מיט זינד. דער נביא קרענקט פון דעם און אין פאַרצווייפלונג וואַרפט ער אַראָפּ זיינע קליידער און גייט אַרום כמעט נאַקעט און באָרוועס, אַזוי דריי יאָר צייט, ווי אַ סימבאָל, אַז אַזוי וועלן די פאַרטריבענע דורך סנחרב מלך אַשור גיין אין גלות, אויב זיי וועלן ניט תשובה טאָן.

ישעיה באַווייזט אין זיינע שטראָף־רייד די לעכערלעכקייט פון די מענטשן, וואָס בוקן זיך צו די געטשקעס געמאַכט פון זייערע אייגענע הענט. ווי נידעריק מוז אַ מענטש שוין זיין זיך צו שפּילן קינדעריש מיט די ווערק פון זיינע אייגענע פינגער און דאָס באַוואונדערן פאַר אַ גאָט, אַ פאַרגלייכעניש צו אלף אלפי הבדלות צו אונדזער „אל חי וקים„, וועל־כער איז הויך און הייליק און די וועלט איז אונטער זיין קאָנטראָל — „מלא כל הארץ כבודו"...

* * *

ישעיה איז ניט ווי עמוס, דער נביא פון בלויז צדק און משפט; אויך ניט ווי דער נביא הושע, וואָס זיין אַטריבוט צו גאָט איז רחמנות און ליבשאַפט. ישעיה גייט נאָך ווייטער, ער גיט צו דעם גייסט פון הייליקייט און דערהויבנקייט. דער דאָזיקער שטריך גייט דורך אַלע זיינע נבואות...

אין אַ מער שטימונגספולן געמיט ווערט דער נביא מער איינגעהאַלטן און ער זוכט אַן אויסגלייך צווישן יידישן פאָלק און גאָט, און דער נביא רעדט אין נאָמען פון גאָט: „לכו נא ונוכחה״ — לאָמיר זיך אַדורכשמועסן, זאָגט גאָט:

אויב אייערע זינד וועלן ווי קאַרמין רויט זיין,
וועלן זיי ווייס ווי שניי ווערן;
אויב איר וועט וועלן און וועט צוהערן,
וועט איר עסן דאָס גוטס פונעם לאַנד;
אָבער אַז איר וועט ווידערשפעניקן
וועט איר פון דער שווערד געגעסן ווערן,
וואָרום די מויל פון גאָט האָט גערעדט...

ישעיה הנביא האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין וועלטפּאָליטיק פון זיין צייט. זיין השפעה אויפן קעניג אָחז, אויך שפּעטער אויף קעניג חזקיה, איז געווען זייער גרויס. דאָס איז אַ זעלטנהייט ביי נביאים. ישעיה לעבט דווקא בשלום מיטן מלך; ער שטראָפט ניט, ער מוסרט אים ניט, נייערט ער באַווירקט אים, און דער מלך טוט ניט קיין זאַך אָן זיין עצה. אַן אויסנאַם איז געווען מיט חזקיה׳ס זון, דער מלך הרשע, מנשה, וועלכער האָט צוריק איינגעפירט געצנדינסט, און ווען דער נביא וואַרפט אים דאָס פאָר, ווערט דער מלך אין כעס און הייסט טויטן דעם נביא ישעיה. (יבמות מ״ט).

* * *

ישעיה האָט זיך געזאָרגט שטאַרק פאַר שלום אין זיין צייט. ער איז געווען מער זיכער וועגן דער צוקונפט, ווייל ער גלויבט אין נצח ישראל. זיינע רעליגיעזע אנשויאונגען זיינען פון די העכסטע אידעאַלן, וואָס פירן אים שפּעטער צו משיחישע וויזיעס פון אַחרית הימים. דער נביא ישעיה באַטייליקט זיך אין אַלע סטראַטעגישע פּלענער פון צוגרייטן די באַשיצונג פון לאַנד און פאָלק, און ווען דער קעניג פון מלכות ישראל, פקח בן רמליהו, צוזאַמען מיטן קעניג רצין מלך אַרם, גייען אויף מלחמה קעגן מלכות יהודה, ווערט דער מלך אָחז דערשראָקן און ער טראַכט צו

שטילן אים מיט שוחד און מתנות, אָבער דער נביא רעדט אים אָפּ דערפון: „צו וואָס אָנשטאָפּן די שונאים מיט אוצרות גאָלד און זילבער און צום סוף האַלטן זיי סיווי ניט זייערע צוזאָגן; מען קען זיך אויף זייערע הבטחות ניט פאַרלאָזן. בעסער טוט גאַרניט, וואַרט אָפּ — עצהט ער דעם מלך: „סגור דלתיך מפניך וחכה עד יעבור הזעם.“ (פאַרשליס די טויערן און וואַרט אָפּ ביז דער צאָרן וועט אַריבער).

אַ צווייט מאָל מישט זיך דער נביא אין פּאָליטיק, ווען סנחריב גייט באַלאַגערן ירושלים, עצהט דער נביא: יאָ אָפּקויפן דעם מלך פון אַשור מיט גאָלד און זילבער, ווייל ער האָט געזען דאָס די צייט איז ניט געווען גינציק פאַר אַ ווידערשטאַנד. ערשט שפּעטער מאַכט חזקיה אַן אויפשטאַנד און אַ קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט, און דער נביא איז מיטן מלך אין פולער האַרמאָניע. אמת, זאָגט ער, דער שונא האָט מער געווער און אַ גרעסערע אַרמיי, דערפאַר אָבער האָבן מיר אַ בעסערע קולטיווירטע אַרמיי, ווייל דער עיקר איז גוטע דיסציפּלינירטע כוחות, וויכטיקער פון פיזישע כוחות.

דאָס יידנטום איז חזקיה׳ס צייטן איז געשטאַנען זייער הויך, ניט ווי אין דער דער צייט פון מלך יהויקים און דעם נביא ירמיהו. דער מלך חזקיה לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון נביא ישעיה. עס קומען פאַר וויכטיקע ענדערונגען, נייע רעפאָרמען ווערן געשאַפן; ס׳ווערט אַן אויפלעבונג, פּונקט ווי אין דער צייט פון דוד און שלמה.

די גרויסקייט פון נביא ישעיה באַשטייט אין זיין וויזיע פון אחרית הימים. ער זעט אַ חלום פון אַ גליקלעכע צייט פון אמתן שלום, אָן מורא און שנאה:

און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס,
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הויבן קיין שווערד
און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה. (ישעיה ב׳ 2־7)

אמת ושלוה וועלן הערשן אויף דער גאַנצער וועלט. ניט נאָר מענטשן וועלן לעבן אין פרידן, אויך די באַשעפענישן פון דער ווילדערניש וועלן זיך מער נישט שרעקן. (ישעיה י״א־ז׳):

אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס
און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט הויערן,
און אַ קאַלב און אַ יונג לייב און אַ פעט רינד באַנאַנד,
און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן.

ירמיהו הנביא, דער טראַגישער מקונן

ירמיהו איז דער איינציקער נביא וואָס מיר ווייסן די געשיכטע פון זייז פערזענלעכן לעבן; בשעת ביי אַנדערע נביאים ווערט אין זייערע ספרים דערציילט פון נבואות פון אַ נאַציאָנאַלן, אויך אוניווערסאַלן כאַראַקטער, און דער פערזענלעכער לעבן זייערער ווערט ווייניק דערמאָנט; אַנדערש אָבער איז ביי ירמיה, אין גרעסטן טייל פון זיין ספר איז דערציילט אינטימע איינצלהייטן פון זיין שווער לעבן, און פאַר דעם רייכן מאַטעריאַל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די געניטע און פלינקע פעדער פון ירמיה'ס תלמיד, ברוך בן נריה, וועלכער האָט פאַרצייכנט דעם נביאס אָפּשטאַם, אַז ער איז דער זון פון חלקיה דער כהן פון דער שטאָט ענתות לעבן ירושלים, און גלייך פון קינדהייט אָן האָט ער מיטגעמאַכט אַ סך אומגליקן און גרויסע צרות, די גאַנצע צייט פון זיינע צוויי־און־פערציק יאָר אַלס נביא.

אין זיין צייט האָבן זיך געביטן פיר מלכים. עס איז געווען פאַרן נביא אַ לאַנגע קייט פון יסורים און רדיפות פאַר זיינע איבערצייגונגען... אויך אַנדערע נביאים זיינען געגאַנגען קעגן שטראָם, אָבער קיין נביא האָט ניט אַזוי געליטן גייסטיקע און פיזישע שפּאַנונג ווי ירמיה. מיר

גאָר גרויס דערהויבט זיך דער נביא, ווען ער זאָגט נבואות וועגן דער גרויסער חכמה און פיל קענטיניס וואָס וועט אַרומנעמען אַלעמען:

אין יענע טעג וועט די ערד זיין פול מיט דערקענטעניס פון גאָט,
ווי די וואַסערן וואָס באַדעקן דעם ים,
אַלע וועלן זיין קלוג
און אַלע פעלקער וועלן שטראָמען צו איין גאָט.

עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען,
צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב;
וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה
און גאָטס וואָרט פון ירושלים. (ישעיה ב׳־2)

געפינען ווי אליהו אַנטלויפט פאַר אַחאַבן, עמוס אַנטלויפט קיין יהודה איבערן צאָרן פון כהן אַמציה; אויך ישעיה ווערט געשטערט צו ריידן צום פאָלק, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט אַזוי פיל צער און יסורים ווי ירמיה, וועלכער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ קדוש. אַ חוץ ביאָגראַפישע שטריכן ווערן דערציילט פון אים אין רייכע פאַרבן וועגן די שאַרפע מוסר־רייד פון ביטער־גאַליקן צאָרן, שפּיזן־ווערטער, פול מיט שוואַרץ־זעעריי, ווי ער גיסט פעך און שוועבל אויף יונג און אַלט.

ירמיה איז ווייט ניט צופרידן מיט זיין ראָלע אַלס נביא. ער בעט זיך ביי גאָט: „פאַרוואָס מוז איך זיין אַ נביא פון שטרייט און קריג?" און אַ געפיל פון יאוש פאַלט אויף אים; ער באַוויינט דער גרויסן בראָך וואָס גייט קומען; ער בעט זיך ביי גאָט:

„אָ, ווען מ'גיט מיר אַן אָרט אין מדבר, וואו עס נעכטיקן וועג־מענטשן, וואָלט איך פאַרלאָזן מיין פאָלק און וואָלט אַוועקגיין פון זיי"...

אָבער ער קאָן ניט אַנטלויפן, פונקט ווי יונה הנביא האָט ניט געקאָנט אַנטלויפן פון גאָטס שליחות צו דער שטאָט נינוה, אויך קאָן אַ נביא ניט זיין שטענדיק פול מיט ביטערקייט. און פונקט ווי יחזקאל הנביא, וואָס ווערט פון אַ שטראָפער, אַ טרייסטער, אַזוי האָט אויך ירמיה געביטן זיין טאָן; ער באַדויערט נאָר זיין ביטערן גורל, וואָס ער איז אַזוי איינזאַם, אין זיין קאַמף מיטן מלך, מיט די כהנים, און מיט אַ טייל פון די נביאים וואָס קאָלאַבאָרירן מיטן מלך; ער איז אויך אין קריג מיט גאָט, וואָס האָט אים אָפּגענאַרט: פריער אים געמאַכט פאַר אַ נביא, און צום סוף געלאָזט מאַכן אים צו שאַנד און שפּאָט, מחמת מ'הערט זיך ניט צו צו זיינע רייד, גאָטס רייד, וואָס האָט געוואָרנט ניט צו שליסן קיין בונד מיט מצרים קעגן בבל.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוט און געוואַגטקייט צו קומען אין בית־המקדש אויסגיסן זיין צאָרן און ביטערקייט וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זיין האַרץ. ער רופט דאָס הייליקע הויז — די הייל פון פּרוצים. ירמיה דערלויבט זיך אויך די העזה צו זאָגן זיינע נבואות וועגן חורבן — און וואו אין סאַמע הייליקן הויז. ער זאָגט: „דער דאָזיקער הייליקער בית־המקדש וועט חרוב ווערן אַזוי האָט געזאָגט גאָט, אויב איר וועט זיך ניט צוהערן צו מיין תורה און צו מיינע קנעכט די נביאים, וואָס איך שיק צו אייך. איך וועל מאַכן די שטאָט פאַר אַ קללה ביי אַלע פעלקער פון דער ערד."

אַזוי גיך ווי ירמיהו האָט געענדיקט ריידן האָבן די כהנים, לוויים

און אַ טייל פון פאָלק זיך געכאַפּט צו אים און געוואָלט אים צורייסן אויף שטיקער, און מיט קולות געליאַרמט — שטאַרבן מוזטו! עפּעס ווי דורך אַ נס איז ירמיה ניצול געוואָרן פון טויט. עטלעכע מענטשן האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט. דער עולם האָט ווירקלעך געגלויבט אַז דער נביא שעלט זיי און ווינטשט זיי שלעכטס, אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אַז מיט בלוט און ווייטאָג זאָגט ירמיה די נבואה פון גאָט, און דער נביא קען ניט שווייגן, ווען זיי אויג זעט ווייטער און זיין אויער הערט פריער פון אַלעמען: —

„איך דריי מיך פון ווייטאָג, מיין האַרץ טוט ברומען אין מיר;
איך קאָן ניט שווייגן, אַ קול שופר הערט מיין זעל, אַ ליאַרם פון מלחמה.״

* * *

דער נביא זעט דאָס זיינע רייד האָבן ניט קיין ווירקונג, נעמט ער זיך צו סימבאָלן. ער דערציילט:

איך האָב אַראָפּגענידערט צום הויז פון טעפּער
און געזען ווי ער טוט אַרבעט מיט ליים,
ער מאַכט אַ כלי און קנעט איבער און מאַכט אַנאַנדער כלי,
און גאָטס וואָרט איז געקומען צו מיר:
„זע! ווי די ליים אין די הענט פון טעפּער,
אַזוי זייט איר אין מיין האַנט.״

ירמיה רופט דאַן אַלע כהנים און מיוחסים צום מיסט־טויער, וואו דאָס ברוכוואַרג ליגט, און ער קויפט אַ נייעם קרוג און צעשמעטערט אים אויף שטיק־שטעקלעך: — „אָט אַזוי וועט איר און די שטאָט ירושלים צעבראָכן ווערן.״

אָבער ווי אַזוי האָט ווער געקענט גלויבן אין אַזאַ שוואַרצזעעריי? ווען אַלעס אַרום איז געווען פול מיט שפע, פרייד, זאַטקייט און לוקסוס רייכקייט. האָבן די מאַסן איגנאָרירט דעם נביא; אַנדערע ווידער האָבן אים גערודפט. דער נביא רופט פאַר תשובה פון זינד, און ער איז מתפּלל צו גאָט בטל צו מאַכן די גזירה.

זייער פּאַטעטיש איז דאָס וואָס דער נביא בעט רחמנות פאַר זיין באַליבט פאָלק; אין אַ צייט ווען דאָס אייגענע פאָלק האָט אים פיינט. אויך זיינע נאָענטע פריינט, זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן באַהאַלטענער־הייט מסכים געווען מיט אים, האָבן אָבער ניט געהאַט גענוג מוט צו פאַר־טיידיקן אים עפנטלעך. בלויז אחיקם, דער זון פון שפן דער סופר, האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט.

אין די דאָזיקן אומרואיקע צייטן זיינען די עולי־רגלניקעס און די טוריסטן געווען צעררייצט וואָס ירמיה האָט אַ תל געמאַכט פון זייער איינציקע טרייסט, אַז דער בית־המקדש וועט זיי בײַשטיין אין אַלע אומ־גליקן. דער נביא ווערט נאָך מער אַריינגעטאָן טיף אין ביטערן ווייטאג און ער פאַרפאַסט אַ נײַע סאָרט ליטעראַטור, ענלעך צו די תפילות פון תהילים. ער גיסט אויס זיין געבעט צו גאָט, וואָס ענטפערט אים:

זאָלסט ניט מתפלל זיין פאַר דעם דאָזיקן פאָלק
און ניט אויפהויבן אַ געשריי פאַר זיי;
וואָרים איך הער דיך ניט, זעעסט ניט וואָס זיי טוען?
זיי ברענגען אָפּפער צו פרעמדע געטער כדי מיך אויפצורייצן.
טוען זיי דען מיך אויפרייצן? זאָגט גאָט:
צי ניט זי זאַליין, צו דער שאַנד פון זייער פּנים.
(קאַפּ. ז׳־ט״ז).

* * *

די שטימע פון גאָט רופט דעם נביא: „גיי וואַנדער איבער די גאַסן פון ירושלים און זע, אויב עס איז פאַראַן איינער וואָס טוט גערעכטיקייט, וואָס זוכט ערלעכקייט, וועל איך פאַרגעבן״. און ירמיהו באַשטימט ביי זיך צו טאָן דאָס וואָס עמוס האָט געטאָן... „איך וועל אויך פאַרשרייבן מיינע נבואות אין אַ בוך, אפשר וועלן מיינע רייד ווירקן בעסער פון אַ געשריבענעם בוך.״ ער רופט זיין תלמיד, ברוך בן נריה, וועלכער פאַרשרייבט אין אַ מגילה די רייד פון גאָט.

ווען די מלוכה־לייט האָבן געהערט די נייעס וועגן דער געשריבענער מגילה, וואָס ברוך בן נריה לייענט פאַרן פאָלק, האָבן זיי באַפוילן אים אויך צו לייענען פאַרן מלך.

— און עס איז געווען אין פינפטן יאָר פון הערשאַפט פון יהויקים, דער עלטסטער זון יאשיהו, וועלכער איז געזעסן מיט זיינע מיניסטאָרן אין זיין ווינטער־פּאַלאַץ און בעבן אים איז געשטאַנען אַן אויוון מיט פייער הייסע קוילן. האָט דעם מלכס סעקרעטאַר געלייענט די מגילה און יהויקים צעררייסט מיט דער שווערד די בלעטלעך וואָס זיינען גע־לייענט געוואָרן און וואַרפט זיי אַריין אין פייער. (דאָס איז אפשר געווען די ערשטע ביכער־פאַרברענונג אין דער געשיכטע). דער מלך איז געוואָרן אָנגעצינדן מיט גרויס כעס, ער באַפעלט צו כאַפּן דעם נביא צוזאַמען מיט זיין תלמיד, אָבער זיי האָבן זיך באַהאַלטן, וויסנדיק וואָס עס האָט פּאַסירט אין אַזאַ ענלעכן פאַל מיט דעם נביא אוריה בן שמעיה

פון קרית יערים, וועלכער האָט שלעכט נבואות געזאָגט אויף מלכות יהודה און געמוזט אַנטלויפן קייו מצרים. שפּעטער ווערט ירמיהו געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין אַ ליים־גרוב. אָבער דער נייער מלך צדקיהו שיקט זיין קנעכט, וואָס האָט אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן קוים אַ לעבע־דיקן. און דאָס וואָס ער ווערט באַטראַכט פאַר אַ פאַררעטער, מאַכט גאָר שווער זיין ביטער האַרץ און ער רופט אויס:

הלוואַי ווערט מיין קאָפּ מיט וואַסער
און מיין אויג — אַ קוואַל טרערן,
איך וואָלט באַווײנט טאָג און און נאַכט
די דערשלאָגענע טאָכטער מיין פאָלק...

אין גרויס פאַרצווייפלונג זעט דער נביא חורבן און אונטערגאַנג:

איך קוק אויף דער וועלט, זי איז וויסט־ליידיק,
אויף די הימלען — ניטאָ קיין ליכט; די בערג, זיי ציטערן,
אַלע הייכן טרייסלען זיך, איך קוק — ניטאָ קיין מענטש...
(קאַפּ. ד׳־כ״ג).

* * *

ירמיהו׳ס ראָלע האַלט ביים סוף; ער איז אַלט, מיד און אויסגע־מאַטערט, אָן אַ טראָפּן פרייד; דיקטירט אַ טרייסט־בריוו צו די פאַר־טריבענע יידן אין בבל:

אַזוי זאָגט גאָט:
פאַרמייד דיין קול פון געוויין און דיינע אויגן פון טרערן,
וואָרים פאַראַן אַ לוין פאַר דיין מי; זוכט דעם פרידן
פון דער מלוכה וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן אַהין,
און אין איר פרידן וועט אויך זיין פרידן צו אייך...
(קאַפּ. ל״א).

פון דער דאָזיקער וואַרנונג האָט דער אמוראי שמואל (ברכות נ״ח) פעסטגעשטעלט דעם פּאָסטולאַט פון „דינא דמלכותא דינא.״ ירמיהו עצהט אויך די יידן אין בבל צו בויען הייזער און פלאַנצן ווייַנגערטענער:

איך וועל אייך פון דאָרט אַרויסנעמען
און צוריקברענגען אין אייער לאַנד;
איך וועל ברענגען אַ רפואה צו דיר
און דיינע וואונדן וועל איך היילן, זאָגט גאָט.
דער חרובער בית־המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערן,
און איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ באַנייט פאָלק מיט אַ ניי
האַרץ, און איר וועט ווערן די טרעגער פון אַ ניי יידישקייט...

דער ספר יחזקאל

(אַריינפיר)

אין גאַנץ תורת משה, אויך ביי די ערשטע נביאים, וועלכע ווערן דערמאָנט אין ספר שופטים, מלכים, און שפּעטער ביי די שריפט־נביאים, ביז דעם נביא יחזקאל, ווערט כסדר דערמאָנט די לאַנגע קייט פון זינד און שטראָף, דערנאָך קומט חרטה און תשובה, ביז צום סוף — אויפלעבונג און גאולה. אָבער ניט אַזוי ביי יחזקאל הנביא. ביי אים וועט די גאולה ניט קומען דורך תשובה אַליין, און ניט ווי אַ שכר, אַ באַלוינונג פאַר דעם וואָס יידן וועלן ווערן גוט און פרום. נאָר דורך חסד, וואָס גאָט אַליין וועט טאָן צו זיין פאָלק, כדי עס זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן זיין הייליקער נאָמען צווישן די אומות און זיין אַ חילול השם: „לא למענכם אני עושה זאת בית ישראל, כי אם לשם קדשי." (ניט פאַר אייך טו איך עס, נאָר פאַר מיין הייליקן נאָמען. (קאַפּ. כ"ב).

דער ספר יחזקאל ברענגט אַרויס נייע באַגריפן וועגן זינד און שטראָף. ער זאָגט: „דער נפש וואָס האָט געזינדיקט זאָל שטאַרבן" (קאַפּ. י"ח). זיין געדאַנק איז — כל זמן יידן האָבן געוואוינט אויף זייער ערד, איז מעגלעך געווען אַז זיי זאָלן געשטראָפט ווערן פאַר די זינד פון זייערע עלטערן, און אויך, ווייל דער פּרט איז געווען געבונדן צום כלל, צום גורל פון דער גאַנצער מדינה. „עס איז ניטאָ קיין דור וואָס האָט ניט קיין טייל אין דער זינד פון עגל (איכה רבתי). ווען שכר ועונש איז געווען פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו; אָבער אַנדערש איז געוואָרן נאָכן חורבן. אין גלות איז דער פּרט אָפּגעשיידט פון כלל, און יחזקאל זאָגט: „אַ זון טראָגט ניט די זינד פון זיין פאָטער, און אַ פאָטער טראָגט ניט די זינד פון זיין זון" (קאַפּ. י"ח). ווייטער זאָגט ער אין נאָמען גאָט: „פאַר־וואָר איך לעב, אויב איך וויל דעם טויט פון רשע; איך וויל נאָר ער זאָל תשובה טאָן."

יחזקאל האָט אָנגעוויזן אויף אַ נייעם וועג, צו אַ נייעם יידנטום, אין אַ נייער צייט פון אַ גייסטיקער רעוואָלוציע. זיין קאָנצעפּט איז געווען: דאָס יידנטום זאָל זיך צופּאַסן צום יידן. אויך האָט יחזקאל זיך געבויגן אין זיין שטייפקייט און ביטערקייט קעגן דעם זינדיקן פאָלק. זיין האַרץ איז ווייכער געוואָרן נאָכדעם ווי ער האָט ביי די טייכן פון בבל געזען

ווי אַ פֿאַלק וויינט אויף זיין בראָך, און זיינע שטראָף־רייד האָבן זיך געביטן אויף טרייסט־ווערטער פֿון גאולה און אויפֿלעבונג...

* * *

יחזקאל ווערט אָנגערופֿן: דער נביא פֿון גלות. ער איז פֿאַרטריבן געוואָרן קיין בבל צוזאַמען מיט דעם מלך יהויכין, נאָך פֿריער איידער דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. נבוכדנאצר האָט פֿריער צוועקגעפֿירט אין געפֿאַנגענשאַפֿט קיין בבל די גאַנצע קיניגלעכע משפּחה, די פּרינצן, די כהנים (און יחזקאל איז געווען אַ כהן) און די געלערנטע, ווי עס זאָגט זיך (אין קאַפּ. י״ז): „און די פּני פֿון לאַנד האָט ער צוגענומען כּדי עס זאָל זיין אַ שפּלדיקע מלוכה, ניט צו קענען זיך מער דערהויבן״...

דער ספֿר יחזקאל באַשטייט פֿון אַכט־און־פֿערציק קאַפּיטלעך און נעמט אַרום, צווישן האַרבע ווערטער און ביטערע שטראָף־רייד, אויך וויזיעס פֿון מעשה מרכבה, קבלה, מיסטיק און סימבאָלן משונהדיקע; ווי למשל — אַן אייזערנע פֿאַן מיט ערד, אַ געבאַקענעם קוכן אויף קויט און שמוציקייט; אויך דער סימבאָל פֿון אויפֿעסן אַ מגילה — אַלעס מיסטישע זאַכן וואָס איז שווער מיטן שׂכל דאָס צו באַנעמען...

די גמרא (שבת י״ג) דערציילט: די חכמים האָבן געוואָלט אַרויס־נעמען דעם ספֿר יחזקאל פֿון די הייליקע שריפֿטן איבער זיינע מיסטע־ריעזע געדאַנקען וואָס זיינען אַ סתירה צו דער תורה. אַזוי למשל זאָגט יחזקאל: „גאָט האָט געגעבן יידן צו־שווערע געזעצן, וואָס זיינען נישט אויסצוהאַלטן (קאַפּ. כ׳). אָבער איינער פֿון די חכמים האָט אויף זיך גענומען און אויסגעטייטשט אַלע סתירות און אַזוי אָפּגעראַטעוועט דעם ספֿר יחזקאל פֿאַרן תנ״ך.

יחזקאל איז געווען דער איינציקער נביא, וועלכער האָט געזען בלויז צרות און קיין איין מינוט פֿון נחת. ירמיה האָט נאָך געזען די גלאַנץ־עפּאָכע פֿון יהודה, די לעצטע פֿאַרגייענדיקע שטראַלן, אין דער צייט פֿון מלך יאשיהו. ישעיה דער צווייטער האָט געזען די זון־אויפֿגאַנג פֿון שיבת ציון. אָבער יחזקאל האָט געלעבט אין אַ פֿינצטערע נאַכט, מיט אַ ביטערן גלות הינטער זיך און קיין איין ליכטיקן שטראַל פֿון רעטונג אין דער נאָענטער צוקונפֿט. פֿון דאַנען שטאַמט זיין ביטער האַלץ, זיין שווער געמיט.

איר געפֿינט ניט ביי יחזקאלן קיין ליבשאַפֿט צום פֿאַלק ווי ביי הושע; ניט דעם שטורעם־גייסטיקן כּוח פֿון ישעיה און ניט טיפֿע רחמנות פֿון פֿון ירמיה, וואָס אפֿילו אין זיינע שטאַרקסטע שטראָף־רייד וויברירט

אַרויס אַ פֿאָדעם פֿון מיטגעפֿיל פֿאַר זיין אומגליקלעכן פֿאָלק. אָבער יחזקאל! וועלכער אזי רייך אין זיין פֿאַנטאַזיע, האָט געפֿונען אין זיין פּענזל בלויז שוואַרצע פֿאַרבן. ער רופֿט זיין פֿאָלק: אַ ביטער פֿאָלק (קאַפּ. י"א), קינדער פֿון היישעריקן, האַרט־פּנימדיק, שווער־האַרציק (קאַפּ. י"ב; ירושלים, די הייליקע שטאָט, רופֿט ער: די שטאָט פֿון בלוט (י"ד). אפֿילו דער אָפּשטאַם פֿון זיין פֿאָלק איז אים אַ שאַנד, שפּאָט: „דיין לאַנד איז פֿון כנעני, דיין טאַטע — אַן אמורי, דיין מאַמע — אַ חתית (ט"ז); יהודה איז ערגער פֿון שומרון, נאָך ערגער אפֿילו פֿון סדום (י"ז).

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס יחזקאל זעט בלויז אומקום און פֿאַר־לענדונג, איין שלעכטס נאָכן צווייטן. די רייכע ווערן פֿעט פֿון דער פּראַצע פֿון די אָרעמע; זיי פֿאַרצוקן ווי הונגעריקע וועלף; זיי פֿאַרגיסן בלוט, זאַמלען רייכטום; זיי באַגזלענען און באַרויבן דעם פֿרעמדן (קאַפּ. כ"ז).

אָבער יחזקאל האָט אין די עלף יאָר פֿון זיין גלות, פֿאַר דעם חורבן בית־המקדש, זי דבאַגעגנט מיט די פֿאַרטריבענע אויך פֿון מלכות ישראל, ~~בית־המקדש, זיך באַגעגנט מיט די פֿאַרטריבענע אויך פֿון מלכות ישראל,~~ און וויינען פֿון בענקשאַפֿט נאָך ציון, טוט זיך ביים נביא דערוועקן דער רחמנות־געפֿיל, און ער זעט די האָפֿענונג, אַז אויך זיי, וועמען די בני יהודה האָבן פֿאַררעכנט פֿאַר אָפּגעפֿאַלענע בלעטער, פֿאַרטרוקנטע ביינער — אַז אויך זיי וועלן זיך אומקערן פֿון די לענדער, און ארץ־ישראל וועט ווערן אויפֿגעלעבט ...

דער נביא זאָגט אין נאָמען פֿון גאָט: „זעט, איך וועל אייך מאַכן פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק, און איין מלך וועט הערשן איבער אייך אַלעמען; עס וועט זיך פֿון אייך מער ניט צעטיילן צו צוויי קיניגרייכן. דער איינציקער מלך וועט זיין דוד מיין קנעכט (קאַפּ. כ"ד), דאָס הייסט, אַ מלך פֿון דוד'ס אָפּשטאַם; ישראל וועט זיין ווידער אויפֿגעלעבט; די שארית הפּליטה וועט באַנייען דעם גייסט און גלויבן אין איין גאָט; וואָרים, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל אונטערגיין, טאָ ווער וועט ווייטער טראָגן דעם גרויסן געדאַנק פֿון איין גאָט? אפֿילו מיט אַלע גרויסע זינד, איז דאָס יידישע פֿאָלק נאָך אַלץ דאָס איינציקע פֿאָלק, וואָס האָט אויפֿגעשטעלט גרויסע נביאים, מיט אַ הויכער מאָראַל; ווען אַזאַ פֿאָלק זאָל חלילה אונטערגיין, וואָס וועלן זאָגן די אומות העולם? בבל בלייבט, און ישראל ווערט פֿאַרלענדט — דאָס וועט דאָך זיין אַ חילול השם! און יחזקאל מאָלט אַ בילד, ווי ארץ־ישראל וועט צוריק אויפֿלעבן. ער האָט עס געזען מיט פֿערציק יאָר איידער כורש דעם מלכ'ס רוף צו שיבת ציון (קאַפּ. י"א):

אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר,
איך וועל אייך איינזאַמלען פון די אומות,
איך וועל אייך צענויפקלייבן פון די לענדער
וואָס איר זייט צעשפּרייט געוואָרן אין זיי,
און איך וועל אייך געבן די ערד פון ישראל.

און יחזקאל זעט די וויזיע פון טאָל פון די טרוקענע ביינער, און ער פרעגט: קאָנען די ביינער נאָך אויפלעבן?—

זאָגטגאָט: איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם,
איך וועל געבן אויף אייך אָדערן,
אַרויפציען אויף אייך פלייש מיט הויט און אָטעם פון לעבן,
און איר וועט וויסן אַז איך בין גאָט.
און די טרוקענע ביינער פון די טויטע האָבן אויפגעלעבט
און זיך געשטעלט אויף די פיס, און גאָט זאָגט:
די אַלע ביינער, דאָס זיינען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל,
וואָס האָט געזאָגט: — מיר זיינען פאַרלוירן!
איך וועל אייך ברענגען צוריק פון די קברים,
און איר וועט וויסן, אַז איך גאָט האָבן גערעדט און געטאָן...

* * *

צווישן די פאַרטריבענע אין בבל איז יחזקאל זעקס יאָר פאַרן חורבן אויפגעטראָטן ווי אַ נביא. ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אזי ער געווען אַ האַרטער, בייזער שטראָפער, אָבער דאָס איז געווען נאָר ביז דעם חורבן; ווי נאָר עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן חורבן בית־המקדש און אַז ירושלים איז געפאַלן, איז יחזקאל געוואָרן אַנאַנדער מענטש — אָנשטאָט אַ שטראָפער איז ער געוואָרן אַ טרייסטער. שטאַרק דערצו האָט גורם געווען דער יאוש פון די פאַרטריבענע, וואָס האָבן געקלאָגט: „פאַר־טרוקנט זיינען די ביינע אונדזערע, פאַרלוירן איז אונדזער האָפענונג, פאַרשניטן זיינען מיר; ווען מיר אַמאָל נאָך גיין צוריק אַהיים?"

איז יחזקאל געקומען צו זיי מיט זיין וואונדערלעכן חזון, די וויזיע פון דעם טאָל מיט עצמות היבשות." יחזקאל טרייסט זיי; אַז עס שטייט נאָך פאַר זיי אַ ליכטיקע צוקונפט. ניט נאָר פאַר די יידן פון מלכות יהודה פאַרטריבענע, נאָר אויך די וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, די פון מלכות ישראל, וועט גאָט ברענגען צוריק קיין ארץ ישראל, און גאָט וועט מאַכן פון אַלע גלות־יידן אַ ניי פאָלק, מיט אַ ניי האַרץ, און אַ נייעם גייסט.

דער ספר דניאל

דער ספר דניאל האָט צוועלף קאַפּיטלעך און איז געשריבן אין אַ געמישטע שפּראַך, האַלב אַראַמעאיש, האַלב העברעאיש. פאַרוואָס די מישונג פון שפּראַכן? אויף דעם זאָגן די פאָרשער: אָריגינעל איז טאַקע דניאל געשריבן געוואָרן אין העברעאיש, נאָר ווייל אַ טייל איז פאַרלוירן געגאַנגען, האָט מען אַריינגענומען יענעם טייל פון דער אַראַמעאישער איבערזעצונג. אַנדערע דענקען, אַז עס האָבן צירקולירט פאַרשידענע מגילות איןביידע שפּראַכן. אויף דער פראַגע, ווער איז געווען דער מחבר? זאָגט די גמרא (בבא בתרא י״ד): „די אנשי כנסת הגדולה האָבן געשריבן די ספרים: יחזקאל, תרי־עשר, אסתר און דניאל.״

לויט דעם סדר פון צוזאַמענשטעל איז דניאל דער לעצטער בוך פון די הייליקע ספרים און האָט אייגנטלעך געדאַרפט קומען נאָך דברי הימים. אָבער די חכמים, די איינזאַמלער פון תנ״ך, האָבן דניאלן אַריינגעשטעלט נאָך דעם ספר אסתר און פאַר די ספרים עזרא און נחמיה, דאָס הייסט, צווישן די כתובים און נישט צווישן די נביאים. הגם דניאל דערגאַנצט די נביאישע אַספּעקטן וועגן מאַנאָטעאיזם און דעם משיח געדאַנק, אויך דעם אַנזאָג פון דער גאולה, ווערט אָבער דניאל ניט פאַררעכנט פאַר קיין נביא. בלויז דער עוואַנגעליום רעכנט דניאלן פאַר אַ נביא, און די סעפּטאַ־גינטאַ (תרגום השבעים) שטעלט דניאלן נעבן יחזקאל.

פיל פאָרשער ווייזן אָן, אַז דער ספר דניאל איז געשריבן פון איינעם פון דער סעקטע חסידים, די פאָרלויפער פון די שפּעטערדיקע פרושים; ניט אין דער צייט פון נבוכדנאצר, ניט אין דער צייט פון יחזקאל הנביא, נאָר אַ סך שפּעטער; און דער מחבר האָט אַנאָנים אויסגעבאָרגט אַ היס־טאָרישן נאָמען, וואָס יחזקאל דערמאָנט פאַר די דריי צדיקים: נח, איוב און דניאל. און ווען דער מחבר רעדט פון בבל, מיינט ער אין אמתן מלכות יוון, און ווען ער זאָגט נבוכדנאצר — מיינט ער אַנטיכס אפּיפנוס דעם רשע.

דער תחית המתים געדאַנק, וואָס דניאל זעט אין זיינע חזיונות: „ורבים מישני עפר יקוצו״ — פיל פון די וואָס שלאָפן אין דער ערד וועלן אויפוואַכן״ — דער דאָזיקער גלויבן איז ניט באַקאַנט געוואָרן פריער ווי אין דער חשמונאים עפּאָכע. אויך דער פאַקט וואָס בן־סירא, וועלכער

האָט געלעבט אין סוף עפּאָכע פון די סופרים, איז ווען ער דערמאָנט אַלע גרויסע מענטשן פון פאַר זיין צייט, דערמאָנט ער גאָרנישט דאָס געשטאַלט דניאל, פונקט ווי ער פאַרשווייגט וועגן תחית־המתים, ווייל דער גלויבן אין תחית־המתים איז ערשט געוואָרן פּאָפּולער אין דער צייט פון די חשמונאים און ניט פריער, מחמת דאָס האָט געזאָלט זיין אַן ענטפער פאַר די רעליגיעזע מאַרטירער, וועלכע זיינען אומגעקומען אונטער דער בייזער ממשלה פון אַנטיכס הרשע.

די טרויעריקע לאַגע פון די יידן אין יענע ביטערע יאָרן אין זייער געראַנגל אָנצוהאַלטן יידישקייט, טראָץ די שטרענגע גזירות, האָט באַ־ווירקט דניאלן אָנצושרייבן זיינע רעוועלאַציעס פון חזיונות און דמיונות, כדי צו דערוועקן גרויס האָפענונג פאַר בעסערע צייטן — אויב נישט אין אונדזער צייט, איז אין דער צוקונפט; אויב נישט ביי אונדזער לעבן אויף דער וועלט, איז אויף יענער וועלט, די קומענדע וועלט לעולם הבא...

* * *

דער ספר דניאל איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: די ערשטע העלפט איז בעלעטריסטיש, וואָס שילדערט דאָס פרום נאַציאָנאַל־יידיש לעבן, און האָט אַ טענדענץ קעגן דער אַסימילאַציע וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידן אין יענער צייט. ער מאָלט אַ בילד פון די פאַרפאָלגונגען און דער פאַרלענדונגס אַקציע דורך גזירות שמד.

דניאל דערציילט ביאָגראַפיש וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים, צו־זאַמען מיט זיינע יוגנט־חברים: חנניה, מישאל און עזריה, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן קיין בבל צו נבוכדנאצרן אין פּאַלאַץ, און ווי זיי האָבן זיך אויסגעהיטן פון ניט מישן זיך מיט די גויים, ניט צו עסן זייערע שפּייזן, ניט צו טרינקען זייער וויין, און זיך דערנערט בלויז מיט גרינסן און וואַסער, אָבער עס האָט זיי ניט געשאַדט צום געזונט. און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו בוקן זיך צום גאָלדענעם אָפּגאָט, האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדיקן קאַלך־אויוון. אָבער עס איז מיט זיי געשען אַ נס: דאָס פייער האָט זיי ניט אָנגערירט. דניאל אַליין איז דאַמאָלס געווען אויף אַ שליחות ערגעץ אַוועק.

ווייטער דערציילט זיך אַ מעשה מיט דניאלן אַליין. פאַר דעם וואָס אויך ער האָט זיך ניט געוואָלט בוקן צום אָפּגאָט, האָט מען אים אַריינגע־וואָרפן אין לייבן־גרוב. און אויך מיט אים איז געשען אַ נס: די לייבן האָבן אים ניט געשעפּעט.

ענלעכע שילדערונגען ווערן געגעבן און פּינקטלעך איבערגעגעבן

אין חשמונאים בוך. אויף דעם ווייזט דובנאָוו אָן, אַז דניאל איז געשריבן געוואָרן אין דער זעלביקער צייט וואָס מגילת אסתר, און מעגלעך, אַז די מעשה המן איז גאָר געמיינט אַנטיכוס הרשע, ווייל דער ערשטער ראַסן־האַס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון צורר היהודים, אַנטיכוס, און יידן האָבן זיך געשטעלט קעגן די געזעצן וואָס זיינען געווען אין קאָנפליקט מיט דער יידישער תורה...

אין די וויטערדיקע שילדערונגען דערציילט זיך ווי אַזוי נבוכדנאצר איז געשטראָפט געוואָרן פאַר חרוב מאַכן דעם בית המקדש און פאַר מאַכן זיך פאַר אַ גאָט: —

„ער איז געוואָרן ווי אַ ווילדע חיה און האָט זיבן יאָר געלעבט אין פעלד און געגעסן גראָז ווי די אָקסן, און פון הימל־טוי איז באַנעצט געוואָרן זיין לייב ביז זיינע האָר זיינען אויסגעוואַקסן ווי ביי אַן אָדלער און זיינע נעגל ווי ביי די פויגל.״

אַן ענלעכע געשיכטע וואָס ברענגט אַרויס דעם מוסר־השכל, אַז גאָט שטראָפט דעם רשע פאַר זיין רשעות, האָט געטראָפן מיט דעם מלך בלשצר, בשעת דעם קעניגלעכן באַנקעט מיט פיל געהויבענע געסט:

„און זיי האָבן געטרונקען וויין און געלויבט די געטער פון גאָלד און זילבער, פון קופּער און אייזן און שטיין, זיינען אַרויס פינגער פון אַ מענטשנס האַנט און האָבן געשריבן אַקעגן דעם לייכטער, אויפן קאַלך פון דער וואַנט, און דער מלך האָט געזען די האַנט־פלאַך און זיין פאַרב האָט זיך געביטן, און זיינע רעיונות האָבן אים געשראָקן, און אַלע חכמים פון מלך האָבן ניט געקענט איבערלייענען דעם שריפט. נאָר דניאל האָט געמאַכט וויסן דעם פּתרון: — ווייל דו האָסט זיך דערהויבן אַקעגן דעם האַר פון הימל, און צו די געטער האָסטו געגלויבט, איז דאָס שריפט: „מנא מנא תקל ופרסין״ אָנגע־צייכנט: גאָט האָט אָפּגעציילט דיין מלוכה און איז געענדיקט; דו ביסט געוואויגן געוואָרן אויף אַ וואָגשאָל, דיין מלוכה ווערט צע־טיילט און אַוועקגעגעבן״... אין דער זעלביקער נאַכט איז בלשצר דערמאָרדעט געוואָרן, און די מלוכה איז אַריבער צו פרס ומדי.״

* * *

באַלד אין ערשטן טייל פון ספר דניאל, וואו עס ווערט געשילדערט מאָמענטן פון דעם מצב פון יידן אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון נבוכדנאצר און בלשצר, באַמערקט זיך אמת נאָר אַ רמז, אַן אָנצוהערעניש אַז עס איז געמיינט אויף אַ שפּעטערדיקער צייט. דערפאַר ווערט אין

צווייטן טייל שוין קלאָר און בולט געשילדערט די גריכישע הערשאַפט פון די סוליקיידן און אַנטיוכסן, און די גאַנצע פּאָליטישע מאַכינאַציעס פון די דאַמאָלסדיקע גרויסע וועלט־מאַכטן, וואָס ווערן סימבאָליש פאַר־גליכן צו פיר נאַטור־עלעמענטן: גאָלד, זילבער, אייזן, און שטיין. ווייטער פאַרגלייכט ער זיי צו חיות: אַ לייב, אַ בער, אַ לעמפּערט, און אַ באָק מיט צען הערנער. ער מיינט די צען הערשער פון אַלעקסאַנדער ביז אַנטיוכס, און די פיר קליינע הערנער מיינט ער — די פיר יורשים פון אַלעקסאַנדער.

אויך זעט דניאל אַ פינפט קעניגרייך, וואָס וועט זיין אייביק און נאָר יידן וועלן זיין די וואָס וועלן ירשנען די אייביקע הייליקע קעניגרייך:

„און אַלע פעלקער וועלן איבערגיין צום יידנטום, און דאָס אייביקע פאָלק וועט איינפירן הימלשע גערעכטיקייט אויף דער ערד.“

מיט דער וויזיע גיט דאָ דניאל אַן ענטפער פאַר דעם שכר פון פאָלק, דער שכר פון די צדיקים, און דער עונש פון שלעכטן פאָלק, דער עונש פון די רשעים. ביידע זאַכן וועלן זיך אַנטפּלעקן אויף יענער וועלט, לעולם הבא... און מיט דער דערקלערונג פאַלן שוין אַוועק אַלע פראַגן, אַלע ספקות. דער יידישער גלויבן נעמט אָן אַ נייע ווענדונג.

* * *

ביידע דערציילונגען: נבוכדנאצרס ווערן אַ חיה אין וואַלד, און בל־שצר'ס מפּלה, זיינען פון איין קאַטעגאָריע און איז געצילט צו באַווייזן אַז גאָט שטראָפט דעם רשע פאַר זיין שלעכטס.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון ספר דניאל געפינט זיך שוין אַנאַנדער שכר ועונש; אַז יידן לאָזן זיך קוילען און גייען אויף קידוש השם צום טויט פאַר קיין שום זינד. איז געוועזן די פראַגע: וואו איז דער שכר און אריכת ימים? אַז די קדושים וועלן דאָך ניט לעבן צו זען די נחמה פון זייער פאָלק. קומט דניאל אין צווייטן טייל פון דער דערקלערונג: אַלע קדושים־מאַרטירער וועלן קריגן זייער שכר אין דער קומענדער וועלט, אין עולם הבא. און דאָ געפינען מיר צום ערשטן מאָל דעם געדאַנק פון תחית המתים, ווי ער זאָגט: „און פיל פון די טויטע וועלן אויפוואַכן פון שלאָף.“ ער זאָגט: פ י ל, און ניט א ל ע, אַז נאָר יחידי סגולה וועלן אויפשטיין צו תחית המתים... בכלל האָט דער דאָזיקער געדאַנק געקענט דערוואַכן אין דער פאַר חשמונאים עפּאָכע, אין דער צייט פון אַנטיוכס' שמד גזירות. אויך ד"ר ש. בערנפעלד, אין זיין „מבוא לכתבי הקודש“, האַלט, אַז ספר דניאל איז געשריבן אונטער מלכות יוון און ניט אונטער מלכות בבל.

שיר השירים

שיר השירים, דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען, איז אַ לירישע פּאָעמע, וואָס איז אויך גלייכצייטיק פול מיט ראָמאַנטישער ליבע און איז געשריבן אין אַ שאַרפן בולטן טאָן פון ליידנשאַפט און פּאַטאָס, און ווערט פאַררעכנט אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור פאַר דעם שטאַרקסטן ליד פון ליבע וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן.

ווען שולמית רעדט צו איר געליבטן און רופט צו אים — איז עס ווי אַ הייסע לאַווע פון באַגייסטערטער עקזאַלטאַציע:

איך בין אַ רויז פון שרון,
אַ ליליע פון די טאָלן;
ברענג מיך אין דיינע קאַמערן...
שטאַרקער פון טויט איז די ליבע,
האַרט ווי דער קבר די אייפערזוכט —
ווי אַ פלאַם־פייער, אַ פלאַקער פון גאָט.
וואַסערן קענען ניט פאַרלעשן די ליבשאַפט,
טייכן וועלן עס ניט פאַרפלייצן.

אין די אַכט קאַפּיטלעך פון ספר אָדער מגילת שיר השירים ווערט אויף אַ ברייטער קאַנווע געמאָלן אין פאַרביקע קאָלירן די שיינע נאַטור און לאַנדשאַפט פון די יהודה־בערג, פון חרמון און כרמל, און די פליינען פון שרון, פון די פעלדער אין עין־גדי, דעם פייגנבוים, דעם וויינשטאָק און מילגרוים, וואָס בליען און גיבן אַרויס אַ ריח פון בשמים, און די טויבן פון צווישן די בערג־שפּאַלטן; די נאַטור־שילדערונג איז גאַנץ

הגם דער ספר דניאל איז ניט קיין היסטאָריש בוך, ווייל די ציפערן און דאַטעס זיינען ניט גענוי און ניט פּינקטלעך, און איז לויטן נוסח פון: „אין מוקדם ומאוחר,״ דערפאַר איז אָבער דניאל אַפּאָדיקטיש, אַ פילאָזאָפיש בוך, וואָס האָט מיט זיינע געשטאַלטן און וויזיעס דערוועקט גרויס האָפענונג און טרייסט צו יענע אנוסים און קדושים מאַרטירער פון די גערודפטע צייטן.

פּרעציז, און דער מחבר איז גאָר ניט אויסן צו דערציילן אַ סיפּור־המעשה פון ראָמאַנס, אַז דער עיקר איז דאָ ניט דער תוך — ווי דער סטיל, דער נוסח און אופן פון דיכטערס עקספּרעסיווער קונסט. עס איז די שאַרפע, הייס־גליענדיקע אויסדרוקן, וואָס קריצן זיך איין אין אייער מוח, וואָס לאָזן איבער אַ שטאַרקן איינדרוק אין אייער זכרון. אויך איז ניט וויכטיק ווער דער אמתער מחבר איז — שלמה המלך? אָדער אַ שפּעטערדיקער פּסעוודאָגראַף. וואָס אונדז געפעלט איז די נאַאיוויטעט פון דער פּרימי־טיווער פּאַסטוך־מיידל, שולמית, וואָס רופט צו איר געליבטן. אויך דער פּאַרגלייך צווישן ליבע און נאַטור איז אויסגעצייכנט:

קום, מיין געליבטער, מיר וועלן אַרויס אין פעלד,
נעכטיקן אין די דערפער און זען
צי עס האָט שוין זיך געעפנט די קוויטן,
צי געצוויט האָבן די מילגרוימען;
דאָרט וועל איך געבן מיין ליבשאַפט צו דיר...

דער מחבר האָט דאָ נאַטירלעך צוזאַמענגענומען די שטייגער לעבן, די תמימותדיקייט פון דער דאָרפישער סביבה, די ליבע און פּאָעזיע פון דער נאַטור, און ווי עס ווערן פאַרגליכן קינסטלעריש די עמאָציעס פון ליידנשאַפט, יוגנט־בענקשאַפט, מיט דער אויפוואַכונג פון די דרויסנדיקע נאַטור־כוחות:

ווי אַ רויז צווישן דערנער,
איז מיין געליבטע צווישן די טעכטער;
בלומען ווערן שוין געזען אומעטום,
די טירקל־טויב לאָזט זיך שוין הערן,
ווייַנשטאָקן גיבן שוין בליאונג —
שטיי אויף מיין געליבטע און קום...

נאָכדעם ווי ביידע געליבטע, די פּאַסטושקע שולמית און דער מלך שלמה, זיינען מסכים וועגן דער רייפקייט און אויפוואַכונג פון זייער ראָמאַנס אין פּאַראַלעל מיט דער רייפקייט פון דער נאַטור, הויבן זיי אָן צו ריידן גאַנץ אָפענע אָפגעדעקטע רייד, וואָס פּאַסן גאָר ניט פאַר אַ צנועה, אַ טאָכטער פון ירושלים. דאָס אייגענע איז וועגן יונגן פאַרליבטן מלך.

אָט איז אַ מוסטער פון אַ שילדערונג, ווי אַזוי שולמית זעט אויס אין דעם קעניגס אויגן:

דיינע רונדע דיכן ווי אַ צירונג געמאַכט
דורך הענט פון אַ קינסטלער;
דיין נאַפּל — אַ בעכער אַ רונדער,
דיין בויך — אַ בינטל ווייץ,
די בריסט דיינע — צוויי הענגלעך טרויבן . . .

— און ווי זעט אויס דער יונגער מלך אין שולמית׳ אויגן ?

דיין קאָפּ אויף דיר, ווי דער כרמל;
האָניק און מילך אונטער דיין צונג ;
דיינע האָר, ווי אַ סטאַדע ציגן,
וואָס פּיטערן זיך צווישן די ליליען ;
דיינע באַקן ווי אַ בשמים־בייט,
דיינע ליפּן, ווי אַ רויטער פּאָדעם . . .

אָט אַזוי כסדר אין די גאַנצע אַכט קאַפּיטלעך ווערט דאָס פאַרליבטע פּאָרל גאַרניט מיד ענטוזיאַסטיש צו באַוואונדערן איינער דעם צווייטן; יעדן אבר, יעדן געביין, און מיט אַזעלכע הויך־גוזמהדיקע דימענסיעס פון הללויה־קאָמפּלימענטן, און אויך פון יעדן גרעזל און זעמדל אַרום זיי. און דאָס מאַכט צו דענקען, אַז שיר השירים איז אַ פּראָדוקט ניט פון דער עלטסטער יידישער פּאָעזיע, נאָר איז אַריין אין לעצטן בוך פון תנ״ך און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע פּסעוודאָ־גראַפישע ספרים פון זעלבן מין פון די ניט־זיכערע נעמען פון די מחברים.

פיל מפרשים ווייזן אָן, אַז שיר השירים איז געשריבן געוואָרן נאָענט צו דער העלעניסטישער עפּאָכע, אונטער די גריכישע איינפלוסן. מען קען עס זען פון די אייניקע גריכישע ווערטער, ווי „אַפּריון״, „פּרדס״, א.אַ. ווי ווייט יידן האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פעלקער, האָבן זיי ניט געקענט אויסמיידן די גרויסע השפּעה פון פרעמדע קולטורן. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן די צוויי הונדערט יאָר גריכישע הערשאַפט איבער יהודה; אויך וואָס אַריסטאָטל איז געווען אַלעקסאַנדער מוקדונ׳ס רבי און זיין תורה האָט שטאַרקט באַווירקט יענעם וועלט־טייל, וואָס האָט געבראַכן צוימען און אַריינגעדרונגען צו די געבילדעטע און געלערנטע.

דער ספר משלי

דער ספר משלי איז אַ זאַמלונג פון קלוגע רייד און שפּריכווערטער, און לויט דער מסורה איז דער מחבר ניט קיין אַנדערער ווי שלמה המלך, וואָס זיין קאָפּ האָט געבליצט מיט חכמה, און געשריבן האָט ער עס אין די רייפע יאָרן.

משלים זיינען אייגנטלעך אַן אַלטע פאָרמע פון ליטעראַטור. דעם משל ווי אַן אינסטרומענט פון פּריידיקן מאָראַל געפינען מיר נאָך אין דער צייט פון די שופטים. דער עיקר אָבער ווערט געזאָגט אויף שלמה המלך, אַז ער האָט געקענט דריי טויזנט משלים (מלכים א׳), און ווער עס האָט נאָר גערעדט מיט משלים איז במילא פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ חכם.

די איין־און־דרייסיק קאַפּיטלעך פון ספר משלי זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט ימים שפּריכווערטער, גלייכווערטער, פאָלקס־חכמות און רעטענישן מיט אַ מוסר־השכל; אויך עצות לרוב פאַר קליין און גרויס. איז אָבער די גרעסטע שוועריקייט וואָס די קלוגע רייד זיינען צעוואָרפן הויפנס אָן אַ סדר. אָט שטייט: „זאָלסט ניט ענטפערן דעם נאַר אין זיין נאַרישקייט" און באַלד דערנאָך שטייט: „ענטפער דעם נאַר אין זיין נאַרישקייט." ווידער ווערן פיל רייד איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל. דערפאַר האָבן מיר עס איינגעטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס:

אין דער ערשטער ריי זיינען די עצות צו עלטערן וועגן קינדער־דערציאונג: „פאַרמייד ניט די רוט פון דיין קינד; וועסט אים שלאָגן מיט דער רוט וועט ער ניט שטאַרבן." און עצות צו קינדער זיך צו צוהערן צו די רייד פון די עלטערן: „האַלט הויך חכמה, וועט זי דיך דערהויבן; ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי חכמה, וואָס גיט לעבן און כבוד. איר סחורה איז בעסער פון געלט און טייערער פון פּערל."

די דאָזיקע לעבנס־פילאָזאָפיע איז אַדורכגעלייטערט מיט דערפאַר־רונג פון לעבן, פון קענען דעם מענטשלעכן כאַראַקטער און זיינע האַנד־לונגען וואָס נויגן תמיד צום שלעכטן. דעריבער ווערן איבערגעחזרט די ווערטער: „שמעו בנים מוסר אב, בני אל תשכח תורתי." (הערט קינדער די שטראָף פון אייער פאָטער, פאַרגעס ניט, מיין זון, מיין לערע).

* * *

די צווייטע קאַטעגאָריע איז תכליתדיקע משלים פון גוטע מידות, וואָס באַצוועקן די דערוועקן צניעות און רחמנות: „אַז דיין פיינט איז הונגעריק, גיב אים עסן; אַז דיין פיינט פאַלט, פריי זיך ניט, טאָמער וועט גאָט זעען און עס וועט זיין שלעכט אין זיינע אויגן.“ ווייטער ווערט אָנגעוויזן אַ גאַנצע צאָל נידריקע געוואוינהייטן, וואָס אַ מענטש מיט שכל זאָל זיך פון זיי דערווייטערן, און שכל איז אַ וויכטיקער כוח און שטייט העכער פון כוח הדמיון.

די אמתן פון די פאָלקס־חכמות אין ספר משלי זיינען אויסער צייט און שטח; אַנדערש פון דער מאָראַל פון אַטענס און רוים, וואָס איז געווען אַ צייטווייליקע און אַ לאָקאַלע. למשל, אַזעלכע אוניווערסאַלע אמתן:

זאָל דיך לויבן אַן אַנדערער און ניט דיין מויל,
אַ פרעמדער — און ניט דיינע ליפּן.
אפילו אַ נאַר וואָס שווייגט, ווערט געהאַלטן פאַר אַ חכם.
איבער אַ שטיקל ברויט זינדיקט דער מענטש.
טויט און לעבן זיינען אין מאַכט פון דער צונג.
ניטאָ קיין עצה, קיין חכמה אַקעגן גאָט.

דער ספר משלי האָט אויך געגנוג לויבווערטער פאַר דער העלדישקייט פון דער יידישער פרוי, איר עניוות, איר צניעות; זי איז אַן אשת־חיל, די איידלקייט אַליין; זי איז קלוג, באַשיידן און טאַקטפול; האָט ליב איר אַרבעט, האָט אויך ליב צדקה. זי איז די קרוין פון איר מאַן. אַ קלוגע פרוי בויט איר הויז; אַ נאַר — צושטערט עס.

די קלוגע רייד פון משלי איז בישט קיין לערע פאַר יחידי סגולה, ווי אַ שטייגער די עטיק פון פלאַטאָן אָדער פון שפּינאָזאַ, וואָס איז געבונדן צו דיאַלעקטיק. די עטיק פון משלי איז אַ באַשטימטע אַפּאָדיקטיווע חכמה אָן וויכוחים און איז אויך אַ גייסטיקע שפּייז פאַר יעדן איינעם.

* * *

די דריטע קאַטעגאָריע משלים זיינען רעטענישן אין דער פאָרמע פון פאַבלען מיט אַ נמשל און אַ מוסר־השכל. די מער באַקאַנטע פון זיי זיינען:

גיי צו דער מוראַשקע, דו פוילער, זע אירע וועגן און ווער קלוג.
הגם זי האָט ניט קיין פירער, קיין אויפזעער, קיין געוועלטיקער —
גרייט זי אָן אום זומער איר ברויט און אָנגעקליבן אין שניט־צייט
איר שפּייז.

אָדער:

ניטאָ קיין מלך ביי די היישעריקן, און זיי מאַרשירן אין מחנות.
די שפּין קענסטו מיט דער האַנט אָננעמען
און זי דערגרייכט די קעניגלעכע פּאַלאַצן.

אַנדערע פאַבלען האָבן צו טאָן מיט נאָך מער ברמז'דיקע וואונדער פון גאָט און די וועלט:

דריי ווערן ניט זאַט; פיר זאָגן, ניט גענוג:
די ערד ווערט ניט זאַט מיט וואַסער,
און פייער זאָגט, ניט גענוג.

פון אַלע מוסר־רייד איז די פאָלגענדע פּאָעמע די איינפאַכסטע:

זיבן מיאוסקייטן האָט גאָט פיינט: שלעכטע אויגן, אַ פאַלשע צונג,
הענט וואָס פאַרגיסן בלוט, פיס וואָס לויפן טאָן שלעכטס;
אַ האַרץ וואָס טראַכט שלעכטע מחשבות, ליגנערס און פאַלשע עדות.

אַ גאַר שיינע פּאָעמע איז אין קאַפּיטל ל':

איטלעך וואָרט פון גאָט איז געלייטערט;
ער איז אַ שילד פאַר די, וואָס שיצן זיך אין אים.
ניט אָרעמקייט און ניט עשירות זאָלסטו מיר געבן —
שפּייז מיך מיט ברויט פאַר מיין אויסקומעניש, כדי איך זאָל ניט
ווערן צו־זאַט און לייקענען און זאָגן: ווער איז גאָט?

דער ספר משלי איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק די געטלעכע געדאַנקען פון די לעצטע שורות, ווייל די חכמים האָבן געוואָלט דעם ספר באַהאַלטן, מחמת די פילע סתירות. אָבער ער איז געבליבן און געוואָרן אַ גרויסער בייטראָג צו דער יידישער מוסר ליטעראַטור.

תהלים

(דער פּאָפּולערער ספר פאַר תפילה און געזאַנג)

תהלים איז אַ קאָלעקציע פון רעליגיעזע, עטישע פּאָעמען, וואָס זיינען שטאַרק פאַרהייליקט ביי כמעט אַלע וועלט-רעליגיעס. עס איז אָנגעפילט מיט דידאַקטישער גאָט-בענקשאַפט, מיט פּאַטאָס פון איבער-מענטשלעכער עקזאַלטאַציע, מיט עלעגיעס פון גאָט-באַוואונדערונג פאַר זיין גרויסקייט, זיין מאַכטיקער האַנט, זיין גוטסקייט, און זיין חסד, וואָס העלפט יעדן איינעם וואָס שיצט זיך אין זיינע פליגלען. ווי עס זאָגט זיך:

קוויק זיך מיט גאָט, ער וועט דיר געבן די פאַרלאַנגען פון דיין האַרץ.

דער לייט-מאָטיוו, וואָס שנירלט דורך דעם גאַנצן בוך, איז די אינטימע נאָענטקייט צווישן דעם יחיד מיט גאָט — אַ באַציאונג פון אַ קינד צו זיין פאָטער, און דער גרונט-געדאַנק איז די זיכערקייט מיט גאָטס גערעכטן משפּט, וואָס צאָלט באַלוינונג דעם צדיק פאַר זיינע פרומע מעשים:

כ'בין געווען יונג, כ'בין אויך אַלט געוואָרן
און ניט געזען קיין צדיק פאַרזען און פאַרלאָזן.
די צדיקים וועלן אַרבן דאָס לאַנד,
אָבער די זוימען פון די רשעים וועלן פאַרשניטן.

דער שכר צום צדיק פאַר זיין אָפּגעהיטן מיט געטריישאַפט צו גאָט באַשטייט פון גייסטיקער נחת און אַבסטראַקטן תענוג, פּוןחשיבות און גרויס אָנזען:

ווער קאָן רוען אויף דיין הייליקן באַרג?
ווער קאָן שטיין אויף דיין הייליק אָרט?
— דער וואָס רעדט אמת אין זיין האַרץ,
דער וואָס גייט ערלעך און טוט גערעכטיקייט.
דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים.

דער גאַנצער צדיק-רשע קאָמפּלעקס איז דאָ אין תהלים גאַנץ אַנדערש ווי אין די ספרים יחזקאל, איוב און דניאל, וועלכע וואַרפן אַ שאָטן און פרעגן אָפּ גאָטס גערעכטיקייט מיט דער שאלה: פאַרוואָס קומט דעם

צדיק יסורים און דער רשע ווערט באַגליקט? דאָ אין ספר תהלים זעען מיר גאָר פאַרקערט — דער צדיק האָט גאָרניט קיין טענות, ער איז בפירוש צופרידן מיט זיין מערכה:

האָב איך צו גאָט גערופן אין נויט
האָט ער געהערט מיין קול
און מיך מציל געווען פון מיינע פיינט...

אַלעס וואָס דער צדיק וויל און בעט זיך ביי גאָט איז:

מאַך מיר פאַרשטיין דעם וועג פון דיינע באַפעלן;
לערן מיך, גאָט, דיינע געזעצן
און איך וועל ריידן פון דיינע וואונדער...

אַ חוץ די תפילות פון יחיד פאַרנעמען אויך אַן אַנגעזען אָרט די תפילות פון רבים, פון ציבור און פון כלל, ווי מיר זען אין קאַפּיטל מ״ד, די קרעפּטיקע לאַמענטאַציע וועגן די קריוודעס פון דער יידישער אומה:

האָסט אונדז אָפּגעגעבן ווי שאָף צו דער שחיטה;
האָסט אונדז צעשפּרייט צווישן די פעלקער;
מאַכסט אונדז צו שאַנד און צו שפּאָט...

צוזאַמען מיט די תפילות ותשבחות צו גאָטס גרויסקייט ווערט אויך אין תהלים אַרויסגעבראַכט אַ סך פילאָזאָפישע געדאַנקען און קאָנטעמפּלאַציעס. אַזוי למשל איז קאַפּיטל ל״ט:

פון די טיפענישן רוף איך צו דיר—
לאָז מיר וויסן מיין סוף!
זע! ווי אַ שפּאַן האָסטו מיך געמאַכט;
מיינע טעג, אַ גאָרנישט אַקעגן דיר...

* * *

דער תהלים איז איינגעטיילט אין פינף ביכער און האָט הונדערט און פופציק קאַפּיטלעך. דאָס קאַפּיטל קי״ט האָט פופצן גאַנצע זייטן און איז איינגעטיילט אין צוויי־און־צוואַנציק פּאָעמעס, לויט די אותיות פון אלף־בית; יעדע פּאָעמע צו זעכצן שורות.

דער גרעסטער טייל מזמורים איז פון דוד המלך. ווייטער קומען מזמורים פון אָסף, בני קורח, איתן האזרחי, משה און שלמה. לויט דער גמרא (פסחים קי״ז) האָט דוד המלך פאַרפאַסט גאַנץ תהלים; אָבער דער אבן־עזרא און אויך דער רד״ק האַלטן אַ טייל איז געשריבן אַ סך שפּעטער;

אַ שטייגער די בילדער פון גלות בבל; אויך די באַטראַכטונגען פון אַספּן, וואו עס רעדט זיך פון חורבן ירושלים. דאָס איז וואַרשיינלעך געשריבן אין די צייטן פון אַנטיוכס, ווייל עס זאָגט זיך דאָרט פון גבורה, פון העלדישקייט, אין ביידע אַספּעקטן, קערפּערלעך און גייסטיק — „ווען אַ פאָלק קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ." און די חשמונאים עפּאָכע איז געווען די איינציקע צייט ווען עס קומען זיך צוזאַמען אין איין האַרמאָניע, מסירות נפש פאַר אַן אידעאַל פון פּאָליטישן און גייסטיקן כאַראַקטער, ווי עס זאָגט זיך:

גערליבט איז גאָט, מיין פעלז,
וואָס לערנט מיינע הענט צו קריג,
מיינע פינגער צו מלחמה.

אַזעלכע רייד פון מענטשלעכע כוחות און געמישטע געפילן, זיינען נאָר געווען אין דער חשמונאים עפּאָכע.

דער ספר תהלים איז אָנגענומען אין דער וועלט פאַר דעם קאָדעקס פון ליטורגיע פון אַלע גלויביקע, וועלכע געפינען אין תהלים דעם ריכטיקן מאַטעריאַל פון דער פיינסטער פּאָעזיע, וואָס זינגט אַ לויב צו דער מאַכטיקייט פון גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט, און צו דער גוטסקייט פון גאָט פון גאָט דעם בעל הרחמים, צו די וואָס האָבן חרטה און טוען תשובה. עס איז אויך דאָ עפּעס מיסטישעס אין תהלים, וואָס טוט די געפאַלענע דערהויבן, און דערנידעריקט די וואָס האַלטן זיך גרויס.

* * *

אין ספר תהלים פילט מען די עטיק פון יידישן געדאַנק וועגן געטלעכקייט, און לויט קאַנט, מיינט געטלעכער געדאַנק — די מאָראַלע וועלטאָרדענונג, און מיר מוזן ניט זוכן גאָט אין דער פיזיק, מאַטעריע, אָדער אין דער נאַטור, נייערט אין דער עטיק, אין די מידות און לערע פון מאָראַל. דאָס רופן מיר, די אידייע פון גאָט־באַגריף: „דע את ה' אלהיך." עס איז דאָס אַבסאָלוטע גוטעס פון גאָט, מיט וואָס דער צדיק און גלויביקער איז פאַרשיכורט מיט געטריישאַפט. און דער צדיק זוכט ניט קיין שכר פאַר זיין געטריישאַפט, פאַר זיין גלויבן, מחמת, דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, זאָגט חבקוק הנביא. קיין אַנדערע צילן אין דער רעליגיעזער מאָראַל זיינען ניטאָ, אויסער דער תכלית פון ווען זיין פולקאָם.

מיר באַגעגענען אין אַלע מזמורים און תפילות פון תהלים די ווערטער: „בר לבב", „תם וישר," „הולך תמים" — דאָס זיינען די באַליבטע

אַטריבוטן פון די תהלים־דיכטער פאַר דעם צדיק, און עס מיינט: צו זיין אַן ערלעכער מענטש, אַן אָפנאַרעריי, אַן פאַלשקייטן. גאַנץ אַנדערש פון די גריכישע אַטריבוטן, וואָס ביי זיי איז דאָס העכסטע: אַ שאַרפער מוח, אַ קלאָרער לאָגיקער.

פאַרקערט, דער יידישער מענטש אין אַלע דורות באַטראַכט תמימות, נאאיווע ערלעכקייט, ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַר דער גרעסטער עטישער באַצייכענונג פון קרוינען אַ פאַרדינסטפולן מענטשן. און אַזוי ווערט אַ צדיק ריכטיק פאָרגעשטעלט אין ספר תהלים...

פון גרויס באַדייט איז דער תהלים, אַ חוץ די אידייען פון צדק און יושר, אויך די מעלה וואָס עס איז נאָך היינט אַזוי פריש, אַזוי לעבעדיק, אַזוי ניי. אויך דער נוסח אַזוי היימיש, נאָענט און וואַרעם. עס גיט דעם געפיל ווי אַלע הימלען וואָלטן זיך געעפנט און צוגעפירט פנים אל פנים צו גאָט. די נאָענטקייט באַווירקט אויף דער מענטשלעכער ווירדע, ווי עס דריקט זיך אויס דער שטאַרקער צו קענען לויבן גאָט:

איך וועל ניט שטאַרבן נאָר לעבן
און דערציילן די מעשים פון גאָט;
ניט די טויטע וועלן לויבן גאָט...

פון זאָגן אַ קאַפיטל תהלים ווערט אַ ייד זיכער אין זיך, אַז זיין בקשה וועט אָן ספק דערפילט ווערן. דער תהלים איז זיין בעסטער רעצעפּט און אַ באַלזאַם פאַר זיין צער און צעוויטאָגט האַרץ. עס ווערט אים אויך גרינגער אויף דער נשמה; עס דערהויבט זיין געפאַלן געמיט:

גאָט לענט אונטער אַלע געפאַלענע,
ער שטעלט אויף אַלע געבויגענע;
זייער געשריי הערט ער צו און העלפט זיי.
גאָט איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן אים מיט אמת.

דער ייד איז זיכער אַז גאָט איז אויף זיין זייט, תמיד גרייט אים צו העלפן, ווי עס שטייט:

פון ענגעניש האָב איך גערופן גאָט!
און ער האָט מיך געהאָלפן.
וואָס קען אַ מענטש מיר טאָן?
אַז גאָט איז מיט מיר, האָב איך ניט קיין מורא...

דער ספר איוב

א. דער אַריינפיר צום ספר איוב

דער מחבר פון ספר איוב קומט ענטפערן אויף אַ וועלט־פּראָבלעם, וואָס האָט געמאַטערט מענטשלעכע מוחות אין אַלע צייטן, דהיינו — די פראַגע פון ביידע אַספּעקטן: פאַרוואָס דער צדיק ליידט יסורים און דעם רשע באַגליקט? דער דאָזיקער פּאַראַדאָקס שנירלט זיך אַדורך דעם גאַנצן ספר אין דער פאָרם פון אַ ציקל וויכוחים צווישן דער געשטאַלט איוב, דעם צדיק, מיט זיינע חברים.

אויף איוב'ס ביטערע טענות קעגן דער געטלעכער השגחה, זיינען געקומען די פריינט זיינע מיט אַזעלכע ענטפערס, אַ שטייגער ווי די אַלט־באַקאַנטע ענטפערס פון ספר תהלים: אַז דער גליק פון רשע איז בלויז פאַר אַ קורצער ווײַלע, וואָס איז ווי פלעווע קעגן ווינט, און קיין צדיק ווערט ניט פאַרלאָזן: „נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב" (תהלים ל״ז). אָדער ווי בן־סירא זאָגט, אַז גאָט'ס מעשים זיינען אַלע גוט: „מעשי אל כולם טובים" (בן־סירא ל״ט), און עס איז בכלל גאָר ניטאָ קיין שלעכטס. אויב אַ צדיק ווערט געשטראָפט, איז מסתמא האָט ער געזינדיקט.

אַזעלכע פרימיטיווע ענטפערס האָבן איובן ניט צופרידנגעשטעלט. אויך דער ענטפער, אַז גאָט וועט שטראָפן דעם רשע נאָכ'ן טויט און פאַר צדיקים זיינען אָנגעגרייט אַלדאָס גוטס אויף יענער וועלט — פון דעם האָבן יענע דורות נאָך ניט געהאַט קיין השגה... אָבער דער מחבר ברענגט אַרויס צוויי אַנדערע קאַרדינאַלע ענטפערס:

אַלע הויפּט צרות פון צדיק זיינען נסיונות אַזעלכע, וואָס גאָט פּרוּ־בירט אויס אויף זיינע בעסטע נאָכפאָלגער, צו זען אויב זיי קאָנען ביישטיין אַ נסיון, ווי עס ווערט אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט אין דער לעגענדאַרישער דערציילונג: אַז גאָט האָט געשלאָגן איובן, ווייל דער שטן האָט געצווייפלט אין איוב'ס פרומקייט. שפּעטער, ווען גאָט זעט אַז איוב האַלט זיך פעסט אין זיין גלויבן, ווערט אים קאָמפּענסירט מיט טאָפּלטן גליק...

ב) גאָט ענטפערט איובן פון שטורעם. (דער פאַקט אַליין וואָס גאָט האָט זיך צוגעהערט און אים געענטפערט האָט שוין געהאַט אַ באַרואיקטן איינדרוק אויף איוב'ס געמיט־צושטאַנד). און גאָט זאָגט: ווייסט דער

מענטש די וואונדער און סודות פון דער וועלט? ווי וואָגט דאָס אַ מענטש צו שטעלן פראַגן און וועלן וויסן זאַכן וואָס דער מענטשלעכער שכל קען ניט באַגרייפן; אַז די געטלעכע מעשים און הנהגה פון דער וועלט זיינען פאַרהוילן פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד...

אָבער דאָס פּראָבלעם ווערט בלויז דיסקוטירט און ניט געלייזט... איוב'ס אָפּפרעגן גאָטס השגחה, אַז גאָט פירט ניט די וועלט מיט צדק און יושר, האָט געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע עטישע יסודות, וואָס איז געבויט דעם פּרינציפּ פון באַלוינונג פאַר טאָן גוטס און שטראָף פאַר טאָן שלעכטס.

ב. די דראַמאַטישע פּאָעמע איוב

דער ספר איוב באַשטייט פון 52 קאַפּיטלעך און איז אָנגעלאָדן מיט דיכטערישע דראַמאַטישע דיאַלאָגן. דער תוך פון די חקירות איז פול מיט עטישע און פּסיכאָלאָגישע טענות פון איובן וועגן דער געטלעכער השגחה פון זיך און תכלית פון מענטשלעכע יסורים אין שייכות צו די באַציאונגען צווישן מענטש און גאָט...

אין די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך, וואָס איז דער פּראָלאָג פון דער דראַמע איוב, באַשרייבט זיך די סצענע אין הימל, ווי אַזוי גאָט באַרימט זיך פאַר די מלאכים מיט דעם ערלעכן פרומען צדיק איוב, וועלכער לעבט אין נחת און גליק צוזאַמען מיט זיין ווייב, זיבן זין און דריי טעכטער, אין גרויס עשירות און כבוד. אָבער דער שטן מישט זיך אַריין מיט די רייד צו גאָט: „ניט אומזיסט איז איוב גוט און פרום — ער האָט כל טוב! פּרוביר, אַדרבא, נעם עפּעס אַוועק פון אים, וועסטו זען ווי ער וועט ווידערשפּעניקן." און גאָט גיט דעם שטן די דערלויבעניש צו מאַכן אַן עקספּערימענט — און עס ווערט זיך בליץ־שנעל די גרויסע קאַטאַסטראָפע — אַלעס גייט מיט איובן באַרג אַראָפּ: זיין פאַרמעגן ווערט רואינירט, ער פאַרלירט די קינדער, און ער אַליין ווערט געשלאָגן מיט אַ שחין און צרעת אויפן לייב, וואָס פאַרשאַפט אים שרעקלעכע יסורים. אָבער איוב בלייבט פעסט ביי זיין גלויבן. ער זאָגט: „נאַקעט בין איך אַרויס פון מיין מוטערס לייב, נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין; גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען"...

דער מחבר וויל דאָ באַווייזן דעם שטאַרקן כאַראַקטער פון געשטאַלט איוב, וואָס איז זיכער אַ וואַרהאַפטע פּאַסירונג און ניט קיין אויסגע־טראַכטע מעשה.

הגם עס זיינען געווען חלוקי דעות צווישן די חכמים, ווי די גמרא אין סוטה זאָגט: „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה." אויך האָט מען צוגעשריבן דעם ספר איוב צו משה רבנו — האַלטן אָבער פיל תנ"ך פאָרשער, אַז מעגלעך דער פּראָלאָג, די סצענע אין הימל, אויך דער עפּי־לאָג, גאָט'ס ענטפער פון שטורעם און אפילו דער באַזוך פון איוב'ס חברים, וועלכע זיינען געקומען אים מבקר חולה זיין, איז מעגלעך צו־געטראַכט לעגענדאַריש פון מחבר, און איז ענלעך צו פּראָמעטעאוס' לעגענדע פון אַסקעלוס, אָדער די בבלישע מעשה מיט דעם קראַנקן קעניג. אַזעלכע פאָלקסטימלעכע מעשיות זיינען אַרומגעגאַנגען אין די מזרח־לענדער אין דער צייט פון די ערשטע גריכישע דענקער, אַרום 500 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג...

אָבער דער עיקר געדאַנק פון ספר איוב, די וויכוחים און טענות פון ליידנדיקן איוב זיינען זיכער אמתע...

עס ווערן קלאָר דאָ צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז גאָט אַליין איז געווען אַ שותף פון אַריינפירן דעם צדיק איוב אין אַ פּאַסטקע; צווייטנס — גאָט פּרובירט אויס דעם צדיק, ווייל ער איז זיכער מיט אים; וועמען דען וועט ער אויספּרובירן, דעם רשע? ער וועט גלייך ניט אויסהאַלטן און רעוואָלטירן מיט לעסטערונג...

ג. די וויכוחים צווישן איובן און זיינע פריינט

ווען איוב'ס פריינט זיינען געקומען אים מבקר חולה זיין, זיינען זיי שאָקירט און דערשיטערט געוואָרן צו טרעפן איובן פאַרביטערט פון יסורים און ווייטאָג. זיי האָבן געוויינט אויפן קול, האָבן צעריסן זייערע קליידער און געוואָרפן אַש אויף זייערע קעפּ, און זיינען געזעסן טעג און נעכט און נישט גערעדט צו אים קיין וואָרט, ווייל דער ווייטאָג איז געווען גרויס. און איוב הייבט אָן שעלטן דעם טאָג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן:

יענער טאָג זאָל זיין חושך, ניט שיינען זאָל אויף אים קיין ליכטיקייט.
יענע נאַכט זאָל זיין וויסט, ניט קומען זאָל אין איר קיין געזאַנג.
פאַרוואָס בין איך ניט פון טראַכט געשטאָרבן?
פאַרוואָס גיט גאָט ליכט צו די וואָס מאַטערן זיך;
זיי וואָלטן זיך פרייען צו געפינען דעם קבר.

די פריינט האַלטן זיך ביי דער הנחה, אַז גאָט שטראָפט ניט אומזיסט. מסתמא האָט איוב ווען עס איז געזינדיקט, און איוב קאָן נאָך וואַרטן

אויף גוטע צייטן. אָבער איוב ווערט ניט געטרייסט פון אַזעלכע רייד און ער ענפערט:

דער מענטש האָט קורצע טעג און איז זאַט מיט פאַרדרוס,
ווי אַ בלום וואַקסט ער ער אַרויס און ווערט פאַרשניטן.
וואָס איז מיין כוח, אַז איך זאָל האָפן?
איז דער כוח פון שטיינער מיין כוח?
איז מיין לייב פון קופּער?

און איוב ווענדעט זיך צו גאָט, ער זאָל אים טויטן:

פאַרוואָס האָסטו האָסטו געמאַכט מיך פאַר דיין ציל?

אויף די טענות פון די פריינט, אַז פאַר אַ צדיק איז אָנגעגרייט שפּע־טער דער שכר, און וואויל איז דעם מענטשן וועמען גאָט שטראָפט:

גאָט מאַכט ווי און ער היילט.
דו וועסט נאָך קומען אין אַ פולער עלטער צו דיין קבר,
ווי אַ סטויג קומט אַריין אין צייט...

ענטפערט איוב צוריק:

אַז אַ מענטש שטאַרבט, ווערט ער צוריק לעבעדיק?
פאַר אַ בוים איז דאָ האָפענונג, אַז ווען ער ווערט פאַרשניטן,
באַנייט ער זיך ווידער; אָבער אַז אַ מאַן שטאַרבט
און פאַלט אַוועק, וואו איז ער?
איך וועל גיין אַהין פון וואַנען איך וועל זיך ניט אומקערן...

און איוב לייגט אַרויס זיין גאַנצע לאַמענטאַציע, שאַרף און ביטער, מיט זיין טענה צו דער השגחה:

פאַרוואָס איז אָנשטאָט ווייץ געוואַקסן דערנער?
פאַרוואָס ליידט דער צדיק אין זיין גערעכטיקייט
און דעם רשע באַגליקט?
וואָס איז דער תכלית און זין פון לעבן?
וואָס פאַר אַ וועלט־פירונג איז דאָס?
וואו איז דער גאָט פון גערעכטיקייט?
אַז די ערד איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די רשעים!

און איוב קומט צום באַשלוס, אַז דער מענטש איז ניט אין צענטער־באַשאַף פון דער עקזיסטענץ.

און גאָט ענטפערט איובן פון שטורעם:

ווייסטו ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן?

דער ספר קהלת

דער ספר קהלת באַשטייט פון צוועלף קאַפּיטלעך און נעמט אַרום פערזענלעכע ביאָגראַפיע, אַפאָריזמען פון לעבנס חכמה; דער פּראָבלעם צדיק און רשע, דער תכלית פון מענטשלעכן לעבן, און די טראַגעדיע פון די עלטערע יאָרן.

דאָס וואָרט „קהלת" איז טייטש אַ זאַמלונג, און לויט דער מסורה זאָל האָבן שלמה המלך זיך גערופן קהלת, ווייל ער האָט איינגעזאַמלט אַלע חכמות, אַלע שפּראַכן, אפילו די פון חיות, עופות, בוימער און גראָזן און האָט געהערשט איבער מלאכים און שדים.

קהלת איז אויך אַ סימבאָלישער נאָמען, איינער וואָס רעדט פאַר קהל, און די סעפּטאַגינטאַ זעצט איבער: „עקלעזיאַסטיס" (פּריידיקער). אויך דער מדרש רבה זאָגט: למה נקרא קהלת? (וואָס רופט ער זיך קהלת?) מפּני שדבריו נאמרים בקהל (ווייל זיינע רייד ריידן פאַר קהל). ווייטער זאָגט דער מדרש: שלמה האָט געשריבן שיר השירים אין דער יוגנט, משלי אין די מיטעלע יאָרן, און קהלת אויף דער עלטער, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדאַנקט פון טראָן, און דער אַשמדאי, דער מלך פון די שדים, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר שלמה המלך און געקיניגט אַ שטיק צייט אין ירושלים, בעת דער אמתער שלמה האָט געוואַנדערט אין דער פרעמד און גערופן: „אני שלמה!" אָבער קיינער האָט אים ניט געגלויבט...

די לעגענדע לייגט צו די פיס פונם אַשמדאי די קרומע זאַכן מיט וועלכע שלמה איז געוואָרן געטאַדלט פאַר די דריי גרויסע זינד: פאַר לאָזן טויטן זיין עלטערן ברודער אדוניה, פאַר פירן אַ גרויסן לוקסוס־לעבן פון טייערע פּאַלאַצן מיט טויזנט פרויען, פיל ניט יידישע, און פאַר

ווי אַזוי זי ווערט געפירט?

דער גרעניץ פון ים, די צעטיילונג פון טאָג און נאַכט?

און איוב איז מודה, אַז ער איז ניט געווען גערעכט מיט זיינע טענות קעגן גאָט, און ער נעמט אויף זיך גאָט'ס משפּט.

און אַז גאָט האָט געזען אַז איוב האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, קריגט ער צוריק זיין פאַרמעגן און לעבט נאָך אַ לאַנג לעבן, זאַט מיט יאָרן.

~~די גרויסע שטייערן וואָס שלמה האָט אַריפגעלייגט אויפן אָרעמען פאָלק.~~

די אַלע זאַכן האָבן געפירט צו דעם, אַז גלייך נאָך שלמהס טויט איז פאַר־געקומען די שפּאַלטונג פון דער מלוכה. אפילו דער נביא אחיה השילוני האָט געהייסן ירבעם בן נבטן אָפּרייסן אַ טייל פון ארץ ישראל און גרינדן אַ באַזונדערע מלוכה שומרון, און עס איז געווען גאָט'ס שטראָף וואָס שלמה המלכס יורשים האָבן זיך אַרומגעריסן איבער דער מלוכה.

וועגן דעם מחבר פון ספר קהלת איז ביי די מפורשים אַ פלפול. די גמרא אין בבא־בתרא זאָגט: דער מחבר איז טאַקע קהלת, דאָס הייסט, שלמה המלך, אָבער רעדאַקטירט איז עס ערשט געוואָרן אין חזקיה'ס צייטן; עס איז אויך די מיינונג ביי געוויסע פאָרשער, אַז קהלת איז ניט קיין אַנדערער ווי הורקנס, דער יידישער הערשער פון עבר הירדן אין דער צייט פון דער עגיפּטישער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל. אַנדערע דענקען, אַז קהלת אזי געשריבן פון די איסיים און פון עטלעכע פּערזאָנען, ווייל דער סטיל איז אַ געמישטער.

פאַראַן אַ פּסיקתא, די חכמים האָבן געוואָלט באַהאַלטן דעם ספר קהלת און אים ניט אַריינגענומען אין כינוס פון תנ"ך איבער זיינע סקעפּ־טישע פרייע געדאַנקען; אויך די בית שמאי אין גמרא מגילה זאָגן: קהלת איז ניט הייליק, עס איז אָבער יאָ אַריין אין תנ"ך, צוליב דעם וואָס עס געפינען זיך אויך דאָרט פרומע געדאַנקען, ווי די מורא פאַר גאָט, א.ד.ג. טייל פאָרשער פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס דער ספר קהלת נעמט אַרום אַלע שיטות פון וועלט־פילאָזאָפיעס, פון יענער צייט, אויף אַן עקלעקטישן אופן, בכדי צו ווייזן ווי גאָט'ס דרכים קענען ניט דער־קלערט ווערן דורך לאָגיק און שכל, און דאָס וואָס עס געפינט זיך אין קהלת אויסדרוקן פון סטאָאישן איינפלוס און איז ענלעך צו דער לערע פון הערעקליט מכוח אייביקייט פון באַוועגונג, האָט דער אבן־עזרא אויך באַמערקט, אַז קהלת האָט טענות צו גאָט כביכול, וואָס האָט ליב די יאָגע־ניש פון געשעענישן איינע נאָך די אַנדערע ווי אַ רונדן קרייז, און אייבי־קייט מיינט ניט, אַז די וועלט איז אַ קדמון און דערמיט אין קאָנפליקט מיט די מעשי בראשית... אָבער אַלע זיינען מסכים, אַז דער ספר קהלת איז אַ דעדוקטיווער ספר און שטייט אין איין מדרגה מיט די ספרים תהלים, משלי און איוב, וואָס זיינען טיף און רייך מיט ווערטפולע עטישע באַטראַכטונגען.

אין די ערשטע קאַפּיטלעך באַוויַזט קהלת די זינלאָזיקייט פון מענטשלעכן לעבן, די שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט פון פשוטן בשר־ודם און ער מאַכט אַ קל־וחומר: מה־דך איך, שלמה המלך, מיט מיין גאַנצער

רייכקייט און מעגלעכקייט צו פֿאַרשן די וועלט; איך, וואָס האָב זיך גע־בויעט פּאַלאַצן און ווייַנגערטענער, און מיין חכמה איז מיר בייגעשטאַנען, האָב ניט פֿאַרמידן קיין פֿרייד און תּענוגים, און נאָך דעם אַלעמען, אַז איך האָב אַנאַליזירט און גוט אַרומגעטראַכט, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז אַלעס איז נאַריש, הבל הבלים, נישטיקייט און ווינט־יאָגעניש; נו, אַז איך, קהלת, האָב ניט געפֿונען קיין גליק — הייַנט לא כל שכן, על אחת כמה וכמה, וואָס קען שוין דערוואַרטן דעם דורכשניטלעכן חי־וקים? !...

און עס מאַטערט קהלתן די גרויסע אומאָרדענונג פֿון דער וועלט, ניטאָ קיין ריטם און האַרמאָני, ניטאָ קיין גערעכטיקייט. עס געפֿעלט אים ניט די וועלט־פֿירונג, אַז דער מענטש מיט זיין גאַנצער חכמה שטייט נידעריקער ווי די טויטע נאַטור: —

אַ דור גייט אַוועק, אַ דור קומט, און די ערד שטייט אייביק...
אַלע טייכן גייען צום ים און דער ים ווערט ניט פֿול;
ווערטער ווערן ניט מיד, דער אויג קען זיך ניט אָנקוקן זאַט —
און דער אויער קען זיך ניט אָנהערן פֿול.

אויך זעט קהלת ניט קיין האָפֿענונג, קיין דערוואַרטונג אין דער צוקונפֿט, ווייל —

וואָס איז געווען וועט זיין, וואָס געשען וועט געשען;
ניטאָ קיין נייַעס אונטער דער זון.

און קהלת זעט אַ קרומקייט ניט אויסצוגלייכן, אַ פֿעלער ניט גוט צו מאַכן, און דער מענטשלעכער לעבן האָט דערפֿאַר קיין זין ניט, אפֿילו מיט חכמה איז עס ניט צו באַנעמען: —

פֿיל קענטשאַפֿט, פֿיל ווייטאָג; מער חכמה, מער פֿאַרדרוס.
דער חכם ווי דער נאַר, דער מענטש ווי די בהמה,
איין טראָף טרעפֿט זייביידן...

און אין קהלת פּראָטעסט איז דער ביטערער געפֿיל פֿון צווייפֿל און יאוש פֿון איינעם וואָס פֿאַרלירט די האָפֿענונג, אַז זאַכן זאָלן אַמאָל זיך ענ־דערן צום גוטן, ווען אַלץ איז שוין פֿון פֿריער באַשטימט פֿון דער השגחה:

אַז די וואָלקנס ווערן פֿול מיט רעגן, ליידיקן זיך אויס אויף דער ערד;
אַז אַ בוים פֿאַלט אין צפֿון אָדער דרום, דאָרט וואו ער פֿאַלט ליגט ער.

און קהלת איז איבערצייגט, אַז עס איז קיין תּכלית אין מענטשלעכן לעבן. אַלעס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע און ווינט־יאָגעניש.

קהלת איז ניט אויסן צו זאָגן וועמען מוסר, אויך קיינעם ניט געבן

קיין עצות, אָבער צווישן זיינע טענות און תרעומות וואַרפן זיך אַדורך אַ שלל, אַן אוצר פון קלוגע לעבנס־חכמות, אַ שטייגער:

פאַר אַלעם איז דאָ אַ צייט.
ניטאָ קיין צדיק וואָס זאָל ניט זינדיקן.
זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטס־מענטש. . .

ער דערציילט ווייטער זיין לעבנס־דערפאַרונג: וואָס נאָך גוט אַדורכ־טראַכטן אַלע חשבונות, אַלע סך־הכל'ס, קומט ער צום באַשלוס, אַז אַלעס איז הבל הבלים.

דער עיקר טענה וואָס קהלת האָט קעגן דער מערכה איז איבער דעם פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו," דער צדיק ליידט יסורים און דעם רשע באַגליקט: —

אַלץ האָב איך געזען אין מיינע נישטיקע טעג.
פאַראַן אַ צדיק וואָס גייט אונטער אין זיין צדקות,
און פאַראַן אַ רשע, וואָס איז מאריך ימים אין זיין שלעכטקייט.

עס זעט אויס ווי די השגחה שפּילט אַפּ אַ שפּיצל און באַצאָלט דעם רשע פאַר דער גוטער פירונג פון צדיק, און פאַרקערט — באַשטראָפט דעם צדיק פאַר די שלעכטע מעשים פון רשע; טאָ וואו איז דער שכר? וואו איז דער עונש? ניט אַנדערש, ווי דער מענטש איז פאַרפלאָנטערט אין זיין גורל און ער איז געפאַנגען ווי אַ פיש אין אַ נעץ, ווי אַ פויגל גע־כאַפּט אין אַ פאַסטקע, און קהלת ווערט טרויעריק און איז מקנא די טויטע:

די טויטע וואָס זיינען געשטאָרבן, זיינען גליקלעכער פון די וואָס לעבן נאָך, און בעסער איז דער טאָג פון טויט, ווי דער טאָג וואָס מ'ווערט געבוירן; בעסער גיין אין הויז פון טרויער, ווי פון אַ סעודה.

אויך זעט קהלת די עלטערע יאָרן, ווי טרויעריק און ביטער, ווען די אברים פון מענטשן ווערן אָפּגעשוואַכט, און קהלת פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

אין לויף פון די טעג וועט אַלעס סיוויי פאַרגעסן ווערן, אָבער דער סוף פון דער זאַך: ניטאָ קיין אויסוועג — האָב מורא פאַר גאָט, היט זיינע געבאָטן, ווארים דאָס איז דער גאַנצער מענטש, און גאָט וועט ברענגען דעם גאַנצן באַשאַף צום משפּט, איבער אַלעס פאַר־הוילנג, סיי גוט, סיי שלעכט.

קהלת איז אַ קוואַל פון שטודיע פאַר געלערנטע פון אַלע צייטן, און איז פאַררעכנט פאַר אַ קלאַסיש בוך, וואָס האָט אינטריגירט אַ סך יידישע און וועלטלעכע דענקער.

צדיק־רשע קאָמפּלעקס אין די כתבי־קודש

(געווידמעט דער קהילה קדושה לענטשיץ)

I

פּאַרוואָס דער צדיק אין זיין ערלעכקייט לעבט אין צרות און לייד, בשעת דער רשע באַגליקט אין זיין שלעכטס, איז אַ פּראָבלעם און איז אַזוי אַלט ווי דער מענטשלעכער געדאַנק. די מסורה דערציילט, ווי אַזוי אַברהם ווענדעט זיך צו גאָט מיט דער בקשה ניט חרוב צו מאַכן סדום — אויב עס געפינען זיך אין איר אַ צאָל צדיקים, און אַברהם זאָגט צו גאָט: ווילסטו אומברענגען דעם צדיק מיט דעם רשע? עס קען דאָך ניט זיין אַז דער צדיק זאָל זיין גלייך מיט דעם רשע!

אויך אין אַלע חוקים און משפּטים, וואָס זיינען פאַרשריבן אין דער תורה, ווערט קלאָר אָנגעדייטעט דעם שכר פאַר די וואָס היטן גאָטס געבאָטן, אַז זיי וועלן געניסן די ברכות, ווי דעם טוי פון הימל און פעטקייט פון דער ערד; פאַרקערט — פאַר די וואָס וועלן ווידערשפּעניקן, ווערט אויסגערעכנט די גאַנצע תוכחה מיט אַלע קללות און חרמות, און עס ווערט אָנגעוויזן, אַז פאַר מאַנכע מצוות ווערט אפילו פאַרשפּראָכן אריכת ימים, און פאַר געוויסע עבירות איז פאַרשריבן אָפּגעשניטענע יאָר פון כרת.

די חכמים האָבן אָבער אָנגעוויזן אויף דער סתירה און געשטעלט די פראַגע: היות ווי לאַנגע יאָרן ווערן צוגעזאָגט צו די וואָס זיינען מקיים כיבוד אב ואם, און צו די וואָס זיינען מקיים די מצוה פון שליחת הקן; האָט אָבער פּאַסירט, איינער איז געגאַנגען מקיים זיין די דאָזיקע מצוה, איז ער אַרונטערגעפאַלן פון בוים און געטויטעט געוואָרן. האָבן די חכמים געפרעגט: וואו איז דער אריכת ימים? איז דער תירוץ: אריכת ימים מיינט מען אויף יענער וועלט, וואו די טעג זיינען גאַנץ לאַנגע און אייביקע אין דעם עולם הבא...

II

דען אַלטען קאָנצעפּט פון „פוקד עוון אָבות על בנים" האָט געגאָלטן ביז יחזקאל הנביא האָט אים געגעבן אַ נייע אינטערפּרעטאַציע און ער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק פון „בן לא ישא בעוון האב, והאב לא ישא בעון הבן איש כדרכו אשפוט, נאום אלהים." (אַ זון וועט ניט ליידן פאַר

די זינד פון פאָטער, און אַ פאָטער וועט ניט ליידן פאַר די זינד פון זיין זון; יעדן מענטש לויט זיינע פירונגען וועל איך משפטן, זאָגט גאָט). און ער זאָגט ווייטער: די פאָטערס האָבן געגעסן וויינטרויבן און די ציין פון די קינדער זיינען זויער... דאָס אייגענע איז אויך חל אויף שפּעטערדיקע דורות: טאַטעס האָבן געזינדיקט און קינדער האָבן געליטן, אָדער פאַר־קערט: טאַטעס האָבן געליטן פאַר די זינד פון זייערע קינדער.

פרעגן טאַקע די חכמים: דער מלך מנשה, דער רשע, וועלכער האָט דערהרגעט דעם נביא ישעיה און אָנגעפילט די שטאָט ירושלים מיט געצנדינסט, ער שטאַרבט אין רו און פרידן, בשעת זיין אייניקל, דער גוטער מלך יאשיהו, דער צדיק, פאַלט אין שלאַכט מיט דעם פרעה נכו פון מצרים — טאָ וואו איז דאָ דער יושר און שכר פאַרן צדיק?

אַ צווייטער קאָנצעפּט איז געווען דאָס, וואָס „כל ישראל ערבים זה לזה", אַז יעדער ייד איז ערוב איינער פאַרן צווייטן, און צוזאַמען יעדער באַזונדער טראָגט נאָך דער ייד דעם אחריות פון כלל. אויב דאָס איז אַזוי מיט אַ פשוטן בשר־ודם, לא כל שכן דער צדיק הדור? אַ שטייגער, נח אין זיין דור, איוב און דניאל אין זייער דור, האָבן געוויס געטראָגן דעם אחריות פון זייער גאַנצן דור. דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט די נביאים אויך זיי האָבן געליטן פאַר זייער דור...

און ווען דער נביא ירמיה פרעגט: פאַרוואָס באַגליקט דער וועג פון רשע? האָט ער עס אַליין געפילט; ער האָט עס געזען פערזענלעך. ער, דער טראַגישסטער פון אַלע נביאים, ווינטשט זיך דעם טויט, און מען האָט אים טאַקע געוואָלט טויטן אויך, בלויז אחיקם בן שפן האָט אים מציל געווען פון ליימענעם גרוב. אויך דער נביא עמוס אַנטלויפט פון אמציהן, און דער נביא יונה, ווען ער אַנטלויפט פון גאָט'ס שליחות צו ראַטעווען די שטאָט נינוה, ווינטשט ער זיך דעם טויט. און איז ניט אליהו הנביא געצוואונגען צו אַנטלויפן פון דעם צאָרן פון אַחאָב און איזבל? און זיי אַלע האָבן געליטן און געפילט אַז זיי טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם גאַנצן עול פון די זינד פון זייער דור.

זיינען די נביאים געקומען צום געדאַנק, אַז גאָט וויל ניט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן; ער וויל אַז דער רשע זאָל תשובה טאָן. ווי עס דריקט זיך אויס דער נביא מיכה: „וואָס וויל דען גאָט פון דיר, מענטש? נאָר צו גיין באַשיידן אין גאָטס וועגן", דאָס הייסט, אימיטירן גאָט'ס מעשים: אַזוי ווי גאָט איז רחמים, זאָלסטו אויך זיין אַ בעל רחמים, און דער צדיק ליידט, ווייל ער טראָגט דעם גאַנצן עול און אחריות פון כלל...

III

צוזאַמען מיטן געדאַנק, אַז גאָט וויל ניט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן, נייערט ער זאָל תשובה טאָן, פּאַראַלעל צו דעם ווערט אַרויסגעבראַכט דורך יחזקאל בשייכות צום צדיק: אַוודאי וויל ניט גאָט אַז דער צדיק זאָל אומקומען, ווייל טויטע קאָנען ניט לויבן גאָט („לא המתים יהללו יה״— תהלים), און ווער וועט דערציילן גאָט׳ס וואונדער? און יחזקאל פרעגט די קשיה: אויב דאָס יידישע פאָלק וועט אונטערגיין און וועט ווערן פאַר־טיליקט פון די רשעים, ווער וועט ווייטער טראָגן דעם געדאַנק פון איין איינציקן גאָט?

ווייל, נאָך אַלעמען, איז פאַרט דאָס יידישע פאָלק, מיט אַלע זיינע שלעכטע פירונגען, נאָך אַלץ דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אַרויסגע־בראַכט נביאים מיט אַ הויכער אמונה און פיינע מענטשלעכע און עטישע מידות, און אַז אַזאַ פאָלק זאָל אומקומען, וואָס וועט די וועלט זאָגן? די אומות העולם?

די אַלע פּראָבלעמען ברענגען יחזקאלן צו דער איבערצייגונג, אַז די גאולה וועט קומען סיי ווי סיי, אויב ניט אין זכות פון יידישן פאָלק, וועט די גאולה קומען צוליב גאָט אַליין... און גאָט זאָגט: ניט פאַר אייך טו איך עס, נייערט פאַר מיין אייגן הייליקן נאָמען וועגן... און ניט ווייל דאָס פאָלק איז ווערט צו זיין דערלייזט, נייערט, ווייל גאָט האָט אַמאָל געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דעם דאָזיקן פאָלק.

און יחזקאל, דער נביא פון תחית העם, נאָכדעם ווי ער דערציילט זיין וויזיע פון דעם טאָל מיט די טרוקענע ביינער, זאָגט: „די אַלע ביינער זיינען דער גאַנצער יידישער פאָלק״, און דאָס מיינט ניט דער נביא דעם פערזענלעכן תחית המתים, נאָר די אויפלעבונג פון גייסט, און מיט דער דאָזיקער נבואה האָט ער דערוועקט דעם גלויבן פון פאָלק פאַר דער גאולה און שיבת ציון.

דער נביא יחזקאל שטרייכט אונטער די קאָמפּענסאַציע פאַר די ליידן פון די צדיקים, פון די פרומע און ערלעכע, אַז נאָך יעדן חורבן מוז קומען אַ גאולה, אַז מ׳טאָר זיך קיינמאָל ניט מייאש זיין.

אויך דער נביא חבקוק שטעלט אַוועק דעם יסוד פון יידישקייט, אַז דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה און זיין פּאָסטולאַט איז געווען, אַז כל זמן אַ פאָלק זיצט איינגעוואָרצלט אין לאַנד, איז קיין פראַגע ניט פון

שטראָף און באַלוינונג פון יחיד, ווייל די אנידיווידועלע פּערזענלעכקייט ווערט איינגעשלאָסן אין דעם כלל פון דער גאַנצער עדה, ווי איין גליד אין גאַנצן קערפּער. ערשט ווען די מדינה איז בטל, ווערט געבוירן די פראַגע פון שכר ועונש, און ער זאָגט ווייטער: די שטראָף קומט ניט גלייך באַלד נאָך דער זינד. און ווען מען זעט, למשל, אַ רשעותדיק פאָלק וואָס איז מצליח און די שעה שפּילט אים צו, איילט זיך ניט צו זאָגן אַז די וועלט איז הפקר, און אַז עס איז לית דין ולית דיין; נאָר גלויב, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט קומען זיין טאָג. ווען דאָס פאָלק ישראל האָט געזינדיקט האָט גאָט געשיקט אים מפּלות דורך די כשדים, די בבלים, די מצרים, אָבער אויך זיי, נאָכן דערפילן זייער פונקציע, קריגן זיי אַליין זייער שטראָף. . .

בכלל האָבן די נביאים געהאַלטן, אַז גאָט שטראָפט ניט מענטשן פאַר טאָן שלעכטס, נאָר דער מענטש באַשטראָפט זיך אַליין, ווייל אין זיין שלעכטס ליגט שוין די שטראָף..

און דער נביא חבקוק, וועלכער שרייט אויס זיין פּראָטעסט קעגן די אומגלייכהייטן פון דער וועלט, די אומפריינדלעכקייט צווישן מענטש און מענטש, אויך די פאַרהאַסטע באַציאונגען צווישן פעלקער, פאַרגלייכט ער זיי צו די פיש פון ים: דער גרויסער שלינגט דעם קליינעם, און ער זאָגט: עס וועט קומען אַ טאָג ווען אַכזריות און שנאה וועלן אויפהערן צו הערשן אויף דער וועלט און עס וועט זיין בלויז רו און פרידן.

גייסטיקע און פיזישע אַספּעקטן אין די כּתבֿי־קודש

אין כמעט אַלע שילדערונגען פון תנ"ך באַמערקט זיך דער שטענ־דיקער געראַנגל צווישןביידע כּוחות, די גייסטיקע מיט די פיזישע, און תמיד שטעלט זיך דער גייסטיקער כּוח אין פאָדערגרונט, בשעת דער פיזישער כּוח ווערט אָדער לגמרי פאַרשוויגן און זעלטן דערמאָנט, אָדער אפילו דאָרט וואו מענטשלעכע גבורה ווערט יאָ דערמאָנט, איז עס בדרך אַגב אַזוי כּלאחר־יד און יוצא־דופנדיק. אַזוי ביים סיפּור פון יציאת מצרים דערציילט זיך: ניט דורך אַ מלאך, ניט דורך אַ שליח, נאָר איך גאָט אַליין, האָב דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים.

וועגן משה, דעם אמתן העלד, דעם פרייהייטס־קעמפער, דעם ערשטן עמאַנציפּאַטאָר און געזעצגעבער, ווערט זיין נאָמען אין דער הגדה של פּסח קוים דערמאָנט, און אין חומש דערציילט זיך, אַז משה איז געווען אַ כּבד־פּה, אַ שוואַכער רעדנער; ער האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט דער צונג פון זיין ברודער אַהרן. עפּעס ווערט יאָ דערמאָנט פון משהס געזאַנג און זיין שוועסטער מרימס טאַנץ, באַגלייט פון אַ פּויק, אויך זאָגט זיך פון נחשון בן עמינדב, זיין געוואַגטער אַקט, דער ערשטער אַריינצושפּרינגען אין ים. אָבער זיי אַלע ווערן געמאָלן ווי סימבאָלן, פּענאָמענע פּאַסירונ־גען. אַזוי פאַרנעמט דער הימלישער כּוח, דער גייסטיקער, דעם אויבנאָן, בשעת דער געוויינלעכער מענטשלעכער כּוח ווערט פאַררוקט אין אַ זייט.

עס זעט זיך באַשיינפּערלעך דאָס מאַניפעסטירן פון דעם ניט זע־באַרן כּוח דעם געטלעכן, וואָס ווערט שטאַרק סובלעמירט, און אַזוי כּסדר אין גאַנצן חומש ווערט דער גייסטיקער סופּערלאַטיוו געשטעלט העכער פון די נאַטור־כּוחות.

נאָך אַ ביישפּיל ווי אַזוי סימבאָלן באַווירקן דעם מענטש צו העכערע ווערטן געפינען מיר אין דער סדרה קורח: גאָט הייסט משהן נעמען צוועלף שטעקנס פאַר די צוועלף שבטים און איטלעכן שבטס נאָמען אויפגעשריבן אויף זיין שטעקן, און אהרנס נאָמען זאָל זיין אויפן שטעקן פון שבט לוי, און עס איז געווען אהרנס שטעקן האָט אויפגעבליט. דאָ

זעען מיר דעם שטעקן פֿאַר דעם סימבאָל פֿון חשיבות. אָבער אויף אַנאַנדער אָרט, ווען משה הייבט דעם שטעקן צו שלאָגן דעם שטיין ער זאָל געבן וואַסער, איז משה נענש געוואָרן, ווייל גאָט האָט אים געהייסן בלויז ריידן צום שטיין, ניט שלאָגן דעם שטיין. דער שטעקן ווערט דאָ געוויזן ווי אַ סימבאָל פֿון אַ הערשער.

אַנדערש איז דער פֿאַרגלייך ביי אַהרן, ווי עס ווערט אַרויסגעבראַכט זיין כאַראַקטער פֿון אַ געדולדיקן, געמיטלעכן מענטש פֿון שלום, און באַלד דערנעבן, אין דער אייגענער פּרשה (קורח מ״ז) שטייט: זעט ווי אַהרנס שטעקן פֿון שבט לוי האָט אויפגעשפּראָצט, אַ בליעכץ פֿון צייטיקע מאַנדלען. דאָ וויל דער חומש ווייזן די חשיבות מיט וואָס אַהרנס שטעקן איז אַנדערש פֿון משהס שטעקן; אויך צו ווייזן אַז אַהרנס פּאָזיציע פֿון זיין דער כהן און גאָט׳ס דינער, ווי דער גאַנצער שבט לוי שטייט העכער ווי פֿירערשאַפֿט און געזעצגעבער פֿון משהס פּערזענלעכקייט.

און גאָט זאָגט צו משהן: אַהרן דיין ברודער וועט זיין דיר אַ נביא. דו וועסט ריידן צו אים און וועסט אַריינטאָן די ווערטער אין זיין מויל. אַהרנס ראָלע איז געווען צוצופּאַסן די ריכטיקע פֿראַזן מיט שיינע ווער־טער, בשעת דער נביא רעדט געטלעכע ווערטער, וואָס גאָט האָט אים אַריינגעגעבן אין זיין מויל, און דער המון, די מאַסן, האָבן אַלע מאָל אַ שוואַכקייט צו גוטע רעדנער. זיי האָבן עס אַרויסגעוויזן ביי אַהרנס טויט, ווי עס שטייט געשריבן: „עס האָבן אים באַוויינט דאָס גאַנצע הויז פֿון ישראל״, בשעת ביי משהס טויט שטייט בלויז: „עס האָבן אים באַ־וויינט די קינדער פֿון ישראל,״ ניט דאָס גאַנצע הויז פֿון ישראל...

* * *

די טראַדיציע פֿאַרקוקט וויכטיקע עטאַפּן,ווירקלעכע, און שילדערט דווקא די אַבסטראַקטע און דאָס לעגענדאַרישע. אין דער מלחמה ביי דער שטאָט גבעון זאָגט זיך אין ספר יהושע (י־יא): און עס איז געווען אַז די מלכים פֿון אמורי זיינען געלאָפֿן פֿון ישראל האָט גאָט אַראָפּגע־וואָרפֿן אויף זיי גרויסע שטיינער פֿון הימל, און מער זיינען געפֿאַלן פֿון די האָגל־שטיינער, ווי פֿון די וואָס די קינדער פֿון ישראל האָבן גע־הרגעט מיט דער שווערד. עס ווערט פֿאַרשוויגן די פֿיינע סטראַטעגיק און תכסיסי מלחמה פֿון דעם גרויסן קריגס־פֿירער יהושע און זיינע גיבורים. דאָ זעט זיך אויך ווי ישראלס העלדן ווערן כמעט ניט דערמאָנט. דער עיקר איז דאָ די לעגענדאַרע געטלעכע כוחות וועדליג די פֿיזישע ווערן פֿאַרשוויגן...

אויך שפּעטער, אין דער מלחמה מיט סיסרא, דעם גרויסן קריגס־פירער פון מלך יבין פון כנען, דערציילט זי דאָ אין ספר שופטים (קאַפּ. ד־ח) וועגן דעם זיג פון די בני־ישראל, ווי דער כוח פון גייסט שטייט העכער פון די מענטשלעכע כוחות. דבורה, די נביאה פון די ערשטע שופטים ביי יידן, זינגט איר ליד: „די שטערן פון די הימלישע היכלן האָבן פאַר אונדז געקעמפט" — קיין דערמאָנונג וועגן דער לאַנג־יאָריקער צוגרייטונג פון פיל יידישע העלדן צוזאַמען מיט גרויסן העלד, ברק בן אבינועם...

אויך וועגן דער מלחמה צווישן גדעון, דער פינפטער שופט ביי יידן, אין זיין קאַמף מיטן מלך פון מדין ווערט דערציילט אין שופטים (קאַפּ. ז'): דער שופט האָט אין דער שלאַכט מיט מדין איינגעטיילט די מחנה צו דריי הונדערט מאַן, אין דריי קלענערע מחנות, אַלע מיט שופרות אין זייערע הענט, און זיי באַפוילן צו בלאָזן מיט זיי, ווען אַרומרינגלענדיק די שטאָט־מויערן ביז עין־חרוד, און אַלע זאָלן שאַלן מיט געשרייען: „פאַר גאָט און גדעון!" און אַזוי האָבן זיי באַזיגט דעם שונא, וועלכער האָט געהאַט אַ גרעסערע צאָל מיליטער־לייט און אַ סך מער געווער, און פונקט אַזוי ווי יהושע האָט געטאָן ביי יריחו מיט יאָרן פריער.

די חכמים פרעגן דערויף: קאָן מען מיט שופרות און געשרייען באַזיגן אַ שונא? איז דער ענטפער: — דער עיקר איז געווען דער אָפּטאַמיזם און דער זיכערער בטחון, אַז די געטלעכע מערכה וועט יידן ביישטיין אין אַן עת־צרה. טאָכער חלילה האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל פאַר יידן, האָט מען עס אָנגענומען פאַר אַ שטראָף. סיווי, אין לויף פון יאָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גייסטיקע עלעמענטן זיינען געווען מער עפעקטיוו ווי אַלע מלחמה כלי־זיין. בכלל האָט דער קול קול יעקב באַוויזן ממש וואונדער קעגן די ידיים ידי עשיו...

דער חילוק צווישן תנ"ך געשטאַלטן און די פון תלמוד

די געשטאַלטן פון תנ"ך זיינען גאַנץ אַנדערש פון די געשטאַלטן פון תלמוד און דעם חילוק דערקענט מען אין די שילדערונגען פון די גרויסע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. לויט דעם תנ"ך איז אהרן הכהן דער טיף פירער, וועלכער איז גרייט צו באַטייליקן זיך אין מאַכן דעם עגל; ער איז דער פאָטער פון כהנים, וואָס האָבן ליקווידירט די יידישע מלוכה און די נבואה אין אָנהויב פון צווייטן בית־המקדש, און וואָס האָט געהאָלפן שאַפן די סעקטע צדוקים. אָבער דער תלמוד האָט געמאַכט אַ

אהרן הכהן דעם גייסטיקן פאָטער פון הלל הזקן. אַהרן הכהן פון תלמוד איז דער הויפּט פון די וואָס פּריידיקן שלום, ניט סתם שלום, נאָר שלום אונטער אַלע אומשטענדן, אום יעדן פּרייז, ווי עס האָט באַוויזן רבי יוחנן בן זכאי בעתן חורבן.

ווידער דאָס געשטאַלט, דוד המלך אין תנ״ך, איז רוי, נאַקעט, אָן באַפּוצונגען; אַ פּאָליטיקער, אַ קריגס־פירער, וועלכער רעכנט זיך ניט מיט קיינע שווערקייטן. דער תנ״ך באַהאַלט אויך ניט זיינע מעשים מיט בת־שבע; אויך די שחיטה וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין עמון און מואב; אויך האָב דוד המלך ניט געקאָנט בויען דעם בית־המקדש, ווייל זיינע הענט זיינען געווען איינגעטונגען אין בלוט. אָבער דער תלמוד זעט ניט דודן, דעם מלך בשר ודם, די היסטאָרישע פיגור, נייערט דעם לעגענ־דאַרן דור, דעם אידעאַליסט, דעם דיכטער פון תהלים, דעם זיסן זינגער אין ישראל.

אויך אַנדערש איז די געשטאַלט פון שלמה המלך אין תנ״ך קעגן דעם פון תלמוד. לויטן תנ״ך איז שלמה המלכס טראָן איינגעטונקען מיט בלוט פון זיין עלטערן ברודער אדוניה, דער געזעצלעכער יורש צום טראָן; ער האָט אויך אַרויפגעצויגן גרויסע שטייערן און געפירט אַ לעבן פון לוקסוס. אָבער וואָס איז שלמה המלך פון דער לעגענדע? דער גרעסטער חכם, דער מחבר פון די פיינע כתבים: משלי, שיר השירים און קהלת... אליהו הנביא פון תנ״ך איז אַ שטרענגער קעמפער פאַר זיין אמת, ער האַלט זיך ניט אָפּ פון בלוט־פאַרגיסונג; ער איז אויך אַן אַלטער צערנער און פאַנאַטישער קנאי; אָבער דער אליהו פון דער לעגענדע איז דער אייביקער גוטער אַלטיטשקער רעטער, וואָס באַווייזט זיך תמיד אויפן ריכטיקן פּלאַץ אין דער ריכטיקער צייט...

אויך בייטן זיך טיילמאָל די יוצרות: לויטן תלמוד איז בלעם אַ רשע מרושע, אָבער לויט דער תורה איז בלעם אַ פריינט פון יידן; ער בענשט זיי אָנשטאָט שעלטן, און קיינער האָט ניט אַזוי גוט באַזונגען יעקבן, ווי בלעם מיט זיין „מה טובו אהליך יעקב״...

פון אַלע נביאים וואָס שטעלן זיך איין פאַר דעם עיקר כוח הקיום פון יידישן פאָלק, וואָס ליגט אין די גייסטיקע ווערטן, איז דער נביא זכריה, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די לאָזונג: „ניט מיט חייל, ניט מיט כוח, נייערט מיט גייסט איז די רייד פון גאָט״! ער פּריידיקט אויך ניט צו באַפעסטיקן די מויערן אַרום ירושלים, ווייל גאָט וועט שיקן אַ וואָלקן אַרום די שטאָט ירושלים, וואָס וועט זי באַשיצן קעגן די שונאים, און

שפּעטער, נאָך דעם צווייטן חורבן, האָבן די תּנאים באַנייט די אַלטע לאָזונג פון די נביאים, אַז דער עיקר איז דער גייסט. אַזוי האָט רבי יוחנן בן זכאי אויסגעבעטן די שטאָט יבנה מיט אירע חכמים. און דער גייסט איז די יידן מיטגעגאַנגען אין גלות. זיי זיינען ניט געווען אַליין, ווייל דער געטלעכער גייסט איז מיט זיי, שכינתּא בגלותא. און נאָכ׳ן חורבן ירושלים האָבן זיך יידן באַשאַפן די אילוזיע פון אַ ירושלים של מעלה...

* * *

פאַרוואָס דער תּנ״ך ווי אויך דער תלמוד האָבן אַרויסגעוויזן אַ פּאַסיווע איינשטעלונג צו מאַטעריאַליזם און אַ ווידערווילן צו פיזישע גבורה, איז געווען פּשוט איבער די מורא פאַר נייע מרידות וואָס נאָך די חשמונאים מלוכה, און שפּעטער דער בר־כּוכבא אויפשטאַנד. די ביידע דורכפאַלן האָבן שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם ווילן פאַר זעלבסטשטענדי־קייט. אָבער כּדי די יידן זאָלן נישט אַריינפאַלן אין יאוש האָבן די חכמים פאַרשפרייט דעם געדאַנק, אַז אַלעס איז נאָך ניט פאַרלוירן. אמת, דער היינט איז טונקל און פאַרנעפּלט; מיר האָבן אָבער גייסטיקע ווערטן און בטחון אויף אַ העלער ליכטיקער צוקונפט.

בשעת פעלקער פאַרהערלעכן זייערע העלדן, צי געטער, טוען יידן זיך פאַרטיפן אין אַ לעבנס־פילאָזאָפיע געבויט אויף אמת, יושר און רחמנות, און ווייזן אַרויס גרויס כּבוד די גייסטיקע פירער.

די סופרים

פינף הונדערט יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכענונג האָבן די סופרים איינגעפירט תקנות געצילט ווי אַ שוץ־וואַנט, ווי אַ כינעזישע מויער אַרום דער אייגן געשאַפענער געטאָ אין איר אייגן לאַנד. די תקנות פון די סופרים זיינע די רעקאָרדירטע דאקומענטן פון יענער פעריאָדע וואָס רעפלעקטירט דעם סאָציאַל־פסיכאָלאָגישן מצב, אויך די סיבות פון דער איזאָלאַציע און טיילווייזן אַנאַכראָניזם.

די תקנות פון די סופרים, ווי שטרענגע גזירות, זיינען געוועזן דראַס־טיש, אָבער די צייט האָט געפאָדערט עמערגענטישע מיטלען כדי צו פאַר־מיידן אַ גרויסן קריזיס וואָס האָט געדראָט דעם יידישן קיום. און צו דערגיין געניי און גרינטלעך די לאַגע מוז מען צוגיין ווי דער היסטאָריקער־אַרכעאָלאָג, וואָס טוט צו וויכטיקע איינצעלנע עפּיזאָדן אַזוי גוט ווי צו גאַנצע געשעענישן. ער נעמט אַרום אַלע דריי קאַטעגאָריעס אָדער כאַראַקטעריסטיקס אין דער געשיכטע — די כראָנאָלאָגישע, די אינטער־פּרעטיווע, און די רעקאָנסטרוקטיווע.

בנוגע די כראָנאָלאָגישע איז דאָ אַ פּראָבלעם, וואָס די ידיעות זיינען קורץ און מאָגער, ווי זיי ווערן דערציילט דורך עזרא און נחמיה. אַלעס וואָס מיר דערוויסן זיך איז, אַז יידן האָבן אין יענעם דור ניט אָפּגעהיטן שבת און פאַרגעסן צו פייערן די ימים טובים. זיי האָבן אויך פאַרגעסן די תורה, אויך זייער אייגן לשון; זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פעלקער און אָנגענומען פרעמדע מנהגים. די אַלע שטיקלעך און ברעקלעך זיינען בלויז אָנדייטונגען, דערפאַר איז דער אינטערפּרעטיווער טייל אין דער געשיכטע פון גרויס נוצן, או מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם בן־סירא, וועלכער איז אַליין געווען אַ סופר, הגם שוין צום סוף פון דער סופרים־עפּאָכע, דערמאָנט ער וועגן דער איינטיילונג פון תנ״ך דורך די סופרים.

אויך דורך די שריפטן פון פילאָן און יאָזעפוס, אין זיין בוך „קעגן אַפּיאָן״, דערמאָנט די תקנות פון די סופרים. אין די אַריסטוס בריוו דערמאָנען, אַז ציצית און תפילין זיינען אַריין צווישן די תקנות פון די סופרים. אָט־די אַלע געלערנטע, וועלנדיק אינטערפּרעטירן און אויס־טייטשן די פאַסירונגען פון זייער אייגענעם דור, גיבן זיי אויך איבער די

פריערדיקע פּאַסירונגען, און אַזוי באַקומען מיר אַ שטיקל בילד פון יענער פּאַנאָראַמע, וואָס פירט אונדז נעענטער צו דער צייט און אָרט פון יענער תקופה.

ווייל מען אָבער זיך מער פּאַרטיפן און זוכן צו וויסן אַן ענטפער אויף פיל רעטענישן, אומקלאָרקייטן, פּאַראַדאָקסן און זיגזאַגן, מוז מען שוין בויען אויף צוריק אין רעטראָספּעקט, רעקאָנסטרוקטירן און צוזאַמענ־נעמען אַלע ברעקלעך און פיצלעך און אַריינגעבן אין דמיון אַ רעאַליטעט אַז אַלעס זאָל ווערן לעבעדיק מיט בלוט און פלייש.

די מעלה פון געשיכטע איז, וואָס זי לאָזט ניט פאַרגעסן. געשיכטע טוט זיך אויך ווידערהאָלן, און מיר זעען די זעלבע געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט אין עזרא׳ס צייטן, האָט אויך פּאַסירטביים ערשטן בית־המקדש און ווערט אויך דערמאָנט אין ספר שופטים: די בני־ישראל זיינען גע־זעסן צווישן דעם כנעני, דעם חתי, דעם יבוסי, און זיי האָבן גענומען זייערע טעכטער פאַר ווייבער און זייערע אייגענע טעכטער — צו זייערע זין, און זיי האָבן געדינט פרעמדע אָפּגעטער...

ענלעך איז אויך געווען די צווייטע יידישע מלוכה צו דער ערשטער מיט דעם, וואָס ביידע זיינען געווען טעאָקראַטיש, אָבער דער גלאַנץ און ראַסקאָש פון דעם פאַרנעם פון ערשטן בית־המקדש האָט דער צווייטער נישט געהאַט, הגם ביידע זיינען געווען גלייך הייליק. אויך איז די צווייטע מלוכה געווען אַ קירצערע ווי די ערשטע.

* * *

די פעריאָדע פון די ערשטע צוויי הונדערט יאָר פון בית שני האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער נייער פאָרמירונג און אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן דורך דער גייסטיקער פירערשאַפט פון עזרא הסופר, און עס האָט זיך געצויגן ביז די צייטן פון די ערשטע תנאים — די זוגות... ווי ווייט גרויס די באַדייטונג פון יענע איינריכטונגען פון דעם נייעם שטייגער לעבן, איז צו זען די ווירקונג, ווי אַזוי די שינויים האָבן באַאיינפלוסט דעם דענקען און טראַכטן פון יעדן יחיד דורך די נייע תקנות פון די סופרים און די אַנשי כנסת הגדולה.

דעם רושם איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. דאָס וואָס איז פאַרגעקומען איז געווען אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט משפיע געווען דעם יידישן לעבן פאַר לאַנגע דורות. ערשט אין ווייטן רעטראָספּעקט קען מען זען דעם נעט רעזולטאַט, דעם פּאָזיטיוון כוח, און עס איז אַלעס צו פאַרדאַנקען די געניאַליטעט פון עזרא און די סופרים מיט זייער גוזר זיין נייע דינים,

וואָס האָבן תחילת אויסגעזען פאַר צו שטרענג, אָבער אַלע האָבן מסכים געווען אַז אַזוי האָט עס געמוזט זיין; פשוט עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען.

דער ייד ווי אויך יידישקייט — ביידע האָבן אָנגענומען אַ ניי פּנים. גאַנץ אַנדערש ווי אין די צייטן פון די נביאים און פון ערשטן בית המקדש, ווען יידשיקייט איז אַן אַבסטראַקטע אידייע. ביי די סופרים איז יידיש־קייט געוואָרן אַ קאָנקרעטע זאַך, צוגעקניפּט און צוגעבונדן נאָענט צום יידישן גוף ווי צו זיין נשמה. דער ייד איז געוואָרן איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, וואָס איז מאָביל און דינאַמיש. די דינים, וואָס זיינען נוגע דעם יחיד פון וויג ביז אין קבר, און אָפּהיטן די מצוות האָט ניט געמיינט פאַר די שבתדיקע אָדער יום־טובדיקע טעג, און עס מיינט ניט אַז בלויז די כוהנים זאָלן אָפּהיטן די מצוות, נייערט עס מיינט „בשכבך ובקומך", „יומם ולילה", און כל ישראל, אַלע מאָל און אומעטום"...

יידישקייט, ווי אַ סאָציאַל־רעליגיעזער קאָנצעפּט, האָט פאַרנומען דעם אָרט פון פּאָליטיק און נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק, אַ זאַך וואָס האָט אויס־געפעלט דעם ייד אונטער אַ פרעמדן יאָך... דערפאַר איז געווען די נייע אָריענטאַציע פאַר קאָנצענטרירן די אייגענע כוחות פאַר פאַרטיפן זיך אין גייסטיקע און קולטור־ווערטן. דער עיקר אויף דעם געביט פון לערנען און פאַרשן די תורה.

עזרא הסופר האָט דאָך געזען ווי די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן פון פאָלק; איז געשטאַנען די פראַגע: אויב אין ווייניקער ווי זיבעציק יאָר אין גלות בבל האָבן יידן געקענט פאַרגעסן תורת משה — וואָס קאָן נאָך פּאַסירן צו יידן וואָס זיינען געבליבן אויף שטענדיק וואוינען אין פרעמדע לענדער, און אפילו אין אַן אייגן לאַנד אונטער אַ פרעמדן יאָך?

אַ וועג האָט געמוזט געפינען ווערן צו קענען צעמענטירן פעסט צו־זאַמען דעם יידנטום מיט דעם יידן אויף אַ דויערהאַפטן אופן, אַז דער המשך זאָל האָבן אַ קיום.

די ערשטע אויפגאַבע איז געווען — איינצוזאַמלען די תורה און איר פאַרשרייבן, זי זאָל בלייבן אַ ירושה לדורות. צווייטנס: די פראַגע פון שאַפן נייע אויסטייטשונגען, אַז עס זאָל האַרמאָניזירן מיט דער נייער צייט און זאָל ווערן דער נוקלעאוס פאַר דער צווייטער תורה — די פון מויל, שבעל־פה. און פאַקטיש איז דאָס געווען דער באַזיס פאַר די זוגות — די פינף דורות ערשטע תנאים, וועלכע האָבן אויסגעטייטשט די תורה. דאָרט וואו עס לאָזט זיך האָבן זיי געלערנט דורך פשט, לויט דעם פּראָסטן

שכל און לאָגיק, און וואו עס איז שווער — איז דורך משל און מליצה, און זיי האָבן געלערנט, אַז אויך די נייע דינים זיינען גאָר ניט אַזוי ניי, ווייל אַלעס איז געגעבן במסורה צו די נביאים און פון זיי אַריבער צו די סופרים און אַנשי כנסת הגדולה.

* * *

די אַנשי כנסת הגדולה האָבן פונקציאָנירט אין דער צייט פון די סופרים און איז באַשטאַנען (לויט די ירושלמי, ברכות ד') פון 120 מיט־גלידער. זיי האָבן איבערגענומען די תורה פון די נביאים, אַזוי זאָגט זיך אין פרקי אָבות. זיי האָבן געווירקט אַ קיימא־לן פון צוויי הונדערט יאָר, פון עזרא הסופר ביז שמעון הצדיק, דער לעצטער פון די אנשי כנסת הגדולה, וואָס איז שפּעטער בטל געוואָרן פון די גריכן, בשעת זיי האָבן איבערגענומען די ממשלה פון דער פּערסישער מאַכט און זיי האָבן אָנ־שטאָט דעם, געגרינדעט אַ סנהדרין, אַ הויך־געריכט פון 71 מיטגלידער, שבעים ואחד זקנים.

שמעון הצדיק האָט פיל אויסגעבעסערט דאָס לעבן אין ירושלים. דורך זיין שתדלנות האָבן יידן געקראָגן פיל פּריווילעגיעס פון דער גריכישער מאַכט. דער בן־סירא, וועלכער איז אַליין געווען אַ סופר און האָט געלעבט נישט קיין סך שפּעטער פון שמעון הצדיק, זאָגט אויף אים (אין בן־סירא ל־ח): ער האָט רעמאָנטירט דעם בית־המקדש און די מויערן אַרום ירושלים, וואָס די שומרונים האָבן געהאָט פריער צעשטערט. אויך יוסיפון זאָגט (ספר י־ג): שמעון הצדיק איז געווען באַליבט ביי גאָט און ביי מענטשן, דורך אים האָבן נסים פּאַסירט. דאָס אייגענע זאָגט די גמרא (יומא ל"ט) און אין מנחות ק"ט: און די גמרא פרעגט: למאי האָט מען אים גערופן צדיק? זיינען די אַנדערע חכמים ניט געווען קיין צדיקים? דער ענטפער איז: ער, שמעון הצדיק, האָט זיך געזאָרגט ניט בלויז פאַר כלל ישראל, נאָר אויך פאַר רב ישראל; אַ מענטש פון מעשים טובים, אַן אמתער צדיק.

די אנשי כנסת הגדולה האָבן געלערנט דריי זאַכן: זייט געלאַסן ביי אַ משפט, שטעלט אויף אַ סך תלמידים, און מאַכט אַ צוים אַרום דער תורה. ווער איז געווען דער גרינדער פון דער כנסת הגדולה? איז אַ פראַגע וואָס איז ביז היינט נאָך ניט גענוי אויפגעקלערט געוואָרן. דערפאַר איז מעגלעך גערעכט ר' נחמן קראָכמאַל אין זיין באַהויפּטונג, אַז די סופרים האָבן זיך אויך גערופן „אנשי כנסת הגדולה" אוןביידע קערפּערשאַפטן זיינען פאַקטיש געווען איינע...

מכות די זוגות, די פינף פֿאַרלעך ערשטע תנאים, איז קלאָר אַז זיי האָבן איבערגענומען די תורה פֿון דער אנשי כנסת הגדולה, און זיי זיינען געווען די שאַפֿער פֿון די ערשטע הלכות. זיי, די זוגות, די גייסטיקע פֿירער פֿון די פינף דורות. איינער פֿון די פּאָר איז געווען דער נשיא, און דער צווייטער איז געווען דער אב־בית־דין, זיין געהילף.

דאָס ערשטע פּאָרל פֿון די זוגות איז געווען: יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן, וועלכע זיינען געווען די תלמידים פֿון שמעון הצדיק און פֿון אַנטיגנוס איש סוכו, וואָס ביידע זיינען אומגעקומען אין דער צייט פֿון די גריכישע שמד־גזירות.

אין יענער צייט האָט די גריכישע קולטור געפֿירט אַ שטאַרקע אַגי־טאַציע קעגן דער יידישער תורה, און עס גרינדעט זיך די פּאַרטיי צדוקים, דורך צדוק און בייתוס, די צוויי תלמידים פֿון אַנטיגנוס איש סוכו, וואָס זיינען אַראָפּ פֿון דרך הישר, און זייער לאָזונג איז געווען: קאָלאַבאָראַציע מיט דער גריכישער קולטור און אָננעמען זייערע מנהגים, און אין אָפּאָ־זיציע צו דעם האָט זיך פֿאַרמירט די פּאַרטיי פּרושים, וואָס האָט געפּריי־דיקט איזאָלאַציע און פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אַ מין סאָרט באָיקאָט גע־צילט קעגן די שונאים פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אויך אין די סנהדרין, וואו ביידע פּאַרטייען זיינען געווען גלייך פֿאַרטראָטן.

די פּרושים האָבן געאַסרט אַלע פֿרעמדע זאַכן וואָס די יידישע אַסי־מילאַטאָרן האָבן געהאַט איינגעפֿירט, און ווייל זיי האָבן איינגעלאַדן אַנטי־יוכוסן פֿון סיריע צו קומען „פֿאַרגריכן" דעם יידנטום, האָבן די חכמים געבויעט אַ גייסטיקן שוץ־מויער, אַ „כינעזישע וואַנט" קעגן פֿרעמדע קולטורן און פֿרעמדע ציוויליזאַציעס.

די צאַם אַרום דער תורה איז באַשטאַנען פֿון אַ רייע אָנווענדונגען און די פֿון אַ רייניקונג דורך שטרענגע כללים אויף פֿרעמדע זאַכן, אַ שטייגער, פֿרעמדע ווייבער, פֿרעמדע מנהגים, פֿרעמדע געטער. דער חרם איז געווען אויך קעגן כלים פֿרעמדע, אפילו במגע ובמשא איז אָסור, און פֿרעמדע ערד איז טמא. מיט איין וואָרט — אַ טאָטאַלע איזאָלאַציע, אַ גייסטיקע געטאָ, אָפּגעשלאָסן, אָפּגעזונדערט...

אויסערלעכע פֿאָרם און צערעמאָניעס האָבן פֿאַרלוירן זייער גלאַנץ. די סופֿרים האָבן געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם תוך פֿון יעדער זאַך, און ניט אויף „מה נאה אילן זה", וואָס איז דער אַספּעקט פֿון דער גריכישער קולטור, וואָס האָט פֿאַרגעטערט פיזישע שיינהייט. און דער צאַם אַרום

דער תורה און אַרום דעם יידן האָט געווירקט. און, מערקווירדיק, דאָס וואָס איז ניט געלונגען די נביאים אויסצוראָטן אַלע במות און געצן, איז יאָ געלונגען די סופרים. זיי האָבן געזיכערט דעם יידישן קיום פאַר דורות.

און ניט אַזוי לייכט איז עס זיי אָנגעקומען און ניט אָן פּראָטעסט. די נייע תקנות האָבן געשאַפן אַ גרויסע קעגנערשאַפט פון אַ צאָל עקשנים. אַ חוץ דער גרופּע צדוקים, אָנגעפירט פון צדוק און בייתות, זיינען אויך געווען אַנדערע סעקטן קעגנער. זייער אַרגומענט איז געווען דער „לא תוסיפו" — עס שטייט אין דער תורה, מען טאָר קיין זאַך ניט צוגעבן. אויף דעם האָבן די סופרים געענטפערט: די תקנות זיינען ניט צו געבן נייע דינים, נייערט צו פאַרשטאַרקן די אַלטע געזעצן.

* * *

ווער עס זיינען געווען די סופרים? זיינען דאָ פיל מיינונגען און וואַריאַציעס, און אַלע זיינען היפּאָטעטיש. דערפאַר אָבער וועגן זייער גרויסער ראָלע און זייערע פונקציעס איז דאָ אַן אוצר מיט פאַקטן. אַזוי למשל: ירמיהו דערציילט: יהויקים איז אַריין אין קאַבינעט פון אלישע דעם סופר; אויך שפן דער סופר, און ברוך בן נריה זיינען אַלע סופרים, סעקרעטאַרן. מיר באַגעגענען זיי אויך אַלס ריכטער און פירער, בעת דריוש דער מלך פון פרס, פאַרטרויעט עזראן צו בויען דעם בית המקדש

בכלל זיינען די סופרים געווען פאַררעכנט פאַר די פירער פון די יידן און זיינען די ריש גלותא'ס. אין פּערסיע גילט דער נאָמען סופר פאַר אַ הויכן באַאַמטן. און עזרא הסופר איז געווען אי כהן אי נביא. הגם אין יענער צייט האָבן נביאים ווי אויך כהנים ניט געשפּילט קיין ראָלע. וועגן לוויים זאָג זיך יאָ: זיי האָבן אַרויסגעהאָלפן עזראן אין לערנען מיט די יידן די תורה.

דער תרגום אונקלוס, אויך דער תנחומא זעצן איבער כהנים, לוויים און נביאים מיט דעם נאָמען סופרים. אַזוי למשל: „באר חפרוה שרים" (במדבר כ"ח), זאָגט דער תרגום: אַ ברונעם האָבן געגראָבן די הערן משה און אהרן; „וימת שם משה", זאָג די גמרא (סוטה י"ג): משה, אַ גרויסער סופר ביי יידן — ווייזט נאָענטקייט צווישן חכמים און סופרים.

ביי די כראָניקער זיינען די סופרים אַ צעך־פאַראיין, אַ פאַך־גילד פון די שרייבער קונסט און די שרייבער משפחה; באַגאַבטע מענטשן און ניט סתם שרייבער, נייערט שרייבער פון הייליקע ביכער; דאָס מאַכט שוין אויך די שרייבער הייליק. (דברי הימים א־ו). און ניט נאָר די לוויים און

כהנים זיינען געווען הייליק, נאָר אויך די סופרים — זאָגט דער בן־סירא (ל־ט): גאָט האָט געגעבן דעם סופר כוח צו באַנעמען חכמה. ער מאָלט זיי אויך אָלס אַמבאַסאַדאָרן און דיפּלאָמאַטן (דאָרט מ׳). דער סופר דינט פאַר גרויסע מענטשן, ער שטייט פאַר הערשער אין פרעמדע לענדער, ער רופט זיי חכמים, ער זאָגט: די חכמה פון פון די סופרים מערט חכמה. (דאָרט מ׳).

עס קען גריילעך געמאָלט זיין אַז עס איז געווען דער סופר שעפּעריש מער ווי אויף איין געביט; אויך מעגלעך עס זיינען געווען פאַרשידענע אָפּטיילונגען, און אפשר איז גערעכט אייזיק הירש ווייס, אין „דור דור ודורשיו״ חלק א׳, ער זאָגט: זיי האָבן זיך גערופן סופרים, ווייל זיי האָבן געלערנט פון ספר און עפּעס צוגעגעבן צום ספר. דער תלמוד גיט אַ טעם: זיי האָבן זיך גערופן סופרים, ווייל זיי האָבן געציילט די אותיות פון דער תורה. די תורה איז פול מיט רמזים, יעדער אות בעט אַ דערקלערונג, אַ שטייגער למשל: ווי אַזוי בינדט מען ציצית? ווי מאַכט מען תפילין? ווי מאַכט מען אַ סוכה? וואָס איז שעטנז? וויפיל פאה לאָזט מען איבער פאַר אָרעמע לייט? מיט וואָס איז מען מקדש אַ ווייב, ווי טאַנצט מען פאַר אַ כלה? וויפיל ביכורים ברענגט מען?

די אַלע פראַגן זיינען בערג וואָס הענגען אין דער לופטן אויף אַ האָר, און די סופרים, די ערשטע אויסטייטשער פון דער תורה, האָבן געהאַט אַ שווערן ענין אויסצוגעפינען דעם אמתן טייטש; אויך אַ שליסל צו אַלע אַנדערע פאַרשלאָסענע טירן... אין אַ לאַבירינט פון ספקות און ווידער־שפּרוכן פון איין פסוק מיט דעם צווייטן. פאַר דעם האָט געמוזט געשאַפן ווערן כללים אויסצוגלייכן די אַלע ספקות און סתירות.

די סופרים האָבן פאַרפאַסט צוגאָב־דינים, ווי אָפּצוהיטן די גע־שריבענע תורה. זיי האָבן געבויעט די נייע תקנות אויף דער כוונה פון פסוק, אויף דעם גייסט פון וואָרט; אַ טייל לויט דער אַלטער טראַדיציע און גערופן עס, הלכה למשה מסיני, דאָס הייסט, אַן אַלטע הלכה, און צו־געפּאַסט צו דער נייער צייט, און גערופן עס, התורה שבעל־פה, די תורה פון מויל.

זיי האָבן אָפּגעשלאָסן דעם תנ״ך; אַנדערע זאָגן: די זוגות וואָס האָבן געלעבט שפּעטער, זיי האָבן אָפּגעשלאָסן דעם תנ״ך. סיווי, עס האָט זיך אָנגעהויבן אין עזרא׳ס צייטן און עס האָט זיך געצויגן דורות אויסצו־געפינען, וואָס איז הייליק און וואָס איז ניט. זיי האָבן געמוזט אָפּקלייבן פון פיל אַפּאָקריפישע ביכער, ווי עס דערציילט דער בוך חשמונאים

חלק ב׳. אויך דער „מורה נבוכי הזמן" איז מסכים מיט דער גמרא בבא בתרא, אַז די סופרים האָבן געשריבן אַ טייל ספרים פון תנ"ך.

די סופרים האָבן פאַרבונדן הלכות מיט מסורות בקבלה, דעם בעל־פה מיט דעם שבכתב. דאָרט וואו דער פראָסטער פשט איז ניט גענוג, האָבן זיי געזוכט אַ טיפן מיין. זיי האָבן זיך באַנוצט מיטביידע מעטאָדן, אַמאָל מיט פשט און אַמאָל מיט רמז. שפּעטער האָט זיך אַנטוויקלט אויך אַנדערע מעטאָדן פון קאָמענטירן די תורה, אַלעגאָרישן משל און מליצה, באַקאַנט אַלס דער אַלעקסאַנדרונער מעטאָד פון פילאָן, אָדער בוכשטאַב־לעך, אַזוי ווי די צדוקים טייטשן ככתבם.

רבנו סעדיה גאון, אויך דער רמב"ם, זעען אין דער תורה ביידע, נגלה און נסתר, און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט ביידע מעטאָדן, ווי למשל: „לא תבערו אש", טייטשט סעדיה גאון אין זיי אמונות ודעות ל"ד: מאַכט ניט קיין מחלוקה, און „מכה איש מות יומת" — מיינט ניט מיט די הענט ממש, מען קען דערגיין יענעם די יאָרן מיטן מויל. אָבער על פי רוב האָבן זיי פריער געזוכט דעם לאָגישן טייטש, און דעם משל און מליצה נאָר בשעת הדחק...

פיל מאָל ווערט דערמאָנט אין דער גמרא: דברי סופרים, תקוני סופרים, און ניט הלכות סופרים. אויף דעם דערקלערט דער „דור דור ודורשיו" חלק א׳, אויך נחמן קראָכמאַל זאָגט: אַז די סופרים האָבן קיין הלכות ניט געפּסקנט, נאָר דאָרט וואו עס זאָגט זיך„ הללו מדברי תורה", מיינט עס — טייל איז דירעקט פון דער תורה און אַ טייל איז דער פירוש פון די סופרים, בשעת זיי האָבן געלערנט מיט תלמידים, און ווען זיי האָבן געלייענט די תורה האָבן זיי פאַרטייטשט.

די סופרים האָבן איינגעפירט תקנות באַקאַנט אַלס מצוות מדרבנן אָדער דברי סופרים. אייניקע פון זיי זיינען, אַז דאַוונען פאַרנעמט דאָס פּלאַץ פון קרבנות, אַז לערנען תורה איז דער חוב פון יעדן יידן, און אַז קהל דאַרף זאָרגן פאַר גרינדן ישיבות פון העכערן לערנען. צווישן די סאַמע גאָר וויכטיקע תקנות איז דער „קרי וכתיב", דאָס לייענען איז אַביסל אַנדערש פון געשריבענעם. זיי האָבן קאָרעגירט די תורה, צוגע־געבן אַן אות האָבן זיי באַפּינטל פון אויבן, און וואו זיי האָבן אַרונטער־גענומען אַן אות האָבן זיי באַפּינטלט פו אונטן. ווייל אַ סך ווערטער לייענען זיך אַנדערש ווי עס איז געשריבן. „יש אם למקרא, ויש אם למסורה". אַ שטייגער: „ונשל הברזל מן העץ", רבי סבר, יש אם למקרא ונשל כתוב; ורבנן סברו, יש אם למסורה ונשל קרינין — און דער אייזן

האַקט אָפּ אַ שטיק האַלץ, איז עס געווען אַ צופאַל, איז דער אייזן אַרונטער־געפאַלן, דער טויט איז געקומען פון האַלץ און ניט פון אייזן.

זיי האָבן אויך געביטן די שריפט פון אַלט עברית צו אַשורית, און געשאַפן די שלוס־אותיות: ך ם ן ף ץ (כמנפ״ץ). זיי האָבן אָפּגעטיילט די הלכה פון דער אגדה; אויך אַז דער בית־דין זיצט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, און אַנשטאָט צערעמאָניע פאַרנעמט איר אָרט דער סימבאָל. די צדוקים און די נייע סעקטן האָבן עס ניט געוואָלט אָננעמען. (יוסיפון, אין קדמונים י״ג).

די סופרים זיינען קיין פילאָזאָפן ניט געווען; זיי האָבן ניט געפרעגט דעם טעם פון מצוות. אויך די פּרושים, די נאָכפאָלגער פון די סופרים — אויך ביי זיי איז דער עיקר געווען די כוונה פון וואָרט, מער ווי דאָס וואָרט אַליין, ווייל די די צדוקים האָבן דאָס ניט געוואָלט אָנערקענען. זאָגט די גמרא ירושלמי (ברכות ט׳): עס איז מיר ליבער די רייד פון די סופרים ווי די רייד פון דער תורה...

די פּרושים דערמאָנען פיל מאָל די סופרים. זאָגט ה. שטרוק אין זיין „אינטראָדאָקשאָן טו די תלמוד״ (זייט 102): ווייל חייב אדם לומר בלשון רבו. ווייטער זאָגט זיך דאָרטן, אַז דער טראַדיציאָנעלער יידנטום האָט צו פאַרדאַנקען די תקנות פון די סופרים וואָס האָבן גענערט דעם יידישן גייסט, אים געגעבן וויטאַליטעט און געמאַכט אים אימיון צו יסורים דורך מבטל זיין דעם שונא, און אַנשטאָט אַן „אינפּיריאָריטי קאָמפּלעקס״ האָבן זיי, פאַרקערט, ווי אויף צו להכעיס, אָנגענומען אַ יחוסדיקן פּנים פון שטאָלצן אתה בחרתנו סופּעריאָריטעט, און גענומען פאַר ליב אַלע צרות, און זיך נאָך מער געטוליעט און געקלאַמערט צו יידישקייט און צו געטלעכקייט...

* * *

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די סופרים, ביים שאַפן נייע תקנות, האָבן זיך געשטיצט אויף אַ פּסוק פון דער תורה, וועלן מיר דאָ פּרובירן געבן אייניקע ביישפּילן פון דעם אופן ווי אַזוי זיי האָבן עס געטאָן. למשל: דער איסור פון תחום שבת איז גענומען פון פּסוק: „אל יצא איש ממקומו״. די פינף סאָרטן פייניקונגען אין יום־כיפּור איז גענומען פון פּסוק „ועניתם את נפשותיכם״. דאָ קומט אַ „גזירה שוה״ ציטירט פון ספרא: עס שטייט „ביום כפורים תענו את נפשתיכם״ (אום יום כיפּור פּייניקט אייערע לייבער); דער נביא זאָגט: „ויענך וירעיבך״ (ער האָט דיך געפּייניקט און פאַרהונגערט); און דער תהלים דיכטער זאָגט: „עניתי בצום נפשי״

(איך האָב זיך געפּייניקט אין פאַסטן מיין נפש). גייט די גזירה שוה אַזוי: עס שטייט, פּייניקן זיך די לייבער, און עס שטייט, פּייניקן זיך אין הונגער; לערנט מען פון דעם, אַזוי ווי דאָרט מיינט פּייניקן זיך דורך הונגער און דאָרשט, אַזוי אויך דאָ ביי יום־כיפּור מיינט דאָס וואָרט פּייניקן דורך הונגער און דאָרשט. די אַנאַלאָגיע פון ענלעכקייטן מאַכט קלאָר איין זאַך פון אַנדערע ענלעכע זאַכן וואָס מיר ווייסן שוין פון פריער.

ווידער די מצוה פון לייגן תפילין איז גענומען פון פסוק: „והיה לאות על ידכה ולטוטפות בין עניך"; און די מצוה פון דערציילן יציאת מצרים איז גענומען פון פסוק „והגדת לבנך"; און דער איסור פון בשר בחלב — פון פסוק: „לא תבשל גדי בחלב אמו."

די סופרים, וועלנדיק געבן אַ גוטע אויסטייטשונג פון דער תורה, האָבן זיך געהאַלטן ביי דריי גרונט־אידייען: 1) די גאַנצקייט פון דער תורה; 2) עס זאָל שטימען מיט דער לאָגיק פון עטישער גערעכטיקייט; 3) און עס זאָל זיין לויט דער מסורה. די דאָזיקע דריי פּייער־זיילן האָבן פאַר זיי געלויכטן דעם וועג אין פאַרטייטשן די תורה.

די גרויסע ראָלע פון די סופרים איז געווען דאָס שמידן דעם יידישן לעבן ניט בלויז פון זייער אייגענער תקופה; זיי האָבן אַרומגעצוימט מיט פעסטע רייפן דעם פאַס, אַז דער אַלטער וויין זאָל ניט אויסרינען און זאָל ווייטער שטאַרקן און געבן מוט און ווילנסקראַפט צו אַ לעבן ביז דעם סוף פון די דורות.

די אַפּאָקריפן

די אַפּאָקריפישע ביכער, וואָס ווערן ביי אַלע פעלקער פאַר־רעכנט פאַר הייליק צוגלייך מיט דער ביבל, איז ביי יידן אַ פרעמדע זאַך, וואָס גייען ניט אַריין ניט נאָר אין די הייליקע שריפטן, זיי ווערן אפילו ניט ד'ערמאָנט צווישן די יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען, און דאָס איז אַ גרויסער שאָד, מחמת זייער היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע חשיבות איז נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן... ערשט דורך די אַפּאָקריפן קריגן מיר דעם אמתן בילד אויך פון קולטורעלן און פּאָליטישן מצב פון יידן זינט דעם אָפּשלוס פון דער תורה שבכתב ביז דער גרינדונג פון דער משנה.

יענע עפּאָכע איז באַזונדערס וויכטיק, ווייל זי שפּיגלט אָפּ די פּאַסי־רונגען וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף דער יידישער פיזיאָנאָמיע אין דער גאַנצער צייט פון די חשמונאים ביז דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד.

די אַפּאָקריפישע ביכער האָבן געצונדן די פאַנטאַזיע פון די יידישע טרוימען פאַר גאולה דורך קבלה מיסטיק און משיחיזם, און אַלע האָבן געשעפּט אינספּיראַציע פון די קוואַלן וואָס די אַפּאָקריפן טרוימער האָבן צוגעגרייט פאַר די דורות — דעם גלויבן אין אַ בעסערע און שענערע וועלט . . .

אַ חוץ די כתובים, וואָס זיינען אַריין אין די כתבי קודש, ווי: משלי, תהלים, איוב, די פינף מגילות, דניאל, עזרא, נחמיה, און דברי הימים, זיינען געווען פיל אַנדערע כתובים, וואָס צוליב די אָדער אַנדערע טעמים זיינען זיי ניט אַריין אין תנ״ך, נאָר געבליבן אינדרויסן און רופן זיך דערפאַר אַפּאָקריפן, כתובים אַחרונים, אָדער ספרים חיצונים. טייל זיינען פּסעוודאָ־היפּאָגראַפן, דאָס הייסט, פיקטיווע נעמען, און פאַרנעמען זיך מיט עפּאָקליפּזעס און וויזיעס, מיט רעוועלאַציעס פון עולם הבא, און פון אַ ווייטער צוקונפט . . .

לויטן לשון פון די היסטאָריקער, זיינען די אַלע שריפטן עפּאָגאַנען, וואָס האָבן אימיטירט די ביבל, און זיי שטייען נידריקער פון זייערע מוסטערן. זייער חשיבות באַשטייט בלויז אין זייערע הוספות פון פאַנ־טאַסטישע לעגענדן און געשטאַלטן פון מיסטישע געדאַנקען. זייער שיל־דערן אין סימבאָלן איז ענלעך צו די זעאונגען פון יחזקאל, זכריה און דניאל. זיי האָבן מימיקירט די חזיונות פון די נביאים, אָבער ניט אָפּגע־

געבן קיין ראיות אויף ערטער פון דער תורה. און גערעכט איז יאָזעפוס וואָס באַהויפּטעט: „אַזוי ווי אין יענער צייט האָבן זיך געמערט טעאָריעס און אידייען ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, וואָס האָבן געפונען אויסדרוק אין פילע הייליקע און ניט אַזוי הייליקע שריפטן, האָבן די חכמים מורא געהאַט מען זאָל ניט ווערן פאַרפּלייצט מיט אַ פלעיאַדע פון נביאים, האָבן זיי גענומען אַ שטעלונג קעגן אַלע פון זיי און געלאָזן זיי אין דרויסן...

די מחברים פון די אַפּאָקריפן זיינען ניט געווען ווי די נביאים, שטראָפער אָדער טרייסטער, נאָר וויזיאָנערן, וואָס ווייזן אָן אויף אַ ווייטע אָדער נאָענטע צוקונפט. זיי שילדערן דעם איצטיקן לעבן פון זייער דור, ווי עס האָבן פאָראויסגעזאָגט די זעער פון די פריערדיקע דורות, און זיי זאָגן פרעמאַניסירטע זאַכן, וואָס וועלן זיכער קומען אין דער צוקונפט. ווייל פונקט ווי יענע זיינען מקוים געוואָרן, אַזוי אויך וועלן די איצטיקע חזיוניות מקוים ווערן. די אַפּאָקריפן שרייבער זיינען אויך ניט ווי די חכמי התלמוד, וועלכע האָבן זיך געווידמעט צו הלכה, צום דין, מיטן צוועק צו קענען בעסער אָפּהיטן יידישקייט און מקיים זיין די מצוות פון דער תורה. דערפאַר האָבן אפילו אגדות און מנהגים געמוזט באַגרינדעט ווערן אויף אַ פּסוק ערגעץ אין דער תורה.

אַנדערש איז מיט די אַפּאָקריפן. אַלס פאָלקס־ליטעראַטן האָבן זיי פאַרשריבן דאָס וואָס זיי האָבן געהערט ביים פאָלק: זיסע וואונטשן, גוזמהדיקע חלומות פון צעהיצטע פאַנטאַזיעס; פאַסירונגען געבויט אויף העלדן פון דער אַלטער יידישער געשיכטע.

~~[illegible] 23 [illegible]~~

דער טעם וואָס זיי האָבן זיך גערופן „ספרים חיצונים", זאָגט ד"ר טשערנאָוויץ אין זיין תולדות ההלכה: די מחברים זיינען געזעסן אינדרויסן פון בית־המדרש. זיי זיינען ניט געווען געבונדן צו די כתבי הקודש. אויך האָבן זיי ניט גענעבן די קוואַלן פון זייער מאַטעריאַל געבאָרגט פון פרעמדע קולטורן. איז טאַקע קיין וואונדער ניט וואָס דער תנא רבי עקיבא האָט גוזר געווען: „ווער עס לייענט די דאָזיקע ספרים וועט ניט האָבן קיין חלק עולם הבא", ווייל די חכמים האָבן באַטראַכט די סאָרט לערע קומט פון סעקטן, וואָס שטייען מחוץ דעם יידישן גדר...

אַ ביישפּיל פון געמיט און שטימונג וואָס האָט באַהערשט יענע צייט קען דינען דער ספר „חנוך", וואָס נעמט אַרום די גאַנצע חכמת ישראל, און איז אַ געמיש פון וויסן מיט דמיון, חקירה פון איוב, קהלת און תהלים — אַלעס צוזאַמען. עס מערקט זיך די השפעה פון יחזקאל און זכריה;

אויך די בילדער זיינען ענלעך צו די פון דניאל. די היסטאָריקער רופן אָן דעם ספר „חנוך" אַלס דעם פּראָטאָטיפּ, פאָרלויפער פון דאַנטע'ס „געט־לעכע קאָמעדיע." עס ווערט געשילדערט די פאַלנדיקע מלאכים, וואָס האָבן אויסגעלערנט מענטשן די טעכניק פון באַנוצן זיך מיט כלי־זיין, אויך די לוסט צו גאָלד.

דער יידישער לייענער ווערט נשתומם פון דעם, וואָס גלייך ביים דערמאָנען מלאכים ווערט צוגעגעבן, אַז שדים און רוחות זיינען אַרויס־געקומען דורך דעם שידוך פון די געפאַלענע מלאכים אין זייער זינד מיט די טעכטער פון דער ערד, און פון יענער זנות איז אויך אַרויס אַ שבט רויבער, און ווען דאָס שלעכטס האָט זיך געמערט, האָבן די גוטע מלאכים פאָרגעבראַכט אַ קלאָגע צום באַשעפער און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ברענגען אַ מבול, און חנוך ווערט געשיקט אָנזאָגן די בשורה דער וועלט.

ווייטער פאַרנעמט זיך דער מחבר מיט משיח געדאַנקען, מיט תחית המתים און שכר ועונש, אַז צדיקים וועלן באַלוינט ווערן און רשעים וועלן באַשראָפט ווערן.

* * *

אַן ענלעכן מוסר־השכל געפינען מיר אין „ספר טוביה." דאָס בוך „טוביה" איז אַן אמתע פּערל, אַ קונסט־ווערק פון אַ דערציילונג. עס איז עכט שפּאַנענד. עס שפּיגלט אָפּ די טהרת המשפחה ביי יידן; די וואַרעמע געפילן פון עלטערן און קינדער און פאַרקערט. אויך ווערט אַרויסגע־בראַכט די פיינע זייטן פון יידישן פאָלק בנוגע רחמנות, די מצוה פון צדקה, גמילת חסד און כבוד המת; אפילו די רחמנות צו אַ הונט.

באַזונדערס איז בולט דער נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער עלעמענט. כאָטש טוביה איז פאַרטריבן ווייט אַוועק פון ארץ ישראל, דאָך איז ער צוגעבונדן צו ירושלים. ער איז עולה־רגל אַהין אין די ימים טובים.

עס ווערט אויך געשילדערט דאָס לעבן פון די פאַרטריבענע עשרת השבטים אין דער הויפּט־שטאָט נינוה אין לאַנד פון אַשור. דאָרט האָט געוואוינט טוביה, זיין וויב חנה און זייער זון, דער יונגער טוביה, אָפּ־שטאַמער פון שבט נפתלי. דער אַלטער טוביה, דער העלד און הויפּט־כאַראַקטער, איז געווען זייער פרום. ביינאַכט פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אין די גאַסן און אַוועקנעמען די מתים, הרוגי המלכות, און זיי באַגראָבן לויטן יידישן דין, כאָטש עס איז געווען קעגן געזעץ דאָס צו טאָן.

ווען ער איז געוואָרן בלינד און פאַראָרעמט, באַפעלט ער זיין זון צו פאָרן קיין מדי איינצומאָנען אַ חוב פון זיינעם אַ יוגנט־פריינט מיטן

נאָמען אריאל. אויפֿן וועג טרעפֿט אים דער מלאך רפאל, וואָס גיט אַן עצה ווי אַזוי אַרויסצוטרייבן פֿון אריאל׳ס טאָכטער, שרה, דעם בייזן גייסט, וואָס האָט גורם געווען דעם פּריצייטיקן טויט פֿון אַלע אירע חתנים. אויך גיט אים דער מלאך אַ מיטל ווי אַזוי דער אַלטער טוביה זאָל קענען ווידער זעען אויף זיינע אויגן. דער יונגער טוביה האָט אַזוי געטאָן און אַלעס ענדיקט זיך בכי טוב.

דער מוסר־השכל איז, אַז גאָט פֿאַרלאָזט קיינעם ניט; ער באַצאָלט גוטס פֿאַר גוטס, און מען טאָר קיינמאָל ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג...

עס זיינען דאָ אויך פּאַרוויקלט אַנדערע אַספּעקטן, אַ שטייגער, די צוואה פֿון אַלטן טוביה צו זיין זון — ער זאָל אָפּהיטן דעם כבוד פֿון זיין מוטער און זיין פֿרוי שרה; אויך זאָל קיינער פֿון זיינע קינדער ניט חתונה האָבן מיט קינדער פֿון אַנדערע פֿעלקער, און פֿאַר דעם שכר וועלן זיי דערלעבן זען דעם בית המקדש אַן איבערגעבויטן אין דער פּראַכט פֿון אַמאָל. ער דערמאָנט אויך אין דער צוואה דעם הונט, וואָס האָט געטריי באַגלייט דעם יונגן טוביה אויף זיין לאַנגן וועג קיין מדי און צוריק...

טוביה איז פֿאַרבנרייך געמאָלן. אפֿילו די נסים זיינען פֿאַרכאַפּענד בולט און קומען אַרויס רעאַל. באַזונדערס פֿיין זיינען די שטריכן וועגן יידישן לעבן פֿון יענער צייט.

דער בוך לערנט דריי זאַכן: די מצוה פֿון הלוית המת, רחמנות געפֿיל ביי יידן, און דעם המשך און קיום פֿון אייגענעם שטאַם...

* * *

אַ צווייטע דערציילונג מיט אַ פֿריילעכן סוף, וואָס איז עכט רעליגיעז, אפֿילו מיסטיש, איז דער ספֿר „יהודית", וואָס שלידערט אַן עפּיזאָד אין דער צייט פֿון די חשמונאים, וואָס איז ענלעך צום ספֿר אסתר. אויך דאָ איז געשען אַ נס: פֿון אַ צרה, אַ שרעק, איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פֿרייד.

ווען דער קריגספֿירער, האלאפֿערנעס, באַלאַגערט די שטאָט בוסל, ווער די לאַגע מוראדיק. אַלע זיינען פֿאַרצווייפֿלט. דערוועקט זיך דער הייליקער פּאַטריאָטישער געפֿיל ביי דער שיינער אַלמנה יהודית און זי פֿירט דורך די מיסיע פֿון אַריינכאַפּן זיך אין שונא׳ס לאַגער און מיט מכלומרשטן פֿלירט פֿאַרנאַרט זי האלאפֿערנעסן, און אין שיכרות צושטאַנד האַקט זי אים אָפּ דעם קאָפּ. די שטאָט בוסל איז באַפֿרייט און עס איז ששון ושמחה ליהודים.

אינטערעסאַנט איז די ליריק און פּאָעזיע אין איר תפֿילה: „ניט אין צאָל איז אונדזער כוח, ניט די העלדישקייט איז אונדזער קראַפֿט;

עס איז גאָט! דער וואָס העלפט די געפּאַלענע, די אָרעמע; ער וואָס באַשיצט די פאַרשטויסענע און לענט אונטער די שוואַכע... גאָט'ס הייליקייט אין מויל און די שאַרפע שווערד אין האַנט"...

די דאָזיקע רייד איז די סעמאַנטיק פון דער חשמונאים עפּאָכע, אין גייסט פון על הנסים מיט דער שטאַרקער אמונה איז גאָט איז דער נצחון קעגן שונא אַ געזיכערטער. אפילו זיי, די שטאַרקע, און מיר, די שוואַכע, זיי די פילע און מיר די ווייניקע...

יהודית פאַסט אין איר אלמנהשאַפט, זי איז אָפּגעהיטן אין יידיש־קייט. אויפן וועג צום לאַגער נעמט זי מיט אייגענע שפּייז און אייגענע כלים. נאָך דעם זיג באַטאַנט זי, אַז זי האָט ניט פאַרקויפט איר ערע: — פאַרוואָר, ווי גאָט לעבט — זאָגט זי — ער האָט מיך געהיטן אויף מיין געפערלעכן וועג, מיין פנים האָט דעם שונא פאַרפירט צו זיין פאַרלענ־דונג... און די געשיכטע ווידערהאָלט זיך, פונקט ווי ביי דבורה און יעל ווערט באַזיגט פון אַ פרוי.

* * *

אויף אַ גאַר הויכע מדרגה איז דער „ספר היובלים", וואָס איז אַ לעגענדאַרישער אויסטייטש פון אָנהויב וועלט־באַשאַפונג ביז יציאת מצרים. די צייט ווערט איינגעטיילט אין שמיטות און יובלים. דער בוך איז אַ מדרש אגדה מיט הלכה צוזאַמען און באַהאַנדלט דעם חומש בראשית און שמות, און איז נאָכמאַכונג פון דער מכילתא ספרא וספרי, מיטן חילוק וואָס „יובלים" איז ניט געבונדן צו קיין פסוק, נאָר פשוט דערציילט די געשיכטע פון דער וועלט מיט צוגאָבן פון הלכה און פרייע אגדה. עס ווערט דאָרט שוין דערמאָנט געאָגראַפישע ערטער, די שטאָט סעבאַס־טאָפּאָל, די בערג אוראַל און קאַווקאַז, און פון אַלע לענדער איז ארץ ישראל די שענסטע לאַנד.

דער אגדה־טייל איז זייער שיין געמאָלז, באַפּוצט מיט רעליגיעזע „פרינדזשעס". דער יחוס פון יידן הויבט זיך אָן ניט מיט אַברהם אָבינו נאָר מיט אָדם און נח, אָדער חנוך, און ער רופט זיי אַלע אָבות, און זייערע מעשים רופט ער מצוות, און די יידישע ימים טובים איז ראש השנה ניט קיין יום תרועה נאָר אַ נאַטור־יום־טוב. יום כיפור איז אַ טאָג פון טרויער נאָך מכירת יוסף, וואָס איז פאַרגעקומען דעם צענטן טאָג פון זיבעטן חודש. עס שטימט ניט מיט דער גמרא תענית, וואָס זאָגט אַז יום־כיפור איז גאָר אַ פריילעכער טאָג; סוכות טראָגן די כהנים די פיר מינים ווי קרוינען אויף די קעפּ.

דער ספר בן־סירא

בן־סירא איז דאָס עלטסטע און איינציקע ווערק פון די אַפּאָקריפן, וואָס שפּיגלט אָפּ פאַקטן און דאַטעס פון דער פּעריאָדע צווישן עזרא־נחמיה און דער חשמונאים עפּאָכע, די ערשטע צוויי הונדערט יאָר פון בית שני. דער נאָמען פון מחבר ווערט אָנגעגעבן פאַר יהושע בן־סירא, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָרן 26-199 פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג. ער האָט געווירקט אין איין צייט מיט דעם כהן־גדול שמעון הצדיק, דער לעצטער פון די אַנשי כנסת הגדולה. ער ווידמעט אים אַ גאַנצן קאַפּיטל.

וועגן זיך זאָגט ער: „ער איז אַ סופר, אַ לערער, אַ גייסטיקער פירער פון ירושלים... ער איז געווען באַהאַוונט אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער גרויסער וועלט, וואָס ער האָט באַרייזט און אָנגעזאַמלט לעבנס־חכמה, אַקסיאָמאַטישע רייד פון מוסר, גוטע מידות און עצות טובות פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, פאַר אַחריותן און התחייבותן צו דער קהילה און צו גוטע השגות בכלל"...

זיינע פּאָעמעס זיינען פול מיט סימפּאַטיע צו אָרעמע און אונטער־דריקטע. ער איז פול מיט ליוב פאַר לערנען און וויסן; האָט פיינט עמי־הארצים. ער פאַרגלייכט חכמים מיט נביאים און סופרים. ער זעט חכמה אין דער נאַטור, וואָס ער רופט גאָט'ס מייסטערווערק, ווייל אַלעס וואָס גאָט האָט באַשאַפן איז צום גוטן: „מעשי אל כולם טובים, אש וברד רע ודבר, כל אלה לצרכם נבראו" (אַלע מעשים וואָס גאָט טוט, פייער, האָגל און אומגליק, איז אויך נוצלעך און גוט. (מא־מב). לויט בן־סירא איז דאָס יידישע דענקען פון די כהנים און נביאים אַריבער צו די סופרים

דער ספר רופט זיך „יובלים", ווייל אַלע ימים טובים ווערן באַ־צייכנט אין וועלכן יובל דער יום־טוב איז געשאַפן געוואָרן. ער דערמאָנט אַז די אָבות פון אָדם ביז נח און אברהם, יצחק און יעקב האָבן געפייערט אַלע ימים טובים. אויך אַלעס איז באַשריבן אין ערשטן געשיכטע־בוך פון יידן, דער „ספר הברית", וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש שמות (כ־ד)...

און פון זיי צו די פּרושים און שפּעטער צו די תנאים, און די לערנער האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון נבואה, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעהערט.

* * *

ישוע בן־סירא איז געווען אַ חוץ אַ דענקער, לערער און פילאָזאָף, אויך אַ שטרענג פרומער ייד, און ווען ער רעדט פון חכמה, מיינט ער די געזעצן פון תורה, שיינע מידות, העכערע עטישע ווערטן, וואָס איז אַנדערש פון די אומות העולם. חכמה הייסט ביי זיי „סאָפיאַ" און איז פאַרבונדן מיט אויסערלעכער קונסט, מאַנסבילשער גבורה, ווייבערשע פּרוכטבאַרקייט. עס קוקט אפילו אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס בן־סירא'ס געדאַנקגאַנג וועגן יידישקייט מיט וועלטלעכקייט, ווי אַזוי ער מאַטערט זיך צו באַווייזן און פאַרענטפערן יידישע פּראָבלעמען מיט פּראַגמאַטישע און עמפּירישע השגות, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון יידנטום און די נביאים, וואָס ביי זיי איז די טענדענץ געווען אַבסטראַקט, אידעאַליסטיש, הבט־השמימה־בליק, און דער עיקר, מצוות פון בין אדם למקום, בעת בן־סירא לייגט דעם טראָפּ אויף בין אָדם לחברו. ער זאָגט: „זיי אַ פאָטער צו יתומים, העלף די אַלמנה, קער ניט אָפּ דיינע אויגן פון אָרימאַן."

אין שייכות מיט זיין דורשט נאָך חכמה, זאָגט ער: „צו דערווערבן חכמה איז נויטיק צו זיין פריי פון זאָרג פון פּרנסה." אויך די גריכן האָבן געהאַלטן אַז באַרבאַרן און שקלאַפן זאָלן טאָן אַלע מלאכות, אַלס דינסטן פאַר די חכמים. פאַרקערט — יידישע חכמים האָבן דווקא יאָ געהאַלטן פון מלאכה, און האָבן אַליין געטאָן כלערליי אַרבעט און זיך באַצויגן מיט כבוד צו אַרבעטער. „אהב את המלאכה" זאָגט דער פּרק.

* * *

דאָס וואָס בן־סירא האָט פאַרמאָגט געמישטע געפילן און וואַקלדיקע אומבאַלאַנסירטע געדאַנקען, האָט אַרויסגערופן גרויסע חלוקי דעות. דער קריסטלעכער טעאָלאָג, דזש. פוט מור, אין זיין בוך „דזשודאַאיזם" (ז. 40) זאָגט: בן־סירא איז אַ וויכטיקער בייטראָג און אַ ווענדפּונקט אין דער יידישער געשיכטע. מען האָט אים הויך געשעצט און ציטירט, ווי מען האָט ציטירט דעם תנ"ך. פונדעסטוועגן איז זיין מיינונג, אַז בן־סירא איז געווען אונטער דער גריכישער השפּעה. טשאַרס און אָסטערלי דענקען אויך אַזוי, אָבער ד"ר טשעריקאָווער אין זיין בוך: „היהודים והיוונים" זאָגט: „בן סירא איז געווען אַ פרומער ייד און זיין ערודיציע אין פרעמדע קולטורן האָבן אויף אים קיין השפּעה ניט געהאַט; פאַרקערט, ער האָט אפילו באַקעמפט פרעמדע געדאַנקען" און ער ציטירט פון קאַ־

פיטל 15: „זאָג ניט אַז גאָט האָט דיך פאַרפירט! ער וויל ניט קיין זינדיקע. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן און אים געלאָזן אויף זיין אייגענעם אחריות. ווילסטו, קענסטו אים פאָלגן און זיין ערלעך, פאַר דיין אייגענעם גליק און וואוילזיין. ער האָט דיר אַוועקגעשטעלט פייער און וואַסער. דו קענסט דיר אויסקלייבן וואָס דו ווילסט. פריי זיך ניט מיט די פאַר־געניגנס פון די גאָטלאָזע, זיי וועלן ניט אַוועק אין קבר ביז זיי וועלן באַשטראָפט ווערן. נאָר די וואָס לעבן קאָנען לויבן גאָט, נאָכן טויט קען מען ניט דאַנקען"...

אויך זעען מיר ווי דער מחבר, ישוע בן־סירא, ראַנגלט זיך מיט דעם שווערן פּראָבלעם פון „שכר ועונש", גאָט׳ס צאָלונג אַ שכר פאַר גוטער האַנדלונג און אַ שטראָף פאַר שלעכטער האַנדלונג. איז אַ פראַגע, אויב גאָט קען זיך שאַפן מיט דער נאַטור, האָט ער אויך געקאָנט געבן די מענטשן די אייגנשאַפטן צו טאָן בלויז גוטעס. און וואָס איז דער מענטש שולדיק? פאַרוואָס קומט אים שטראָף? ער האָט זיך דען געקענט העלפן? איז דער מענטש ווירקלעך פריי צו טאָן וואָס ער וויל? דאָס איז דאָך אַ סתירה!... און פאַרוואָס זאָל דער מענטש ניט זינדיקן אַזוי לאַנג ווי עס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן?...

פון זיינע רייד קומט אויס, אַז שטראָף און באַלוינונג איז נאָר אויף דער וועלט. סטייטש! האָט אַזאַ פרומער ייד, אַזוי שפּעט אין דער געשיכטע, ניט געוואוסט פון „עולם הבא" און „תחית המתים"?! מחמת ער זאָגט: „נאָכן טויט קאָן מען ניט לויבן גאָט; נאָר דער וואָס לעבט און איז געזונט לויבט גאָט."

מעגלעך, זאָגן פיל פאַרשער, אַז ער האָט יאָ געוואוסט אַז אַ טייל יידישע פירער האָלטן פון תחית המתים און עולם הבא, נאָר ער אַליין האָט באַלאַנגט צו די צדוקים, וועלכע האָבן פון דעם נישט געהאַלטן.

די צדוקים, ווי קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן, האָבן זיך געהאַלטן געטריי צום טעקסט פון דער תורה, און היות ווי אין דער תורה איז ניט דערמאָנט עולם הבא און תחית המתים, האָבן זיי אין דעם ניט געגלויבט. לויט זייערע טעאָריעס איז גאָר ניטאָ אַ לעבן נאָכן טויט און ניט קיין „יענע וועלט"; עס איז דאָ נאָר איין וועלט, די וועלט וואָס מיר לעבן, און ווען אַ מענטש שטאַרבט שטאַרבט ער אויף אייביק...

און עס איז געוועזן ווען בן־סירא׳ס צייט־קאָלעגע און שמעון הצדיק׳ס מיטצייטלער, דעם תנא אַנטיגנוס׳ צוויי תלמידים — צדוק און בייתות — האָבן אים געפרעגט: „עס שטייט אין דער תורה: גיב כבוד

דיינע עלטערן וועסטו לאַנג לעבן, און אַזאַ איינער איז יונג געשטאָרבן, וואו איז זיין לאַנג לעבן? האָט דער תנא געענטפערט: זייט ניט קיין קנעכט וואָס באַדינען זייער האַר ווייל זיי ווילן קריגן אַ באַלוינונג, נאָר זייט ווי קנעכט וואָס באַדינען זייער האַר אויף נישט צו קריגן קיין באַלוינונג. (פּרקי אבות י׳), און בר קפּרא זאָגט: „דער שכר פון מצוה ליגט אין טאָן די מצוה״ (אָבות דרבי נתן). דאָ ווערט גאָרניט דערמאָנט פון אַן עולם הבא. די מפרשים ווילן הערקלערן מיט דעם, וואָס אין דער איבערגאַנגס פּעריאָדע און די ענדערונגען וואָס זיינען דאַמאָלס פאָרגעקומען איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן קיין באַשטימטע הנחות. די סופרים האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן איינפירן אין לעבן די נייע תקנות, כדי צו פאַר־שטאַרקן דעם יידנטום.

* * *

די סופרים, וועלכע האָבן איבערגענומען די גייסטיקע שאַפונגען פון די כהנים און נביאים, האָבן געמאַכט די תורה פאַר דער קאָנסטיטוציע פון יידישן טאָג־טעגלעכן לעבן, פון וויג ביזן קבר, און פאַר אַלע יידן, נטי בלויז פאַר די כהנים און לוויים אַליין, און פרומקייט און תורה לערנען האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער אָריענטאַציע פון יענער צייט, ווען קיין פּאָליטישע אינטערעסן זיינען ניט מעגלעך געווען אונטער דער פּערסישער הערשאַפט, און זיכער ניט אונטער דער גריכי־שער ממשלה. מיר זעען דאָס פון בן־סירא, ווי ער וואָרנט דער יוגנט: „האָט אמונה אין גאָט, ער האָט באַשאַפן די וועלט מיטן כוח פון וואָרט. מיר קענען ניט אַרויסברענגען זיין גאַנצע פּראַכט. ער איז גרעסער פון זיין באַשאַף. ער עקזיסטירט פון אייביק ביז אייביק. מען קאָן צו אים ניט צוגעבן און קיין זאַך ניט אָוועקנעמען.״ (קאַפּיטל מ״ה).

און בכדי די יוגנט זאָל זיך אויסהיטן פון ספקות עצהט ער:

זוך ניט קיין זאַך וואָס איז פון דיר פאַרבאָרגן,
פאָרש ניט דאָס וואָס איז איבער דיינע כוחות צו פאַרשטיין,
טראַכט ניט דאָ וואָס דו קענסט ניט באַנעמען. (קאַפּ. מ״ג)

בכלל איז דער בן־סירא אַ וויכטיק בוך פון אַלע אַספּעקטן: די מאָראַל־לערע איז אַן ערנסטע; די אמונה איז אַן אויסגעהאַלטענע. עס פאַרמאָגט ניט איוב׳ס פּעסימיזם, ניט קהלת׳ ציניזם, און קאָן זיך פאַרגלייכן מיט אַנדערע ביבלישע ספרים. אפילו דער תלמוד ציטירט אים עטלעכע מאָל

אין חגיגה י״ג און אין סנהדרין ק׳ וואו עס ווערט געבראַכט דער מאמר: „בגדול ממך אַל תדרוש, ואין לך עסק בנסתרות.״ אָבער דער תנא רבי עקיבא אין ירושלמי סנהדרין (פּרק חלק) זאָגט: „ווער עס לערנט דעם בן־סירא האָט ניט קיין חלק לעולם הבא, ווייל עס איז אַ ספר פון מינים.״ ווידער דער אמורא רבי יוסף, אין סנהדרין ק׳ זאָגט: „גוטע ווערטער פון בן־סירא מעג מען יאָ שטודירן״...

פאַרוואָס דער בן־סירא איז פאַרמשפּט געוואָרן לגניזה און איז ניט אַריין אין די כתבי קודש, ווערן אָנגעגעבן פאַרשיידענע טעמים: ער האָט פאַרשוויגן וועגן גלויבן אין עולם הבא און תחית המתים. אויך דאָס וואָס ער גיט אָן זיין נאָמען אויף דעם ספר האָט ער דערמיט זיך אויך קיין טובה ניט געטאָן. ער האָט נאָר מיט דעם באַשטעטיקט, אַז דער ספר איז ניט געשריבן מיט רוח הקודש, און רוח הקודש איז ניט געווען דאַמאָלס מער גילטיק. אויך זיין פּאָסטולאַט פון קאָמבינירן וועלטלעכקייט מיט יידישקייט איז געווען ווי שעטנז, ווייל קיין מיטלוועג לאָזונג איז ניט געווען פּאָפּולער אין יענער צייט.

עס האָבן זיך דאַמאָלס געהאַלטן אין פאַרמירן צוויי שאַרפע עקס־טרימע נייגונגען: פון איין זייט די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע קנאים פון די דאָרפישע איינוואוינער, וועלכע האָבן געפּריידיקט איזאָלאַציע, מיט דעם לאָזונג: „להיות עם סגולה״ (אַ צוויבער־פאָלק), און די צווייטע שטרעמונג, געשטיצט פון דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע, האָט געפּריידיקט אינ־טעגראַציע, מיט דעם לאָזונג: „נהיה ככל הגויים״ (מיט פעלקער צוגלייך), און בן־סירא האָט זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן שלום צווישן ביידע לאָזונגען און דער פּשרה־פּלאַן האָט ניט נושא־חן געווען ביי די איינזאַמלער פון תנ״ך...

און פּונקט ווי קהלת, וואָס נאָך אַלע „הכל הבל״ס ענדיקט מיט די ווערטער: סוף דבר — דער סוף פון דער זאַך, האָב מורא פאַר גאָט, היט זיין געבאָט — אַזוי אויך ישוע בן־סירא, דער מאָראַל־פּריידיקער און עפּיגאָן נאָך די נביאים, גיט צו קראַפט צו זיין שטאַנדפּונקט מיט די ווערטער: „תפילה איז די נשמה פון אמונה, פרומקייט איז דאָס האַרץ פון אמונה״...

די חשמונאים ביכער

אַפּאָקריפאַ איז דער טייטש אין גריכיש: באַהאַלטן, און אין העב־רעאיש: „גנוזים״, דאָס מיינט די פּערצן ביכער וואָס זיינען באַהאַלטן געוואָרן און זיינען ניט אַריין אין כינוס פון די היילקע שריפטן, הגם אין דער סעפּטאַגינטאַ, ווי אויך אין דער וואולגאַטאַ, זיינען זיי יאָ אַריין. די חכמים האָבן געהאַלטן פאַר הייליק נאָר יענע ספרים וואָס זיינען דער־שינען ביז עזרא הסופר׳ס צייטן און דאַמאָלט האָט אויפגעהערט די נבואה, דערפאַר זיינען אַלע שפּעטערדיקע ספרים מער ניט געהאַלטן געוואָרן פאַר הייליק.

די אַפּאָקריפן זיינען ביכער פון פאָלק אין פולן זינען פון וואָרט. אמת, די מחברים זיינען ניט געווען ווי די סופרים אָדער ווי די בעלי־הלכה און בעלי אגדה פון תלמוד. מיט דעם וואָס זיי האָבן גענומען זייערע ידיעות פון פרעמדע קוואַלן, זיי האָבן געשריבן און געשילדערט דאָס וואָס זיי האָבן געזען אין זייער פאַנטאַזיע אָדער געהערט פון פאָלקס־מויל און, ווי עס ווייזט אָן חיים טשערנאָוויץ אין זיין ספר „תולדות הלכה״ חלק ד׳: איז אין די אַפּאָקריפן קענטיק די פאָלקסטימלעכע אויפוואַכונג און אויפלעבונג פון פאָלקס־וויזיע און פאָלקלאָרישער געפיל. דערפאַר האָבן זיי געשאַפן אַ שיינע ליטעראַטור פון דערציילונגען און לידער, אפילו אַזעלכע ביכער ווי „חנוך״, „בן סירא״, „חכמת שלמה״ און אוודאי „טוביה״, „שושנה״ און „יהודית״ זיינען דורכגעוועבט מיט פאָלקסטימלעך לעגענדאַרישע געשיכטן.

איינע פון די גאָר אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט קאָן מען אַפּאָדיקטיש זאָגן, פאַר די חשמונאים ביכער, וואָס אין זיי מערקט זיך אָן ענדערונג אין טאָן פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן. אַנשטאָט אַלגעמיינע מענטשלעכע פּראָבלעמען פון נביאישן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, זעט מען ריין יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אויפגעקומען אַלס רעאַקציע קעגן דער גריכישער אַסימילאַציע און קעגן דער באַוועגונג פון די העלעניסטן און זייער לאָזונג: „נהיה ככל הגויים״. אין יענער תקופה איז דאָס געבוירן געוואָרן די אַסימילאַציע און אויך דער נאַציאָנאַליזם.

די חשמונאים־ביכער ברענגען אַרויס נאַציאָנאַלע אויפלעבונג צוזאַ־מען מיט דער;גייסטיקער דערוואַכונג עס ווערן פאַרהערלעכט די העלדישע טאַטן פון די גבורים אויפן שלאַכטפעלד, וואָס נאָך הונדערטער יאָרן פון פרעמדן יאָך האָט זיך דער געבויגענער רוקן אויסגעגליכן, אויך האָט זיך דער פרימיטיווער גלויבן אין גאָט, דעם באַשיצער און רעטער פון מתתיהו דעם חשמונאי און זיינע זין. ווייטער ווערט מייסטערהאַפט גע־שילדערט כראָנאָלאָגיש אַלע געשעענישן פון ריין היסטאָרישן נאַציאָנאַלן זיג, הגם אַביסל באַפאַרבט מיט גוזמה, ווי מען קען דערוואַרטן, אָבער עס פאַרקלענערט ניט די אמתדיקייט פון די פאַקטן.

די חשמונאים־ביכער זיינען צו אונדז דערגאַנגען אין די גריכישע און עטיאָפּישע אויסגאַבן און, עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס דער העב־רעאישער טעקסט איז פאַרלוירן געגאַנגען, און ד״ר קלויזנער ווייזט אָן די סיבה — ווייל די שנאה פון די חכמים צו יהודה המכבי מיט זיינע ברידער פאַר זייער שליסן אַ בונד מיט די רוימער; אויך דאָס וואָס די חשמונאים זיינען ניט געווען פון דער בית־דוד דינאַסטיע, איז זיי ניט געקומען די קרוין פון מלכות און אוודאי ניט די קרוין פון כהן גדול. בכלל האָט די פירונג פון די חשמונאים מלכים ניט נושא־חן געווען ביי די פרושים (כתבי פרופ׳ קלוזנר, בימי בית שני).

פון די פיר חשמונאים ביכער איז דער ערשטער טייל דער סאַמע וויכטיקסטער. אין אים ווערט דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון חנוכה, אָבער אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן, ריין היסטאָריש דאָקומענטאַל. עס ווערט גאָרנישט דערמאָנט קיינע נסים, נייערט בלויז מענטשלעכע העלדישקייטן און פּאָליטיש־מיליטערישע פעאיקייטן. עס ווערט געשטעלט הויך די חשמונאים משפּחה, די בני מתתיהו, אַלע פינף ברידער: יוחנן, שמעון, יהונתן, יהודה און אליעזר, ביז יוחנן הורקנס, דער זון פון שמעון, דער ערשטער כהן גדול וואָס האָט אַוועקגענומען די חזקה פון דער בני צדוק דינאַסטיע. אַ חוץ דעם ווערן געלויבט די רוימער פאַר זייער פריינדלעכער באַציאונג אין העלפן אויסגלייכן דעם סכסוך צווישן די יידן מיט די סירישע גריכן, די סיליידוקן (פאַרשטייט זיך אַז רוים האָט דאָס געטאָן ניט „מאַהבת מרדכי״, נאָר פאַר אירע אייגענע אויסרעכענונ־גען, צו קאָנען שפּעטער אַריינשטעלן אַ פוס אין יהודה און באַזיגן ביידע, סיריע און יהודה).

ווייטער ווערט איבערגעגעבן אַלע איינצעלהייטן פון דעם געראַנגל פאַר פּאָליטישע פרייהייט און נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט. דער

סיפור המעשה איז איינגעטיילט אין פאָלגענדע קאַפּיטלעך: דער אויפ־שטייג פון אַלעקסאַנדער מוקדון און זיין גריכישע אימפּעריע; די צו־טיילונג פון זיין מלוכה נאָך זיין טויט; דער מאַקאַבייער קאַמף; די רייניקונג פון טעמפּל; די דרייסיק יאָר מלחמות מיט די סיליקיידן און מיט די עגיפּטישע גריכן; די פאַרטיידיקונג קעגן די שונאים, און די געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע; די איינפירונג פון דער נייער כהן גדול דינאַסטיע; יוחנן כהן גדול און ערשטער פרינץ ביי יידן. די בריוו פון היסטאָרישן ווערט — פון די ספּאַרטאַנעס צו די חשמונאים, געחתמעט פון קעניג אַריוס; אויך אַ בריוו פון קעניג לוסיוס צום עגיפּטישן קעניג תלמי.

אין קאַפּיטל באַשרייבט ווי אַזוי יהודה המכבי האָט פאַרהיטן די יידן פון גליל, פון גלעד, און פון עבר הירדן, זיי זאָלן ניט ווערן איזאָלירט; האָט זיי באַצייטנס טראַנספּערירט קיין יהודה און זיי געלערנט די מעטאָדן פון פאַרטיזאַנען און גאַרילע קאַמפּן...

דער ערשטער חשמונאים בוך איז פאַרפאַסט געוואָרן אין די צייטן פון אַלכסנדר ינאי. הגם עס באַלאַנגט ניט אין דער קאַטעגאָריע פון בעלעטריסטיק, איז עס אָבער קינסטלעריש געשריבן. עס אָטעמט מיט פרישן גייסט פון אויפלעבונג און אויפוואַכונג פון אַ נייער באַוועגונג, אַ נאַציאָנאַל רעליגיעזער, אָבער קיין שפּור ניט פון עולם הבא און תחית המתים. דערפאַר איז זיך משער צו זיין, אַז דער מחבר איז געווען גענויגט צו די צדוקים, און דאָס קאָן אויך זיין דער טעם וואָס די חכמים האָבן דעם ספר באַהאַלטן אין אַ זייט.

דער צווייטער חשמונאים בוך איז פונקט דער היפוך פון ערשטן; דאָ ווערט דווקא יאָ געצימט די נסים און מופתים פון דער חנוכה געשיכ־טע. דער מחבר שטרייכט אונטער: „די מלאָכים פון הימל האָבן געקעמפט אויף דער יידישער זייט.‟ ווייטער ווערט דערציילט ווי אַזוי יידן זיינען געקומען אין בית המקדש צום יום־טוב חנוכה מיט געזאַנג אין די מיילער, פרייד אין זייערע הערצער, און טייטל־צווייגן און אתרוגים אין זייערע הענט, פונקט ווי אין סוכות. אַזוי איז דער גאַנצער בוך אַ ריין רעליגי־עזער און איז פאַרפאַסט געוואָרן אין צפון אַפריקע פון איינעם וואָס האָט געלעבט אין די תפוצות, ווייל דער מחבר דערמאָנט דאָרט — די איינ־לאַדונג וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער ירושלימער קהילה צו קומען קיין יהודה און צוזאַמען פייערן דעם יום־טוב חנוכה אין באַנייטן בית המקדש...

דער דריטער בוך חשמונאים דערציילט כמעט גאָר ניט פון די חשמונאים, נאָר עס ווערט געשילדערט דער אַריינמאַרש קיין ירושלים

פון קעניג תלמי פילאָפּטור, ווי אַזוי דער עגיפּטישער מאָנאַרך איז אַריין אין קדשי־קדשים פון בית המקדש און מען האָט אים פון דאָרט אַרויס־געשלעפּט אַ פאַרחלשטן. זיין רשעות צו יידן איז געווען ענלעך צו אַנטי־יוכעס; אויך ער האָט אַרויסגעגעבן גזירות קעגן אָפּהיטן יידישקייט, אָבער יידן האָבן אַרויסגעוויזן הערויזם און אַ ווידערשטאַנד, און ווען ער איז אַ היים געקומען קיין אַלעקסאַנדריע אין מצרים, האָט ער באַפוילן אַלע יידישע איינוואוינער פון שטאָט זיך צו פאַרזאַמלען אויף אַ געוויסן פּלאַץ. זיין משוגענער פּלאַן איז געווען מיט איינמאָל פּטור ווערן פון די יידן; האָט ער אַרויסגעיאָגט ווילדע העלפאַנטן, וואָס זאָלן די יידן צוטרעטן מיט די פיס. אָבער עס איז געשען אַ נס, וואָס די ווילדע חיות האָבן זיך פאַרקירעוועט און אָנגעפאַלן אין אַ סטאַמפּידע אויף די מילטער־לייט און דעם עגיפּטישן עולם, וואָס זיינען געקומען זיך משמח זיין צו זען דעם סוף פון די יידן, האָבן געפונען זייער אייגענעם סוף.

דער פערטער בוך חשמונאים שילדערט די גרויסקייט פון די היי־ליקע ספרים אין פאַרגלייך מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע. דער מחבר ווייזט אָן מיט אַרגומענטן, אַז אַלע וויסנשאַפטן זיינען שוין דאָ אין דער תורה. ווייטער פירט ער אויס די גרויסקייטן פון יידנטום קעגן היידנטום; אויך פאַרהייליקט ער די קדושים־מאַרטירער, וואָס זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן צווישן די מתיוונים מיט די חסידים ראשונים.

די לעצטע צוויי ביכער זיינען געשריבן אַ סך שפּעטער, און אַלע פיר ביכער זיינען איבערזעצט אין פיל שפּראַכן, און עס איז וועגן זיי אָנגע־זאַמלט אַ היפּשע ליטעראַטור.

די פרושים

פון אַלע פּאַרטייען און סעקטן ביי יידן, וואָס ווערן דערמאָנט אין די תלמודישע און רי רבנישע ליטעראַטורן, זיינען די פרושים די סאַמע אַקטיווסטע און די סאַמע ענערגישסטע, וואָס האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם און אויך געלאָזן זייער חותם אויף דעם יידישן לעבן פאַר כמה דורות. ווי דער היסטאָריקער יוסיפוס גיט איבער, איז די צאָל פּרושים געווען ניט מער ווי אַרום פנף טויזנט פאַמיליעס, אָבער זייער השפעה האָט דערגרייכט ווייט אַריבער זייערע גרעניצן. און ווי שווער די נייע איינפירונגען, די דינים און תקנות פון די פרושים זיינען געווען, האָט דער ברייטער עולם ניט נאָר מיט אַ געפיל פון אַחריות אַקצעפּטירט, נייערט, אויך זיי, די פרושים, באַערט מיט דעם טיטול: „חכמי ישראל."

די פרושים זיינען די שאַפער פון דער תורה שבעל־פה, דאָס הייסט, די טראַדיציאָנעלע יידישקייט. ווייל אויף תורה אַליין זיינען די פרושים ניט געווען די איינציקע מומחים; אויך די צדוקים, די קעגנערישע פּאַר־טיי, האָט אָפּגעהיטן די תורה שבכתב, און אין אַנהויב אפילו אָנגענומען געוויסע הלכות. אָבער תורה שבעל־פה, מנהגים און טראַדיציע, דאָס האָט געגעבן די פרושים אַ באַזונדערן כוח און אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס האַלט נאָך אָן היינט־צו־טאָג.

די ערשטע שפּורן פון די פרושים איז צו באַמערקן שוין אין עזרא הסופר'ס צייטן. אַ סברא אַז עזרא אַליין איז געווען איר גרינדער, און לויט נחמן קראָכמאַל און אַנדערע, זיינען די סופרים, די אַנשי כנסת הגדולה און די פרושים — איינס. די פרושים האָבן איבערגענומען פיל תקנות פון די סופרים און פון די אַנשי כנסת הגדולה און זיי אַנטוויקלט צו אַ ספּעציפישן יידישן כאַראַקטער. דער פּרינציפּ פון צו זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער, צו זיין פון זיי אָפּגעזונדערט — דאָס אייגנטלעך וואָס דאָס וואָרט „פרושים" באַטייט. און דער לאָזונג איז געווען געצילט קעגן דער אַסימילאַציע טענדענץ פון דער צדוקים פּאַרטיי, וואָס האָט געפּריידיקט: נהיה ככל הגויים (לאָמיר זיין גלייך ווי אַלע פעלקער). און דער פּרינציפּ פון די פרושים איז געווען אַזוי וויכטיק פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק, פונקט ווי קבלת התורה, און אַזוי וויכטיק ווי דער

אויפשטייג פון די נביאים מיט זייער לאָזונג פון יושר און שלום צווישן די פעלקער אויף דער וועלט...

די סכנה פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק און פון יידישקייט אין יענער אומרואיקער צייט פון פאַר דער חשמונאים עפּאָכע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די חכמים האָבן געמוזט אָננעמען שטרענגע מיטלען צו פאַרמיידן די געפאַר פון די קולטורן פון דרויסן, און דער רעזולטאַט איז געווען: די גדרים און די צוימען אַרום דער תורה, וואָס האָט געדינט ווי אַ כינעזישער מויער קעגן די דרויסנדיקע ווינטן, און ווי אַ דאַמבע קעגן פאַרפלייצונגען פון די צדוקים און העלעניסטן, די שונאים פון אינווייניק.

(2)

די תורה שבכתב איז זעלטן אָפּגעהיט געוואָרן פאָלקאָם. לויט דעם ספר נחמיה איז סוכות ניט געפייערט געוואָרן פאַר אַ לאַנגע צייט און איז כמעט פאַרגעסן געוואָרן. אַזוי אויך איז געווען מיט געמישטע חתונות און מיט געמישטע געטער. אפילו די נביאים מיט זייער ברייטער אַגי־טאַציע האָבן ניט געקענט אויסראָטן ביי יידן דעם חשק און לוסט צו פרעמדע געטער, און עבודה זרות איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. ערשט אין עזרא׳ס צייטן האָט עס גענומען אַ סוף צו דעם. די גמרא פאַר־גלייכט טאַקע עזרא צו משה רבנו. אויב משה איז געווען דער באַגרינדער פון דער יידישער אמונה, איז עזרא זיכער געווען איר רעטער, ווייל ער האָט צוזאַמענגעבונדן די שארית הפליטה צו אַ נאַציאָנאַלער עדה און ניט געלאָזן זיי פאַנאַנדערפאַלן.

נאָך אַ פאַקטאָר איז געווען דאָס, וואָס די תורה שבכתב איז אַ געמיש פון לעגענדן, מיטאָסן און דינים; טייל ערנסטע, טייל פיקציע. איז דערפאַר שווער געווען פאַרן עולם זיך פאַנאַנדערקלייבן, וועלכעס איז געמיינט ערנסט און וועלכעס איז דיכטונג. ערשט די חכמים פון דער משנה און גמרא, וועלכע זיינען געווען פרושים, האָבן אָפּגעטיילט די לעגענדן און פאָלקס־עטיק פאַר אַגדה, און די דינים געזעצן פאַר הלכה. דערפאַר איז כדאי צו פאַרצייכענען אַז אַלע ליבעראַלע אויסטייטשונגען פון די געזעצן זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די פרושים, הגם די ערשטע קערנער פון רעפאָרם האָבן פאַרזייט די סופרים און די אַנשי כנסת הגדולה, אָבער די אַנטוויקלונג איז געווען די אַרבעט פון די פרושים.

די סופרים זיינען געווען די וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז אַלע נייע תקנות זיינען געבויט אויף אַ פסוק אין דער תורה, און די פרושים, זייערע

נאָכפאָלגער, האָבן צוגעגעבן, אַז אין געוויסע פאַלן מעג מען עובר זיין אויף דער תורה. אַ חוץ אויף דריי זאַכן זאָל אַ ייד יאָ איינשטעלן זיין לעבן און גיין אויף קידוש השם: עבודה זרה, שפיכות דמים און גילוי עריות. ווייטער האָבן די פּרושים געלערנט, אַז דינים פון דער תורה זאָל מען פּסקענען לויט די מנהגים פון אָרט און צייט.

די פּרושים זיינען די יורשים פון די סופרים, וואָס האָבן ממשיך געווען די גייסטיקע ירושה פון די דורות: אַלע דרכים פון מאָראַל, יושר־דיקע גערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש; די אמונה פון די אָבות און דער גלויבן אין איין גאָט. די פּרושים האָבן מיט זייערע מידות געצערט און גענערט דעם יידישן גייסט. דאָס באַרעכטיקט אָנצורופן זיי: די פּאַטערס פון טראַדיציאָנעלן יידנטום...

די פּרושים ווי אַ נייער טענדענץ אינעם יידנטום

ווי אַ באַוועגונג האָבן די פּרושים אין זיך פאַראייניקט דעם אָפּהיטן דאָס געזעץ אין די ראַמען פון דער טראַדיציע, און זייער טענדענץ איז געווען אָפּצושיידן זיך פון די אַרומיקע פעלקער און שאַפן אַן אייגנ־אַרטיקן הייליקן קרייז אינעם יידנטום, כדי צו פאַרזיכערן די גאַנצקייט פון פאָלק. דאָס ערשטע האָבן זיי דערגרייכט דורך באַגרינדן די גייסטיקע ווערטן אין יידישן לעבן און זיי שטעלן העכער און וויכטיקער פון די מאַטעריעלע זאַכן, אַז באַרייכערן דעם גייסט איז פאַר אַ פאָלק וויכטיקער פון טעריטאָריעלער עקזיסטענץ. אַ צווייטע זאַך וואָס זיי האָבן דערגרייכט איז געווען די הנחה, אַז די תורה שבעל־פה איז אויך געגעבן געוואָרן אויף דעם באַרג סיני צוזאַמען מיט דער תורה שבכתב...

דער רמב"ם ווייזט אָן אין זיין הקדמה צו משנה תורה, אַז די ווער־טער: „אני נותן לכם התורה והמצוות" איז דער טייטש: התורה מיינט — תורה שבכתב, און והמצוות מיינט — תורה שבעל־פה, אַריינגערעכנט אַלע דינים און הלכות וואָס די רבנים וועלן שאַפן אין די קומענדיקע דורות. און יוסף פלאַוויוס אין „אַנטיקוויטוס" בוך 13 זאָגט: די פּרושים האָבן געלערנט דעם פאָלק אַ סך באַגריפן וועגן טראַדיציע, וואָס זיינען נישט געווען פאַרשריבן צווישן משהס געזעצן, און אַזוי ווי זיי זיינען נישט געווען אַ טייל פון משהס געזעצן האָבן די צדוקים זיי נישט געוואָלט אָננעמען.

די הויפט זאָרג פון דער פּרושים באַוועגונג איז געווען, צו פּרעזער־ווירן די געשאַפענע גייסטיקע ווערטן, כּדי די יידישע שאַפונגען זאָלן קענען ווייטער אָנגיין, און היות ווי אַ פאָלק קען נישט פירן זיין לעבן לויט באַשטימטע געזעצן, וואָס קענען מיט דער צייט ווערן פאַרגליווערט און פאַרטעמפט, ווייל באַגריפן בייטן זיך לויט דעם מנהג און שטייגער לעבן, וואָס ווערט מיט דער צייט פאַררעכנט פאַר אַ הייליקן געזעץ — און דאָס רופט מען מסורה, וואָס סימנים פון איר עקזיסטענץ זיינען פאַראַן אין דער תורה גופא.

* * *

די פּרושים האָבן אויפגעטאָן אַ גאָר גרויסע זאַך: זיי האָבן אַריינגע־בראַכט אַן איבערקערעניש אין יידישן לעבן אין זיין דענקען, אין זיין שאַפן. וואָרים די תורה איז געווען פאַרענדיקט, האָט מען ניט געטאָרט בייטן קיין זאַך. וואָלט עס אַזוי געבליבן ווערטערלעך, בוכשטעבלעך, ווי די צדוקים און שפּעטער די קראים האָבן עס געוואָלט טאָן, וואָלט דאָס יידישע לעבן און דענקען געווען פאַרגליווערט ווי דאָס לעבן פון אַנדערע פעלקער אין מזרח. די פּרושים אָבער — דורך שאַפן אַן אינטערפּרעטאַ־ציע צו דער תורה שבכתב, האָבן זיי די געזעצן מאָדיפיצירט; אַ שטייגער: „עין תחת עין" מיינט ניט בוכשטעבלעך אַן אויג פאַר אַן אויג, נאָר עס מיינט — צאָלן געלט פאַרן שאָדן פון אויג, און אַזוי איז די הלכה געוואָרן אין אַ גלייכן סטאַטוס מיט דער געשריבענער תורה, און דאָס האָט אויך געגעבן די יידן אַ נייעם גייסטיקן קוואַל פאַר ווייטערדיקע שאַפונגען, און אין דעם באַשטייט די ענדערונג וואָס די פּרושים האָבן אַריינגעבראַכט.

אָבער די צדוקים, און שפּעטער די קראים, האָבן עס ניט אָנגענומען, האָבן זיי געמאַכט אַ פאַטאַלן טעות און האָבן דערפאַר טייער באַצאָלט — זיי זיינען פאַרשוואונדן פון יידישן לעבן...

* * *

נאָך אַ וויכטיקן אויפטו פון די פּרושים איז געווען: דער געדאַנק, אַז אַלע דינים וואָס די כּהנים און די גייסטלעכע פירער פירן דורך, זאָלן אויך אָפּגעהיט ווערן פון גאַנצן פאָלק, ווי עס דערציילט דער חשמונאים בוך ב', זיינען די פּרושים געווען קעגן דעם וואָס די גייסטלעכע, די כּהנים און לוויים שפּילן די הויפּט ראָלע, בשעת די תורה איז געגעבן צו אַלעמען גלייך. ביז די פּרושים האָבן איינגעפירט די נייע תקנות איז געווען אָנגענומען, אַז אָפּהיטן דינים און מצוות איז חל בלויז צו כּהנים און דער אַל־

געמיינער עולם איז פטור פון אלע מצוות. אָבער די פרושים האָבן עס קלאָר געמאַכט, אַז דער חוב ליגט אויף אַלעמען און ניט דווקא נאָר צו דער עבודה אין בית המקדש, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק ווערט פאַרוואַנדלט אין כהנים, וועמעס עובדה איז צו דינען גאָט...

טרעווערס הערפאָרד אין זיין בוך „פאַריזעעס" זאָגט: די פרושים האָבן געהאַט צוויי הויפּט אידייען אוןביידע אַדורכגעפירט אין פּראַקטישן לעבן. איין אידייע איז געווען, אַוועקצושטעלן אַ מחיצה צווישן יידן און דער גויאישער וועלט, כדי צו באַשיצן זיי זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו קענען אויספאָלגן און אָפּהיטן גאָט'ס ווילן. די צווייטע אידייע איז באַשטאַנען אין פּראָקלאַמירן דורך דער תורה די אַנטפּלעקונג פונעם געטלעכן וואָרט, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו יידן מיט אַ חוב און אָנווייזונג, ווי אַזוי צו לעבן.

ביידע אידייען זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. די תורה איז געווען זייער פירער און וועגווייזער אין לעבן. אויך עזרא הסופר האָט נאָך פריער אָנגעוויזן, אַז יידן קענען אָפּהיטן יידישקייט נאָר ווען זיי שטייען אינדרויסן, ווייט פון גויאישן קאָנטאַקט.

ווייטער ווייזט הערפאָרד אָן, אַז די כנסת הגדולה און שפּעטער די סנהדרין האָבן פאַרמירט דעם שייכות פון דער תורה מיט טראַדיציע פון דינים באַזירט אויף מנהגים. זיי, די געלערנטע, האָבן געהאַלטן, אַז אַלע תורה אינטערפּרעטאַציעס זיינען ממילא געגעבן געוואָרן צוזאַמען מיט דער געשריבענער תורה, ווי אַ מינדלעכע דערקלערונג צו איר, ווי אַ צוגאָב צו דער לעצטער. אויף דעם אופן האָבן זיי אויסגעברייטערט דעם באַגריף וועגן דער תורה, זי זאָל זיך איינשליסן אין ביידע, דאָס געשריבענע און דאָס ניט געשריבענע, דעם אָריגינעלן טעקסט און די טראַדיציע, די מסורה...

די פרושים האָבן אויף אַ שטילן אופן אַדורכגעפירט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין לערנען תורה; אַז אויספאָלגן דעם געזעץ זאָל ניט זיין ווי אַ קאַפּריז, נאָר עס מיינט פאָרשן גאָט'ס וואָרט, גאָט'ס וועלט. ווייטער האָבן די פרושים געלערנט: אַז עס איז ניט קיין קאָנפליקט צווישן נביאים און די פרושים; עס איז בלויז אַ שטיקל ענדערונג אין די מעטאָדן. זיי, די פרושים, האָבן די לערע פון די נביאים פאַרשטאַרקט און עס אַרויסגעבראַכט צו געפּאַסט צו דער נייער צייט...

די אסיים

וועגן דער ראָלע פון דער אסיים־פּאַרטיי אָדער סעקטע איז זייער ווייניק געשריבן געוואָרן, און ביז די לעצטע צייטן האָבן יידישע היסטאָריקער געווידמעט זייער מאָגערע ידיעות; בשעת איבער דעם קאָנפליקט און פּאָלעמישער מלחמה איז קיין מי נישט געקאַרגט געוואָרן אַרויסצוברענגען די מאָטיוון און די סיבות פון ברודער־קאַמף.

אמת, די צדוקים און פּרושים זיינען אויפגעקומען אין דער צייט פון חשמונאים קאַמף קעגן העלעניזם (גריכישע אַסימילאַציע). און מערקווירדיק! דווקא די אומקאָמפּראָמיסלעכע פרומע צדוקים, די גרעסטע קנאים, וואָס האָבן באַקעמפט די פּרושים פאַר וועלן איינפירן רעפאָרמען און דעם פּראַקטישן שכל אין טייטשן די תורה — זיי האָבן געשטיצט די היראַרכיע פון דער כהנים־דינאַסטיע; וואָס, אנשטאט לערנען דאָס פאָלק האָבן זיי, פאַרקערט, געהאַלטן דאָס פאָלק אומוויסנדיק און אין פינצטערניש... דעסגלייכן אויך די פרושים פּאַרטיי, וואָס האָט שפּעטער באַזיגט די צדוקים און די סנהדרין. אויך זיי זיינען אַ פּאַראַדאָקס! מיט דעם וואָס על פּי לאָגיק האָבן זיי אייגנטלעך געדאַרפט זיין פון ווייטן צו מלוכה ענינים, וויל, די פרושים, אַלס די נאָכפאָלגער פון די נביאים, וואָס פלעגן אַלעמאָל אָפּלאָכן פון פּאָליטיק און מלוכה. און מערקווירדיק! נאָך אַלכסנדר ינאַי׳ס טויט קריגן זיי דעם איינפלוס אין דער פּאָליטיק...

אָבער נאָך גרעסער איז דער חידוש, און נישט קיין פּאַראַדאָקס, נייערט אַ פּראָבלעם, איז די דריטע פּאַרטיי: „א ס י י ם", וואָס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן שוין ביים אונטערגאַנג פון די מכבים, צום סוף פון די חשמונאים, און וואָס איז געווען אַ געמיש, אַ מין קאָמבינאַציע פון עקסטרעמע עקשנים, פאַנאַטיקער, רעשטלעך פוןביידע פּאַרטייען... די וואָס דער ענין פּאָליטיק און מלוכהשאַפט איז זיי געווען ניט נאָר פרעמד, נייערט דערווידער... איבערהויפּט איז זייער אויפפירונג, זייערע תקנות און מנהגים געווען נייע, מאָדנע, אַביסל פאַרנעפּלט, מיסטיציזם, פאַרבראַקט מיט פּאַרציייטיקן קאָמוניזם...

הגם די אסיים־באַוועגונג האָט ווייטער פון איר קרייז אירע פליגלען נישט פאַרשפּרייט, קיינע טיפע וואָרצלען נישט פאַרפלאַנצט. אירע אידייען האָבן זיך אין איר צייט נישט צעבליט; האָבן זיי אָבער איבערגעלאָזן

גענוג סימנים, קאָנטיקע וועגן, נייע, אָריגינעלע. זייער אַ גייסטיקן צוזאַמענלעבן, וואָס האָט שפּעטער געדינט אַלס אַ מוסטער, נישט נאָר פאַר זייער אייגן פאָלק, נייערט פאַר דעם דרויסן. די אויפמערק־זאַמקייט איז געקומען פון פריהער און לערער אין פאַרשיידענע קלענערע סעקטעס און קולטן... כמעט אַלע האָבן קאָפּירט עפּעס פון די „אסיים", פאַר זייערע דאָגמעס, קאַדיפיקאַציעס, סטאַטוס און לאָרן, פון די הנהגות און דרכים פון דער אסיים באַוועגונג. זייער השפּעה איז נישט צו מיני־מיזירן, מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן, ווי דאָס האָבן פּרובירט צו טאָן אַ סך פון די ביבל־קריטיקער (מיר וועלן קומען צו דעם שפּעטער). און גערעכט איז ש. דובנאָוו אין זיין באַרימטער עסיי: „די באַדייטונג פון געשיכטע." ער זאָגט: „די דריי פאַרטייען, אין זייערע קאָנפליקטן, האָבן דאָס יידישקייט נישט אָפּגעשוואַכט, אדרבא — גאָר געשטאַרקט."

דאָס וואָס די אסיים רופן זיך אויך „פאַרטיי", הגם זיי האָבן זיך אין פּאָליטיק נישט געמישט, דאָס איז נאָר געווען אין אַנהויב, ווען זייער כאַראַקטער איז געווען אַ נעגאַטיווער און פּאַסיווער. שפּעטער האָט זיך די לאַגע געענדערט... אין קיין מלוכהשאַפט האָבן זיי טאַקע נישט גע־געגלויבט. די איינציקע מלוכה, אין וועלכע זיי האָבן יאָ געגלויבט, איז געווען — די הימלישע מלוכה... דאָס שטאָטישע לעבן פון האַנדל און אינדוסטריע האָט זיי ניט אימפּאָנירט, האָבן זיי זיך אָפּגעזונדערט אין די דערפער און געגרינדעט קאָמונעס...

כדי אַריינגענומען צו ווערן אין אָרדן פון זייער קאָמונע, האָט אַ קאַנדידאַט געמוזט אַדורכמאַכן אַ שווערן עקזאַמען פון דיסציפּלין, נדרים און שבועות — אַז ער וועט זיך פירן שטרענג אַסקעטיש. און ווי עס דערציילט אונדז יאָזעפוס, וועלכער האָט טאַקע אַליין באַלאַנגט דריי יאָר אין דער אסיים קאָמונע. ער זאָגט: „די אסיים האָבן נישט געגעסן קיין פלייש, נישט געטרונקען קיין שטאַרקן וויין; געווען אויך אַ באַזונדערע סעקטע, וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון זייערע ווייבער. זייער צאָל איז געווען פון דריי ביז פינף טויזנט פאַמיליעס. זיי האָבן פּראַקטיצירט מעדיצין און געלעבט אויף פרוכט, קרייטכער. אַ חוץ דעם זיינען אויך געווען גייסטיקע היילער. און צו דעם צוועק האָבן זיי באַנוצט אותיות און מופתים. דאָס האָט געפירט צו זייער שטודירן מיסטיציזם, משיחיזם, ענגאַלאָגיע און דעמאָנאָלאָגיע..."

וועגן דער פּראָגראַם פון די אסיים איז אַ וואונק צו באַמערקן אין די ווערטער פון יוסי בן יוחנן, דער פון די ערשטע פּאָרלעך (זוגות). ער

פלעגט זאָגן: „דיין הויז זאָל זיין ברייט אָפן פאַר יעדן מענטש; אָרימעלייט זאָלן זיין דיינע געסט. און רייד נישט פיל מיט ווייבער, ווייל זיי וועלן דיר שטערן לערנען תורה...״ די אסיים זיינען טאַקע געווען גאַסט־פריינדלעך, זיך געחברט מיט אָרעמע קלאַסן, און געוויכט פון פרויען־געזעלשאַפט...

אין זייער ראָלע אַלס גייסטיקע היילער, האָבן זיי זיך אויפגעפירט ווי די נביאים. דער ירושלמי אין ברכות זאָגט: „די נביאים און די סופרים זיינען די שליחים פון גאָט. די אותות ומופתים זיינען נויטיק פאַר די נביאים; די סופרים נויטיקן זיך נישט אין זיי, ווייל זיי האָבן דעם אָנלען אין דער תורה.״

איבער דעם באַדייט פון וואָרט „אסיים״ זיינען פאַראַן פאַרשיידענע ווערסיעס. אַ טייל פאַרשער דענקען, אַז דאָס וואָרט מיינט „חשאים״, שווייגער, מחמת פאַר יעדער תפילה פלעגן זיי זיצן און מעדיטירן אַ שעה צייט און שטילשווייגן. די גמרא זאָגט: „נישט קיין שלאַנג אָדער דאָס פאַרבייגיין פון קעניג האָט געקאָנט איבעררהאַקן אַן אסיי פון מיטן דאַוונען.״

אַנדערע ווידער באַהויפּטן, אַז זיי האָבן זיך גערופן אסיים ווייל זיי האָבן זיך כסדר געטובלט אין ים. (אסא מיינט אויך רופא, דאָקטאָר).

פון קרבנות האָבן זיי אויך ניט געהאַלטן. ראשית האָבן זיי זיך געהיט נישט צו ווערן טמא... זיי האָבן פאַרקערט בלויז מיט זייער אייגענעם קרייז. דאָס האָבן זיי גע׳ירשנט פון די חסידים ראשונים; וואָס די גמרא זאָגט אין סנהדרין: „דער חסידישער אָרדן נקית הדת״ פון ירושלים האָט נישט פאַרקערט מיט קיינעם אויסער מיט זייער אייגענעם קרייז...״ מיר דערוויסן זיך אויך פון אַ תוספתא אין סוטה, אַז די אסיים זיינען נישט אַלעמאָל געווען פּאַסיוו צו פּאָליטיק. פאַרקערט זיי האָבן אפילו באַקעמפט די מלוכה זייער מיליטאַנטיש. רבי שמעון חסינאי פון די אסיים האָט בפומבי אַרויסגעזאָגט קעגנערשאַפט צום כהן גדול, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שווערן געטריישאַפט צו הורדוסן...

בכלל האָבן די אסיים אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער אָקופּירטער מאַכט און געהאָלפן דורך זייערע אַפּאָקריפישע ביכער שטערן די פּלענער פון די רוימער. זיי האָבן געוועקט ביים פאָלק אַ שנאה צו דער אַריסטאָקראַטיע און אַ שנאה צו הערשאַפט און קנעכטשאַפט. אייניגייטיק האָבן די אסיים געמוטיקט דעם גלויבן פאַר בעסערע צייטן.

די אסיים האָבן אין זייער פּראָגראַם קאָמבינירט כהונה מיט נבואה; עולם הבא מיט עולם הזה. פון לעתיד לבוא אָדער פון באחרית הימים

האָבן זיי נישט געהאַלטן. זיי האָבן געזאָגט: יענער איינער קען זיין כהן־גדול, און יעדער יחיד איז אַ שליח ציבור פאַר זיך אַליין. פאַר אַ קרבן איז נישט נויטיק קיין מזבח, ווייל, יעדעס יידישע הויז איז אַ הויז פאַר גאָט. שבת איז דער הייליקסטער טאָג, אָבער אויך די אַנדערע טעג זיינען הייליק. יעדער מאָלצייט ווערט דער טיש, צו דער מדרגה פון אַ מזבח. יעדע סעודה — אַ סעודת מצוה. וואָשן פאַרן עסן איז אַ פליכט. און אין הויז דאַרף געפירט ווערן פונקט ווי די כהנים זיינען זיך נוהג ביי תרומה.

חלומען וועגן אַ מאָרגן, אַן אַחרית הימים, איז איבעריק, ווייל דער מאָרגן און דער היינט איז איינס און דאָס זעלבע, טאָ צו וואָס אָפּלייגן אויף שפּעטער, אַז ס׳איז בעסער צו געניסן היינט ?...

און אַלע זיינען גלייך— ניטאָ קיין אָרעמע, ניטאָ קיין רייכע; קיינע קאַסטעס, קיינע הדיוטים, קיינע יחסנים. דער למדן און דער עם־הארץ טיילן דעם זעלבן גורל, אין דער אסיים קאָמונע; דער לוין פון יגיע־כפּיים ווערט פאַרטיילט גלייך. ניטאָ קיין אָדון, נישטאָ קיין עבד— דער איינציקער אָדון איז דער „אדון־עולם״, און נאָר צו אים זאָלסטו זיין אַ קנעכט, און נישט זיין אַ קנעכט צו אַ קנעכט...״

דאָס איז דער תמצית פון זייער גלויבן, ווי דאָס איז געפּריידיקט געוואָרן אין זייערע שריפטן און איז פון זיי פּראַקטיצירט געוואָרן.

אין ספר מכבים פון דער יידישער אַפּאָקריפאַ ווערט דערמאָנט: „די אסיים זיינען די גייסטיקע קוזינס פון די פרושים און צדוקים״, זיי האָבן זיך איזאָלירט מער ווי די פרושים, געבאָרגט מער פרעמדע מנהגים ווי די צדוקים.״ דאָס איז דער גורל פון זיין עקסטרעם... דאָס וואָס דער ירושלמי אילוסטרירט: די תורה האָט צוויי וועגן: איינער— פייער, און אַ צווייטער — שניי. יעדער וועג פירט צום אָפּגרונט... אויף דער פראַגע: וואָס זאָל דער מענטש טאָן? זאָגט די גמרא: „ער זאָל נעמען דעם מיטל־וועג...״ די חכמים האָבן אַלעמאָל געוואָרנט: ניט צו זיין אַזוי פרום ווי די חסידים ראשונים און ניט אַזוי צולאָזן ווי די לעצטע צדוקים, נאָר אַביסל פון די און אַביסל פון יענע...

אויך די מכילתא ווייזט אָן: די פרושים האָבן זיך איזאָלירט בלויז פון פרעמדע פעלקער, בשעת די אסיים האָבן זיך איזאָלירט אויך פון אייגענע ברידער.

זייער אַנדערשקייט און אָריגינאַליטעט האָט אַרויסגערופן גרויס בייפאַל ביי אַזעלכע היסטאָריקער ווי יאָזעפוס. פילון פון אַלעקסאַנדריא,

אויך פילני, זיינען פול מיט ליבּ און באַגייסטערונג פאַר דער אסיים־פּאַרטיי, זייערע צערעמאָניעס, זייערע עטישע דרכים א.ד.ג.

דער אמת איז, אַז די מנהגים און צערעמאָניעס פון די אסיים שטאַמען אַלע פון פאַרשיידענע מקורות. אין יענער פּעריאָדע האָבן פאַרשיידענע השפּעות באַווירקט איינע די אַנדערע, אָבער די אסיים, אַנשטאָט צו באַקעמפן די פרעמדע קולטורן, ווי ס'האָבן עס געטאָן די פּרושים, האָבן זיי, די אסיים, דווקא איבערגענומען פון פרעמדע און דאָס פאַריידישט...

אַנדערע היסטאָריקער, אַ שטייגער שירער און זעלער, געפינען אין דער אסיים־באַוועגונג אַ געמיש פון יידישע מיט געצנדינערישע מנהגים. זיי ווייזן אָן, אַז די מגידים און דרשנים פון די אסיים האָבן פאַרזייט די ערשטע קערנער פאַר די שפּעטערדיקע בויער פון קריסטנטום, וואָס האָבן געבאָרגט גלויבנס פון די חסידים ראשונים; מנהגים און צערעמאָניעס — פון די כהנים און לוויים; עטישע לערע — פון די פּרושים; מיסטיציזם און משיחיזם — פון די אסיים, און פון דעם אַלעם באַשאַפן דעם נייעם גלויבן, וואָס האָט זיך גוט פאַרקויפט אויף די יאַרידן פון די געצנדינער...

שירער און זעלער מוזן האָבן געמיינט די לעצטע פּעריאָדע פון די אסיים, ווייל אין אָנפאַנג איז באַוואוסט, אַז אַ סך תנאים אפילו זיינען געווען פירער ביי די אסיים. אַזוי למשל געפינט זיך אין ברכות: רבי יוחנן זאָגט: „דער וואָס נעמט זיך דעם עול פון מלכות שמים, זאָל זיך וואַשן די הענט, זיך רייניקן, זאָגן דעם שמע, און זיין תפילה וועט פירן צום מלכות שמים.‟ דאָס איז דער זעלבער יוחנן דער נזיר, דער מטבל, אַ חבר פון אסיים־אָרדן, וואָס די חברים־אסיים האָבן טאַקע בפועל ממש אויף זיך גענומען דעם עול פון „הימלישער הערשאַפט.‟

ס'איז אויך באַוואוסט, אַז צוויי תנאים פון די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע זיינען אומגעקומען צוזאַמען גלייך מיט רבי עקיבאן אַ מאַרטירער טויט, זיינען געווען באַרימטע פירער פון די אסיים — דער אַלטער גרייז, דער הונדערט־יאָריקער רבי יהודא בן בבא, אָט־דער וואָס האָט געגעבן סמיכה צו יונגע רבנים, וואָס די אגדה דערציילט: ווען די רוימער האָבן זיך דערנענטערט, האָט ער אַוועקגעשטופּט די לעצטע זעקס תלמידים, וואָס ער האָט געגעבן סמיכה, מיט די ווערטער: „אַנטלויפט, קינדער! איר מוזט ווייטער לעבן כדי אויפצושטעלן נייע דורות יידן.‟ און מאַמענטאַל איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין... דער צווייטער איז געווען רבי חנינא בן חנינא, אַ פירער ביי די אסיים. משמעות אַז אַ שטיק צייט זיינען די אסיים געווען געאַכטעט און געשעצט פאַר זייער ערלעכ־

קייט. אַ פֿאַקט איז, אַז זיי האָבן אפילו געהאַט אַ באַזונדערן טויער אין ירושלים לכבוד זייער נאָמען, אויך אַ באַזונדער טיר אין בית־המקדש. זיי האָבן געבראַכט מתנות פֿאַר די אָרימעלייט, גרינסן און פּרוכטן, אַנשטאָט חיות און עופות.

שפּעטער האָבן זיך די באַציאונגען קעגן זיי אינגאַנצן געביטן, און שולדיק אין דעם זיינען אַ היבש ביסל זייערע פֿירער אַליין. זייער אַגי־טאַציע קעגן דער כהנישער היראַרכיע האָט אָנגעצונדן די פֿאַנטאַזיע פֿון ברייטן עולם, און ס'איז געגאַנגען אַביסל צו ווייט. וואָרים אַנשטאָט איין כהן־גדול זיינען געוואָרן אַ סך; אַנשטאָט איין גרופּע כהנים זיינען גאָר אַלע געוואָרן כהנים. און דאָס וואָס זיי האָבן פֿאַרביטן דעם פּראָסטן טיש אין דער היים, פֿאַר אַ מזבח, און ביי יעדער סעודה — אַ געהויבענע היי־ליקייט — אויף דעם בזיון און חלול הקודש האָבן די חכמים געקוקט קרום.

דאָס וואָס די אַגיטאַטאָרן, די מגידים און בעלי דרשנים פֿון די אסיים האָבן מקרב געווען דעם פּראָסטן עולם און גערעדט אויף די מאַרק־פּלעצער און אין די פֿישער־דערפֿער וועגן אַזעלכע הויכע און טיפֿע ענינים, ווי אַ שטייגער: מעשי מרכבה, הימלישע סודות, וועגן משיחיזם און גאולה, און אַנדערע מיסטישע זאַכן, דאָס האָט אַרויסגערופֿן האַס און עקל צו זיי פֿון די געלערנטע פּרושים.

אויך דאָס וואָס די אסיים האָבן אָנגעפֿירט אַגיטאַציע צווישן די מצורעים און זונות, דעם פּעבל און אָפּפֿאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט, און זיי געשטעלט אין איין גלייכהייט מיט אַלעמען, אָט דאָס און נאָך ענלעכע זאַכן האָבן געשמעקט מיט געצנדינעריי. די סאָרטן דרכים זיינען געווען נייע און משונה פֿרעמד. זיינען זיי טאַקע פֿאַר דעם פֿאַרטריבן געוואָרן און זייער איינפֿלוס איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין קליינע קאָמונעס אין די דערפֿער, ווייט פֿון עפֿנטלעכן לעבן... אָבער מיט זייער פֿאַרצווייגטער אַפּאָקריפֿא און פּסעוודאָ־היפּאָ־גראַפֿאַ האָבן זיי באַרייכערט און באַאיינפֿלוסט די שפּעטערדיקע באַוועג־גונגען ביי יידן, ווי: די גאולה באַוועגונג, משיחיזם, קבלה, מיסטיציזם, און אַ יש אומרים, אַז אויך דער אותו האיש מיט זיינע תלמידים האָבן קאָפּירט פֿון די אסיים.

די סעקטע סיקרים

(אין ליכט פון די געפונענע מגילות)

פיל זאַכן וואָס זיינען געווען ניט פאַרשטענדלעך סיי פאַר טעאָלאָגן, סיי פאַר היסטאָריקער הויבן אָן צו ווערן קלאָר און לויטער, אַ דאַנק דער אינטערפּרעטאַציע צו די גאָר באַדייטנדיקע וויכטעקע מגילות וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין דעם מדבר יהודה לעבן ים־המלח. נעמט אַ שטייגער דעם רעטעניש, בעסער געזאָגט, דעם געדרעטעניש פון אַזוי פיל פאַרטייען און סעקטן אין יענע יאָרן פון צעמישעניש, פון שרעק און פאַניק, די לעצטע צענדליקער יאָרן פאַרן חורבן. לויט די גרעסטע היסטאָריקער פון יענער צייט, ווי יאָזעפוס, פילון, און פליניוס, זיינען אַ חוץ די גרויסע פאַרטייען: צדוקים, פרושים און אסיים. אויך געווען קלענערע פאַרטייען אָדער סעקטן, אָפּגעבראָכענע פליגלען פון די אַנדערע גרעסערע פאַרטייען, און כמעט אַלע זיינען זיי געווען מיסטיש געשטימט, ווער מער ווער ווייניקער, אַלע האָבן זיי געבענקט און געהאָפט אויף אַ משיח, אַ גואל.

פרעגט זיך: היתכן? ווי קומט עס, אַז אויך אַזעלכע ווי די פּאַציפיס־טישע אסיים, קעגנער פון בלוט־פאַרגיסונג, זאָלן האָבן גענומען אַן אַק־טיוון אנטייל אין דער מלחמה מיט רוים? אויך יאָזעפוס אין זיין בוך (2-17) באַצייכנט די צדוקים אַלס עפּיקורן, די פּרושים — פאַר סטאָאי־קער, די אסיים — פאַר פּעטאַגורן, און די פערטע פאַרטיי רופט ער „סיקרים", וואָס האָט אַ נייע פילאָזאָפיע. דעם דאָזיקן נאָמען האָבן זיי, די רוימער געגעבן לשם גנאי. די סיקרים האָבן געטראָגן אַ קורץ שווערדל הינטער זייער מאַנטל. („סיקרי" איז אַ קינדזשאַל). זיי האָבן עס גענוצט קעגן מוסרים און רוימער.

די גמרא אין גטין נ"ו רופט די קנאים „סיקריקין". איז די פראַגע, ווי האָבן זיי זיך גערופן צווישן זיך אַליין? אויך וועגן די קנאים האָט יאָזעפוס ניט קיין גוט וואָרט. ער זאָגט, אַז זיי זיינען ברוטאַל, זיי האָבן פאַרברענט די שפּייכלער פון תבואות אין ירושלים. און ווייטער דער־ציילט ער, אַז יוחנן פון גוש־חלב, דער פירער פון די קנאים, און שמעון בר גיורא, דער פירער פון די סיקרים, האָבן אויך געקעמפט צווישן זיך די גאַנצע פיר יאָר פון מלחמה מיט רוים. ער זאָגט אָבער ניט וואָס ס'איז געווען די סיבה פון דעם ריס. ביידע האָבן דאָך גלייך געהאַסט רוים,

און זיך פאַראייניקט אין קריג מיט איר, טאָ פאַרוואָס איז ניט געווען קיין אַחדות צווישן זיי?

אָבער ווען מען עקזאַמענירט גוט די געפונענע מגילות, זעען מיר אַז פון די אסיים האָט זיך אָפּגעבראָכן אַ גרופּע וואָס האָט ניט אויפגעגעבן דעם פּראָגראַם פון די אסיים, די מוטער־פּאַרטיי. זיי האָבן בלויז אויפגעהערט צו זיין קעגן מלחמה. זיי האָבן באַטראַכט די מלחמה מיט רוים פאַר מלחמת מצוה און אַ שעת הכושר פאַר דער דערנענטערונג פון ימות המשיח. דערפאַר דערציילט זיך בפרטות אין די מגילות וועגן אַלע פאַר־בארייטונגען צום קאַמף. די סיקרים ווערן גערופן די „אַנשי היחד", אמתע אַקטיוויסטן, מיט צוגרייטונגען ווי אַן אמתע אַרמיי, מיט סטראַטעגיקע און כלערליי קאָמפּלאַזשן אָפּצונאַרן דעם שונא...

דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט די קנאים, וואָס זיינען געווען אַן אָפּגעבראָכענער פליגל פון די פּרושים, און דער פאַראייניקטער פּראָגנט פון די קנאים און סיקרים האָבן זיך גערופן „יחד", די אַקטיוויסטישע דוויזיע פון דער משיח־באַוועגונג, און ווי עס ווייזט אַן יוסף קלויזנער אין זיין בוך „כשאומה נלחמת על חירותה", אַז פּונקט ווי שמעון בר גיורא איז געווען דער גרינדער פון די סיקרים, אַזוי איז אויך יוחנן מגוש־חלב, און צדוק דער פּרושי, געווען די גרינדער פון די קנאים, און זיי זיינען געווען די „אַנשי היחד", וואָס רוים און יאָזעפוס רופן זיי סיקרים.

שמעון בר גיורא האָט זיך געהאַלטן פעסט מיט דער אידעאָלאָגיע פון די אסיים — אַז אַלע מענטשן זיינען פריי און קיינער זאָל ניט זיין קיין קנעכט צו קיינעם. במילא האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט די רייכע און די מיוחסים, און ער איז געווען מער ברוטאַל ווי יוחנן מגוש־חלב. אַזוי ווערן אויך קלאָר די צוויסטיקייטן צווישן דיביידע פירער. דער ערשטער איז געווען אַן אסיי, וואָס איז געוואָרן אַ סיקרי, און דער צווייטער איז געווען אַ פּרושי וואָס איז געוואָרן אַ קנאי, און וואָס ווייטער אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער ריס צווישן די עקסטרעמע און די מעסיקע.

עס איז די מיינונג פון די עקספּערטן, אַז די מגילות זיינען די אַרבעט פון די „אַנשי היחד", מנחם בן יהודה און אליעזר בן יאיר — ביידע חברים פון יענער סעקטע אַקטיוויסטן, וואָס האָבן געפירט אַ מלחמה צווישן די „קינדער פון ליכט מיט די קינדער פון פינצטערניש", און זיי זיינען דאָס די מענטשן פון דער נייער אידעאָלאָגיע, וואָס יאָזעפוס רופט, די פערטע פילאָזאָפיע.

זייערע חלוקי דעות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס יוחנן מגוש־חלב איז געווען אַ קנאי, טאַקע אַ קעמפער, אָבער דער עיקר ביי אים איז געווען די באַפרייאונג פון פאָלק פון פרעמדן יאָך, און אַלע אַנדערע רעפאָרמען מוזן וואַרטן פאַר שפּעטער. אָבער שמעון בר גיורא, מנחם בן יהודה און אליעזר בן יאיר, זיי האָבן געוואָלט לייזן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגן גלייך צוזאַמען מיט די פּאָליטישע פראַגן: אָפּשאַפן אָרימקייט — האָבן געטענהט די עקסטרעמע געוועזענע אסיים — דאָס זיינען די ערשטע טריט פאַרן קומען פון משיח. בעת רוים האָט באַטראַכט יעדע משיח־באַוועגונג פאַר מרידה קעגן דער מאַכט, און די פירער האָבן געקראָגן זייער שטראָף אויף אַ טראַגישן אופן: איינער איז גלייך געטויט געוואָרן און דער צווייטער איז געשטאָרבן אין דער תפיסה פון רוים.

פון די געפונענע מגילות לערנען מיר אויך אַרויס דעם כאַראַקטער און די פיזיאָנאָמיע פון די הויפּט־פירער פון יענעם ביטערן קאַמף. און וואָלט די אַקציע געווען אַ דערפאָלג און זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פאַר יידן, וואָלטן די פירער באַטראַכט געוואָרן אין די אויגן פון דער געשיכטע פאַר העלדן, פאַר מאַרטירער און סופּער־פּאַטריאָטן, און אַלע זייערע ברוטאַלע מעשים, וואָס דער תלמוד און יאָזעפוס טיילן זיי צו, וואָלטן פאַרגעסן און פאַרגעבן געוואָרן, מחמת זייער רשעות איז געקומען פון ליידנשאַפט צו נעמען נקמה פון אַ שטאַרקן, ברוטאַלן שונא, און די מורא פאַר זייער אייגענעם שאָטן האָט ביי זיי געוואָרפן אַ חשד אויף יעדן איינעם, און דאָס האָט געפירט צו אַ כאַאָס פון לית דין ולית דיין, פון הפקרות, און זיי, די פירער, זיינען גערופן געוואָרן: ליסטים, גזלנים, און רישי־בריוני (באַנדיטן, לאַבוסניקעס).

עס איז טראַגיש און פּאַטעטיש, אַז מענטשן מיט הויכע אידייען, געלערנטע פילאָזאָפן, זאָלן זיך אַרונטערלאָזן אַזוי נידעריק צו גזילה און רציחה, און ניט בלויז צום אַלגעמיינעם שונא, צו רוים, נייערט זיי האָבן געפירט אַ מלחמה מיט אייגענע נעכטיקע פריינט. אָבער די פירער פון יענער צייט קענען פאַרגליכן ווערן צו פאַלשע נביאים, וואָס ווערן אַזוי גערופן מחמת זייער נבואה איז ניט מקוים געוואָרן.

אַרייַנפיר צום תלמוד

א. צוויי תורות

די פּרושים, וועלכע זיינע געווען די נאָכפאָלגער פון די סופרים און די נביאים, האָבן געפילט פאַר זייער אויפגאַבע צו נעמען אַלע גייסטיקע ווערטן, אַלע וויכטיקע טראַדיציעס און מנהגים פון זייער צייט, אויך פון די פריערדיקע צייטן, אַלעס וואָס איז נישט געווען געשריבן אין משהס געזעצן, און עס לעגאַליזירט צו דינים און הלכות. אַ חוץ דעם האָבן זיי אינטערפּרעטירט און אויסגעטייטש אַלע געדאַנקען און כוונות פון דער געשריבענער תורה... עס איז די מיינונג פון די מפורשים, אַז נאָכדעם ווי די געזעצן פון דער תורה און די מצוות זיינען פאַרשריבן געוואָרן, האָבן פאַרשידענע וואַריאַציעס געפאָדערט פאַרשידענע אויסטייטשונגען. אַזוי זיינען צושטאַנד געקומען צוויי באַזונדערע קאַטעגאָריעס אין לער־נען, נעמלעך: לעגאַליסטישע און לעגענדאַרישע, הלכה און הגדה.

אַנדערע באַהויפּטן, אַז גאָט האָט געגעבן צו משהן אויפן באַרג סיני צוויי תורות, איינע אַ געשריבענע און אַ צווייטע אַ מינדלעכע, וואָס זאָל דערגאַנצן די געשריבענע. ווייטער איז געווען די מסורה, אַז נאָכדעם ווי די תורה איז איינגעזאַמלט געווען האָט קיין זאַך ניט געזאָלט געביטן ווערן, ניט צוגעבן און ניט אַרונטערנעמען קיין זאַך פון דער תורה. וואָלט עס טאַקע אַזוי געבליבן, ווי די צדוקים און שפּעטער די קראים האָבן פאַרשטאַנען דעם „לאָ תוסיפו", אַז עס מיינט ממש, בוכשטעבלעך, וואָלט יידישקייט מיט דער צייט געוואָרן סטאַגנירט און פאַרגליווערט. אָבער זיי פּרושים האָבן אַנדערש פאַרשטאַנען. זיי האָבן געטייטשט, אַז עס מיינט ניט צוגעבן, נאָר עס מיינט שטאַרקן, אַז מיט דעם געבן די הלכה אַ גלייכן סטאַטוס מיט דער געשריבענער תורה דורך מאָדיפיצירן און צופּאַסן די געזעצן צו דער צייט און אָרט, האָבן זיי געזיכערט דעם קיום פוןביידע תורות . . .

און עס קומט נאָך צו אַ צווייטע מעטאָדע פון לערנען, דער אַספּעקט פון אַגדה און דרוש, וואָס האָט אפשר ניט אַזאַ שטאַרקן און פעסטן סטאַ־טוס ווי די הלכה, און עס ווייזן אָן די געלערנטע, נחמן קראָכמאַל, אין „מורה נבוכי הזמן", און אייזיק הירש וויס, אין „דור דור ודורשיו", אַז

די פּרושים האָבן באַטראַכט געזעצן, הלכה, ניט פאַר אַ קאַפּריז פון סתם קענען אָפּהיטן די מצוות, נייערט — דער אמתער זין פון לערנען תורה מיינט צו פאַרשן גאָט'ס וועלט און פאַרשטיין זיינע מעשים. די פּרושים האָבן אויך געוואָלט נאָכפאָלגן די לערע פון די נביאים און איינפירן זייער עטיק אין פּראַקטישן לעבן. זיי האָבן טאַקע גענומען אַלע פיינע אידעאַלן, אַלע פיינע אַטריבוטן, ווי: צדק, אמת, חסד, יושר, און איינ־קאָרפּאָרירט אין דער יידישער רעליגיע און מיט דעם געוויזן, אַז די צווייטע תורה, די מינדלעכע (שבעל־פה), שטאַרקט און באַפעסטיקט די ערשטע תורה, די געשריבענע (שבכתב), און אַ חוץ טייטשן די פסוקים לעגאַליסטיש, איז אויך דאָ אַ צווייטער וועג, דורך מוסר, משל און מליצה...

וועגן דער ראָלע פון משל דערקלערט די גמרא מיט אַנאַנדער משל: למה הדבר דומה — עס איז געגליכן צו אַ גרויסן פּאַלאַץ, וואָס האָט אַ לאַבירינט מיט פיל טירן. גייט מען אַריין, ווערט מען פאַרלוירן און ניט צו געפינען דעם וועג אַרויס. וואָס טוט אַ חכם? ער נעמט אַ קנויל פאָדעם און ווי ער גייט, טוט אים דער פאָדעם נאָכגיין. אַ צווייטער בייי־שפּיל איז די שטריק וואָס ברענגט אַרויף די וואַסער אין דעם עמער פון דעם ברונעם. דער משל איז די שטריק וואָס ציט אַרויף דעם עמער וואַסער. דורך משל ווערט קלאָר דער תוך און די כוונה...

ב. צוויי וועגן

דער אויפטו פון דער מינדלעכער תורה איז געווען — דאָס פאַנאַנ־דערטיילן די געזאַנגען פון די געזעצן אין דער געשריבענער תורה. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט צוויי באַזונדערע מעטאָדן אָדער אופנים פון דרשנען און אויסטייטשן די ווערטער פון דער תורה דורך הלכה און אַגדה. ביידע ציען זייער יניקה פון איין מקור, אָבער זיי גייען זיך אין באַזונדערע ריכטונגען. בשעת די הלכה איז טרוקן, קאַלט, פעסט אויסגערעכנט, אָן רחמנות־געפיל, ווייל „אין רחמים בדין"— רעדט זי צום קאָפּ, צום מוח... אָבער די אַגדה איז ווייך, צאַרט, עלאַסטיש און פאַנטאַסטיש; אַביסל וואָקלדיק, ווי הענגענדיק אין דער לופטן, און ניט אַזוי זיכער מיט זיך; אָבער רעדט צום האַרץ און זאָגט: „רחמנא ליבא בעי"...

ערשט ווען מען באַקענט זיך מיט ביידע סאָרטן לערנען, ווערן קלאָר די שווערע ערטער פון דער תורה. און גאַנץ ריכטיק באַמערקט דער תנא: „וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אַ פאַרטיקע, וואָלט זי ניט

געקענט שטיין אויף אירע פיס, מחמת די כוונה פון די מצוות זיינען כדי מען זאָל זיי קענען מקיים זיין, און ניט נאָר פאַר איין דור און פאַר איין אָרט, און דער ציל איז אויסצואיידלען, אויסצובעסערן דעם מענטשנס נייגונגען און באַווירקן זיינע האַנדלונגען. ווייל דער מענטש איז שלעכט פון געבורט, און מען מוז אים תמיד אָפּבויגן פון שלעכטס, און די עטיק פון דער הלכה און אגדה איז דער רעגולאַטאָר פון מענטשלעכע עמאָציעס, וואָס שאַפט דעם באַלאַנס צווישן שד און מלאך...

די הלכה ברענגט דעם הימל אַרונטער צו דער ערד, און די אגדה הייבט דעם מענטשן אַרויף צום הימל. די אגדה שאַפט די פליגל צו פליען אין די עקספּלאָרירטע וועלטן מיטן מוסר־השכל און מיטן כוח פון משל און מליצה ווערט דער תוך, די הלכה אַליין, צוועקמעסיק און נוצלעך.

די הלכה איז זאַכלעך, ברמז, לאַקאָניש, לאָזט זי מיט געציילטע ווערטער פּלאַץ פאַר דער אַגדה צו ענדיקן און אויסציען דאָס אָנגעווינקטע און דאָס ניט דערזאָגטע, און די אַגדה אידעאַליזירט פאָלקס־לעגענדן און באַרייכערט און באַצירט, פאַרשענערט און באַפּוצט די הלכה — די קרוין פון דער צווייטער תורה, דער תלמוד.

און ווייל די הלכה איז אַ רעזולטאַט פון פאָלקס־מנהג, פּאַסירט אַמאָל אַז דער מנהג ברעכט דעם דין, ווי עס באַשטעטיקט דער ירושלמי (ב״מ): „מנהג מבטל הלכה״. קאַרדינאַל און פּראָמינענט איז טאַקע די הלכה, דער געזעץ, אָבער די אַגדה איז אויך ניט אונטערשטעליק אין חשיבות. אמת, די רעליגיע שטיצט זיך אויף דעם דין, אָבער דער דין אַליין שטיצט זיך אויף טראַדיציע און פאָלקס־גלובן.

די חכמים ווייזן אָן, אַז ווען אַ דין פאַלט שווער אויף דעם פאָלק, ווערט דער דין מאָדיפיצירט אָדער לגמרי בטל. און ווען מען ווייסט ניט דעם טעם פון אַ געוויסן דין, דאַרף מען זיך צוקוקן זען ווי דער עולם איז זיך נוהג; דאָס הייסט, דער דין בויגט זיך צום מנהג, צו דער אגדה.

וואָס איז דער תלמוד?

דער תלמוד איז אַן אוצר פון מענטשלעכן, וועלטלעכן און יידישן וויסן, וואָס איז כולל אַ שלל מיט אינפאָרמאַציע צוזאַמענגעקליבן פון מויל און שריפט פון אונדזערע חכמים. אין דעם טיפן ים פון תלמוד גייען אַריין די לערע און תקנות וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן פון די אנשי כנסת הגדולה אין עזרא הסופר'ס צייטן, וואָס זייער צאָל איז געווען הונדערט און צוואַנציק געלערנטע. זיי האָבן פונקציאָנירט ביז דעם סוף פון דער פּערזישער הערשאַפט, אַ קימאַ־לן פון צוויי הונדערט יאָר. שפּעטער קומט אַ שטיקל איבעררייס און ביז דער גריכישער הערשאַפט ווערן רעקאָרדירט בלויז צוויי גרויסע געלערנטע: שמעון הצדיק און אַנטיגנוס איש סוכו. דערנאָך קומען די פינף פּאָרלעך, די ערשטע תנאים באַקאַנט אַלס די „זוגות", וואָס איינער איז געווען דער נשיא און דער צווייטער איז געווען אַב־בית־דין. דער לעצטער און באַדייטענסטער פון זיי איז געווען הלל הזקן. נאָך דעם קומען פינף דורות בעלי משנה, די תנאים, פאַרפאַסער פון דער משנה. זייער צאָל איז געווען אַרום צוויי הונדערט.

יוחנן בן זכאי, אַ תלמיד פון הללן, האָט אָנגעהויבן זאַמלען הלכות, אויך רבי שמעון בן גמליאל, אַ אייניקל פון הלל, צוזאַמען מיט רבי עקיבא און רבי מאיר, הלל'ס תלמידים, האָבן זיך פאַרנומען מיט זאַמלען הלכות, אָבער רבי יהודה הנשיא, וועלכער ווערט אויך אָנגערופן רבי, אָדער רבינו הקדוש, האָט געמאַכט אַ סדר און איינגעאָרדענט די משנה אין אַ סיסטעם פון זעקס טיילן: זרעים (פלאַנצן), מועד (ימים־טובים), נשים (פרויען), נזיקין (שאדנס), קדשים (הייליקטיימער) און טהרות (ריינע); און ווייטער פאַנאַנדערגעטיילט צו דריי און זעכציק מסכתות (אָפּטיילונגען). שפּעטער זיינען צוגעקומען זיבן קליינע מסכתות, אויך שפּעטערדיקע הלכות, וואָס רופן זיך ברייתות און תוספתות (דרויסנדיקע און צוגאָבן).

די משנה איז געשריבן גאַנץ קורץ, לאַקאָניש און פּרעציזנע, איבער כמה טעמים. ערשטנס איז קיין זאַך ניט געלערנט געוואָרן פון ספר אַרויס; אַלעס איז געלערנט געוואָרן פון מויל און זכרון. צווייטנס, האָבן זיך די בעלי המשנה געשראָקן אַז די תורה זאָל חלילה ניט פאַרגעסן ווערן

איבערן דרוק פון די גריכישע און רוימישע קולטורן און מלוכישע גזירות קעגן לערנען תורה. דערפאַר זייער איילעניש און קורצקייט, ממש ווי אַ קאָוד שפּראַך. במילא איז שפּעטער געוואָרן אַ נויטיקייט די משנה אויסצוטייטשן, זיינען געקומען די תלמידים פון רבי יהודה הנשיא: רב חייא, רב און שמואל, און אַריבערגעפירט זייער אַרט פון לערנען קיין בבל און געעפנט צוויי גרויסע אַקאַדעמיעס, איינע אין סורא און אַ צווייטע אין נהרדעא; שפּעטער איז צוגעקומען פומפּדיתא.

די פּראָפעסאָרן פון דער גמרא רופן זיך „אמוראים" (קאָמענטאַטאָרס) און זייער טיטול איז געווען ניט רבי נאָר רב.

אין 5טן יאָרהונדערט האָבן די שפּעטסטע אמוראים, די רבנן סבוראי, רעדאַקטירט און אָפּגעשלאָסן דעם תלמוד. וויכטיק צו דערמאָנען דעם תלמוד ירושלמי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די אמוראים פון ארץ־ישראל, פון צווייטן ביז דעם פערטן יאָרהונדערט, אין די ישיבות פון טבריה און קסרין. אָבער די גמרא פון ארץ־ישראל, דער „ירושלמי", איז ניט אַזוי קאָמפּליט ווי די וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בבל, דערפאַר ניט אַזוי פּאָפּולער...

* * *

דער תלמוד האָט פאָרמירט און געפורעמט דעם יידנטום פאַר אַ לאַנגע צייט און סטימולירט דעם הויכן יידישן אינטעלעקט און רעגולירט די פירונג פון יידישן לעבן פאַר אַלע דורות און אַלע לענדער. זיי האָבן זיך אויך ניט באַגרעניצט מיט בלויז איין סאָרט לערנען און איין סאָרט וויסן; גראַדע פאַרקערט, זיי האָט פאַראינטערעסירט יעדע זאַך אין מענטשלעכן לעבן, די גייסטיקע ווי די פיזישע. אויף אַלעם האָבן זיי רעאַגירט. אַזוי, למשל, האָבן זיי פאָרגעשטעלט די ציווילע געזעצן פון די יידישע אינסטיטוציעס, די אחריות פון יחיד צום כלל, און אַלע ספקות באַפּעסטיקט, אַלע איינצלהייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן דיסקוטירט. דערפאַר איז טאַקע דער אינהאַלט פון תלמוד פאַרשידנאַרטיק און איז כולל רעליגיע, פילאָזאָפיע, מעדיצין, יוריספּרודענץ, געשיכטע, אויך פּראַקטישע עצות ווי אַזוי צו לעבן און זיין גליקלעך...

דער שענסטער אוצר פון תלמוד איז „פּרקי אָבות" (עטיקס פון די פאָטערס). צוויי־און־זיבעציק געלערנטע נעמען אַנטייל אין דעם פּערל־דיקן אוצר זאַמלונג פון מאָראַלישע, הויך־מענטשלעכע עטיק.

דעם תלמודס השפּעה אויפן יידישן לעבן איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. די מאָראַלישע און דאָגמאַטישע לערע פון אָפּהיטן די אמונה איז אַקצע־

הלכה און אגדה

הלכה און אגדה זיינען צוויי פאַרשיידענע מעטאָדן און אופנים פון דרשנען אָדער אויסטייטשן די ווערטער און פסוקים פון דער תורה. זיי ציען זייער יניקה פון זעלבן מקור אָבער גייען זיך פאַנאַנדער אין באַזונדערע ריכטונגען, פונקט ווי די צוויי שפּיצן פון אַן אָפענער שער... בשעת די הלכה איז טרוקן, קאַלט, און אויסגערעכנט פעסט מיט איר באַשלוס, רעדט צום קאָפּ און צום מוח, איז די אגדה עלאַסטיש ווייך, פּאָעטיש צאַרט, כמעט גוזמהדיק פאַנטאַסטיש, ניט אַזוי זיכער מיט זיך, און רעדט מיט געפיל צום האַרץ...

ערשט ווען מען באַקענט זיך מיט ביידע סאָרטן לערנען ווערן קלאָר אַלע שווערע ערטער פון דער תורה... און דאָס איז אייגנטלעך וואָס דער תנא האָט געמיינט, ווען ער זאָגט: „וואָלט די תורה גלייך געגעבן געוואָרן אַ פּאַרטיקע, אַ צוגעשניצטע, וואָלט זי ניט געקענט שטיין אויף אירע פיס."

היסטאָריקער באַצייכענען די הלכה מיט דעם, וואָס זי ברענגט דעם הימל אַרונטער צו דער ערד, און די אגדה, וואָס זי הויבט דעם מענטשן אַרום צום הימל. דער פועל יוצא איז — ביידע העלפן זיך איינע די צווייטע.

די אגדה שאַפט די פליגלען און מיט זייער פלאַטער דערהויבט זי דעם מענטש צו חלומען און צו טראַכטן פון פרעמדע נאָך ניט עקספּלאָ-

---

פירט געוואָרן ביי יידן אומעטום, אפילו די שווערע דינים זיינען אָנגענומען געוואָרן מיט גרויס ליבשאַפט, וואָס זיינען אַריבער ווייטער אפילו ווי די הייליקע שריפטן, די תורה שבכתב, און די גמרא איז געוואָרן נאָך וויכטיקער ווי דער תנ"ך. פאַר אַ צייט האָבן יידן זיך ניט אָפּגעגעבן מיט לערנען און שטודירן דעם תנ"ך. דער געדאַנק איז געווען, אַז די גמרא דערמאָנט סייווי יעדן פסוק פון תנ"ך צענדליקע מאָל. ווען מ'לערנט גמרא איז מען שוין יוצא און דערמיט באַקענען זיך מיט ביידע תורות.

דער עיקר פון דער גמרא איז די הלכה; דאָס הייסט, דער דין, הלכה, שטאַמט פון וואָרט הלוך, גיין, קאָמוניקירן, באַוועגן. אָבער אַ פּראָמינענטן אָרט פאַרנעמט די אגדה אָדער אגדתא, פון וואָרט הגד, דערציילן, זאָגן, מגיד, אַ זאָגער, און אַלעס אין דער גמרא וואָס איז ניט אין כאַראַקטער פון הלכה איז אגדה.

רירטע וועלטן. מיט דעם כוח פון משל און מיט דער הילף פון דער מעשה ווערט דער עיקר, דער מוסר השכל, וואָס איז אייגנטלעך די הלכה אַליין, מער ווירקזאַם און ניצלעך.

די הלכה, וואָס איז קורץ, זאַכלעך, און בלויז ברמז, מיט געציילטע ווערטער, האָבן זיי, די בעלי הלכה, געלאָזט פּלאַץ פֿאַר די בעלי אגדה צו ענדיקן דאָס ניט דערזאָגטע, און אויך פֿאַרקערט — פון דעם פיל געזאָגטן און אידעאַליזירטן פֿאָלקס־מנהג און לעגענדע, וואָס די אגדה באַרייכערט, ווערט באַשאַפן אַ דין, אַ הלכה — ווייל די הלכה איז אַמאָל דער רעזולטאַט פון אַ פֿאָלקס־מנהג. פּאַסירט אַמאָל אַז דער מנהג צעברעכט דעם דין, ווי ס'גייט דאָס פֿאָלקס־ווערטל און ווי דאָס ווערט באַשטעטיקט אין ירושלמי (ב"מ): „מנהג מבטל הלכה"...

פּראָמינענט אין געזעץ איז טאַקע די הלכה, דער דין. אויך אָפיציעל שטיצט זיך טאַקע די רעליגיע אויף דעם דין, ד. ה., הלכה, אָבער די אגדה איז אויך ניט הינטערשטעליק אין חשיבות, ווייל דער פֿאָלקס־גלויבן שטיצט זיך אויף דעם מנהג.

די חכמים האָבן אַ שטיק צייט געקוקט קרום אי אויף דעם סאָרט לערנען די אגדה, אויך אויף די מנהגים און טראַדיציעס וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט איר. אָבער — זיי האָבן זיך געמוזט בויגן און נאָכקומען דעם ווילן פון פֿאָלק . . .

אַ ביישפּיל איז „כּפּרות־שלאָגן." דער מנהג איז אַ לאַנגע צייט באַקעמפט געוואָרן פון די חכמים, אָבער ווייל ס'פֿאָלק האָט דאָס אַקצעפּטירט, איז דאָס שוין געבליבן אַ דין.

אַ צווייטער ביישפּיל איז „פּורים". לכתחילה האָט פּורים געהערט צום פֿאָלקס־מנהג. מיט אַ צייט שפּעטער ערשט איז פּורים אַנערקענט געוואָרן אַלס אַ יום־טוב, און די „מגילת אסתר", וואָס קלינגט ווי די שערעזאַדע מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט", מיט דעם חילוק, וואָס יענע האָט מיט איר חכמה אָפּגעראַטעוועט די פּערסישע מיידלעך פון טויט, האָט אונדזער אסתר געראַטעוועט איר פֿאָלק פון אַ צרה, און ווייל דאָס פֿאָלק האָט ליב געהאַט די שיינע מעשה פון מגילת אסתר, וואו ס'דערציילט זיך די געשיכטע פון פּורים, איז דאָס אַריין אין די „כתבי קודש", און פון מנהג איז געוואָרן אַ דין.

פֿאַרקערט ווידער, זיינען דאָ פֿאַלן, וואו פון הלכה ווערט אגדה, פון דינים ווערן פֿאַרשמאָלצן לעגענדעס. אַ שטייגער: דאָס מאַכן די שלוש־רגלים אונדזערע ימים טובים באַקראַנצט מיט נסים: דעם פּסח־סדר —

מיט די לעגענדעס פון יציאת מצרים; דער שבועות מתן־תורה ווערט באַפּוצט צוזאַמען מיט אַ פרילינג־פעסטיוואַל פון חג הביכורים; אין דעם סוכות איז פאַרבונדן דער לולב און אתרוג מיט דעם חג האסיף, און אַזוי אויך מיט די לעגענדעס אַרום דעם שבת־רו.

דאָס פאָלק איז ניט צופרידן מיט בלויז טרוקענע פאַקטן און אייג־פאַכע דערשיינונגען. למשל: אין חשמונאים קאַמף מיט מלכות־יוון ווערט ניט באַזונגען דער זיג פון די מאַקאַבייער העלדן, נאָר דאָס קריגל בוימל. דעם קרעדיט פאַרן זיג ווערט געגעבן דעם „נס", די לעגענדע, וואָס די אגדה האָט מיט דער הילף פון פאָלקס־פאַנטאַזיע אויסגעשפּונען.

אויך אין שופטים, וואו ס'דערציילט זיך די מלחמה און דעם זיג פון די שבטי ישראל קעגן סיסראָן, זינגט דאָרט דבורה די נביאה: די שטערן פון דער הויך האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראָן. (הכוכבים ממסילותם ממעל נלחמו בסיסרא). די אייגענע כוחות האָבן אַ קנאַפּן ווערט, און צו מאַכן דעם נצחון שטאַרקער איז מען באַשיידן מיט זיך, און ס'איז דער נס, די מעטאַפיזישע לעגענדע, וואָס מאַכט דעם זיג גרויס... ווידער אין צייטן פון מפלה, ווי ביים חורבן, קלאָגן די פּאָעטן פון יענער צייט: „איבער אונדזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד" (ומפני חטאינו גלינו מארצנו), און דאָ ווערט גאָר די שולד געוואָרפן אויפן פאָלק, אייגענער שוואַכקייט און געפאַלנקייט.

פאַר דעם היסטאָריקער און קולטור־פאָרשער דינט די אגדה אַלס אַ שליסל, וואָס עפנט און אַנטפּלעקט אַלע טעמים פון געוויסע הלכות און זייער געשיכטלעכע באַדייטונג. למשל: די דינים און הלכות וועגן חנוכה. אין דער משנה ווערט חנוכה אינגאַנצן פאַרשוויגן, איבערן פשוטן טעם, ווייל די תנאים זיינען אין יענער פעריאָדע באַשטאַנען דורכאויס פון פרושים, און זיי האָבן דעם חשמונאים קאַמף ניט סאַנקציאָנירט; אָבער די אמוראים פון דער גמרא האָבן דאָס אינגאַנצן ניט געקענט פאַרשווייגן, האָבן זיי דאָס פאַרשלייערט מיט אַ הילע פון אַ מעשה מיט אַ נס, פון אַ קריגל בוימל, און די אַגדה פאַרשמעלצט זיך מיט הלכה, און הימל און ערד קומען זיך צוזאַמען...

די ערשטע הלכות שטאַמען פון די פרושים, די אָפּהיטער פון מנהגים און תורה שבעל־פה... אַ חוץ דעם זיינען פאַראַן גאָר אַלטע הלכות, למשל: שמואל הנביא האָט געפסקנט: „אפילו דער וואָס איז ניט קיין כהן, מעג אויך שחטן אַ קרבן" (שחיטה כשרה בזר)... דוד המלך האָט מתקן געווען: יעדער וואָס גייט אין מלחמה לאָזט איבער זיין ווייב אַ גט"... אויך פלעגט

ער ניט אַרויסגעבן באַפעלן אין אַנוועזנהייט פון זיין רבין, כדי ניט צו זיין אַ „מורה הלכה בפני רבו"... דוד המלך האָט אויך איינגעפירט, אַז מפני דרכי שלום, מעג מען פאַרבייגן דעם אמת, ווייל שלום איז העכער פון אמת.

און די הלכה: „ווען דער עולם מאַכט אַ טעות, בלייבט דאָס אַ חוק, און קען ניט געביטן ווערן." דער ירושלמי דערציילט: דער עולם האָט געמאַכט אַ טעות וועגן טאָג פון חורבן (פשוט דער קאָפּ איז זיי געווען פאַרדרייט), זיי האָבן פאַרגעסן דעם דאַטום, האָבן די נביאים געשטיצט דעם טעות, „כדי ניט אָפּצושטיין פון ציבור." און דער ירושלמי זאָגט ווייטער: „אויב דו ווייסט ניט גענוי דעם טעם פון אַ הלכה, גיי אַרויס אין גאַס און זע ווי דאָס פאָלק איז זיך נוהג" (כל הלכה שאין אתה יודע מה טיבה, צא וראה מה הציבור נוהג)...

פיל הלכות וואָס האָבן שוין אַמאָל עקזיסטירט נאָר זיינען פאַרגעסן אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווערן מיט אַ צייט שפּעטער ווידער באַנייט... בן־סירא, אַ פּאָעט און פאָרשער: וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון די ערשטע תנאים, (די „זוגות") זאָגט: „יעדע נייע מיינונג, אין פאַר־לויף פון דורות, האָט געמוזט האָבן אויף וואָס זיך צו שטיצן און אָנשפּאַרן אין דער תורה, דעריבער איז יעדע אַגדה געבויט אויף אַ הלכה. ווען די חכמים האָבן געוואָלט באַגרינדן פּרינציפּן, באַפעסטיקן גלויבן, האָבן זיי פריער אויסגעפונען צי דאָס שטימט מיט דער תורה, און ווען אַ געוויסע הלכה אָדער אַגדה קוקט ניט אויס אַזוי וויכטיק היינט, איז ניט קיין באַווייז אַז אין יענער צייט איז דאָס ניט געווען גאָר וויכטיק."

און פאַר אַלעס האָבן זיי געפונען אַ ראיה, ווייל: „דכולי בה"— אַלץ איז דאָ אין דער תורה... און ווען די תורה איז ניט געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, ווען קיין שאַרפע מוחות האָבן זיך ניט געפונען, איז דאָס לערנען די אַגדה געוואָרן באַליבט; אַ שיינע דרשה, פריי פון פלפול און האָר־שפּאַלטעריי, וואָס רעדט צום האַרץ גיכער ווי צום מוח, האָבן אַלע געוואָלט הערן... ווען דאָס לערנען הלכה איז געוואָרן מאָנאָטאָן און די תלמידים אויסגעמאַטערט, האָט דער ראש־הישיבה געלערנט אויף אַ לייכטן אופן מיט משלים און מעשיות און די תלמידים האָבן זיך דערפרישט.

ווי ווייט פּאָפּולער די אגדה איז געווען ביים עולם באַווייזט דער פאָלגענדער עפּיזאָד: רבי אבהו, אַ גרויסער דרשן, דערציילט: „בשעת זיין פריינד ר' חייא איז געקומען פון סורא קיין נהרדעא, דאָרט וואו ר' אבהו איז געווען רב, האָט ער ר' חייאן איינגעלאַדן צו האַלטן אַ דרשה אַלס גאַסט... איז געקומען אַ קליינער עולם. ר' אבהו האָט אים געטרייסט:

— דיין דרשה איבער הלכה איז ווי טייערע דימענטן, נישטאָ קיין סך מבינים אויף זיי; מיינע דרשות איבער אגדה זיינען פּראָסטע צירונג און יעדער איינער איז אויף זיי אַ מבין״...

געוויסע הלכות, איבערהויפּט אַזעלכע וואָס האָבן צו טאָן מיטן אָפּהיטן דאָס געזונט דורך היגיענישע תקנות, אַ שטייגער: כשר און טריף, וואַשן די הענט פאַרן עסן, טהרת המשפחה, א.ד.ג., וואָס די חכמים האָבן גאַנץ לייכט געקענט דערקלערן דעם טעם, ווערט דאָס אָבער ניט געטאָן, נאָר איבערגעלאָזן ווייטער פאַר די שפּעטערדיקע מפרשים און פאַר די בעלי אגדה דאָס אויפצוקלערן.

אַ גוטערביישפּיל איז טמאה (אומריינקייט). דער מדרש רבתי (במדבר י״ט) ברענגט פון רבי יוחנן בן זכאי: „ס׳איז געקומען צו רייד וועגן באַשפּריצן אַן אומריינעם מיט ריינינקונגס וואַסער, האָט ער געזאָגט צו די תלמידים: כ׳שווער אייך! ניט דער טויטער קערפּער מאַכט אומריין און ניט דאָס וואַסער מאַכט ריין, ניט מער — גאָט האָט אַזוי געזאָגט, אַזאַ געזעץ האָב איך אַרויסגעגעבן, אַזוי הייס איך דו זאָלסט טאָן און ניט איבערטרעטן מיין באַפעל״...

אין יענע דורות איז „טמאה״ געווען פאַררעכנט אַלס דאָס עקל־האַפטסטע, און דער עולם האָט געוויכט פון אַ טמא ווי פון אַ פּעסט... די חכמים האָבן דאָס גוט געוואוסט און זיי האָבן דאָס פּסיכאָלאָגיש אויסגענוצט. דערפאַר האָבן זיי אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן חושד געווען אַז ס׳איז ניט גוט און ניט געזונט, געאַסרט אַלס „טמא״...

דער תלמוד דערציילט: „נאָכן חורבן האָבן די חכמים מורא געהאַט אַז אַ גרויסע צאָל יידן, אויב זיי וועלן אין די גלות־לענדער קויפן לאַנד, וועלן זיי אויפהערן בענקען צו קומען צוריק קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי מתקן געווען אַ הלכה: „די ערד פון אַלע לענדער אַ חוץ ארץ־ישראל איז טמא״... כדאי אויך צו דערמאָנען דעם ספרי (עקב): „אפילו איר זייט אין גלות, לערנט ווייטער אַלע דינים פון תרומה און מעשר, כדי, ווען איר וועט קומען צוריק זאָל דאָס אייך ניט זיין פרעמד.״..

אפילו די בהמות פון די חכמים זיינען געווען אָפּגעהיטן פון אומ־ריינקייט. אַ מעשה האָט פאַסירט מיט אַן אייזל פון אַ תנא, וואָס איז גע־רויבט געוואָרן, און ווען די גזלנים האָבן דעם אייזל געגעבן עסן, האָט ער זיך דערצו ניט צוגערירט. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיי דעם אייזל צוריקגעשיקט. אַזוי שנעל ווי דער תנא האָט געזען דעם אייזל קומען צוריק, האָט ער געהייסן אים געבן וואַסער און האָבער. — אונדזערע בהמות

יורידישע מעטאָדן און טערמינען אין תלמוד

דער יורידישער טייל פון תלמוד, „די הלכה", באַשטייט פון פעסט־געשטעלטע באַשלוסן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. איידער די הלכה ווערט ענטגילטיק אָפּגעשלאָסן אַלס אַ כלל פאַר די פאַרשידענע חוקים, דינים און משפטים, קומט פאַר דאָס וואָס ווערט אָנגערופן אין דער תלמודישער שפּראַך מיטן וואָרט „פּלפּול" — אַן אַלגעמיינע דעבאַטע, באַווירצט מיט פּעפער, שקלא וטריא נאָכטראַכטונג און נאָכפאָרשונג צווישן די געלערנ־טע; עס ווערן אויסגעהערט טענות פאַר און טענות קעגן, שאלות טאָמער אַזוי? און טאָמער פאַרקערט?. אַלע ספקות ווערן אָפּגעפרעגט, אַלע טאָמערס און אפשרס ווערן באַזייטיקט און אויפגעקלערט. נאָכדעם ערשט ווערט דער ענין דעפינירט, וואָס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט; אסור און מותר, כשר און טריף. מיט דער הילף פון אַלע לאָגישע און פּראַק־טישע מעטאָדן ווערט די פראַגע אַדורכגעדראָשן און ענטגילטיק אַרויס־געבראַכט די באַרעכטיקונג פאַר דער אָדער יענער מסקנה. דער ענטפער איז לאַקאָניש און פּרעציזע באַגרינדעט אויף דעם שכל הישר...

אַ שטיק צייט איז אַנגעגאַנגען אַ מין צעטומלעניש אין די דרכים פון טייטשן און לערנען די תורה. וואָס איין רבי האָט געכשרט האָט דער צווייטער געאסרט; דאָס אייגענע פאַרקערט. אַזעלכעס האָט פּאַסירט אין

עסן ניט פון פרעמדע — האָט דער תנא געזאָגט — ווייל זיי האַלטן פון ריינקייט"...

וואָס מער עמפּינדלעך אַ מענטש איז, אַלץ מער ריינקייט דאַרף ער אָפּהיטן. פון אַ געוויסן תנא ווערט דערציילט: ווען זיין ווייב איז געשטאָרבן האָבן די תלמידים זיי אים געטראָפן נעמען אַ באַד. האָבן זיי אים גע־פרעגט: רבי, זאָגט דאָס ניט די הלכה, אַז אַן אָבל טאָר זיך ניט טובלען?

— איך בין אַנדערש, ווייל איך בין אַ מפונק (איסטני אני).

צום שלוס לאָמיר דאָ דערמאָנען די רייד פון רבי צדוק בן פינחס. ער זאָגט (אָבות דרבי נתן): „ווער ס'לערנט אגדה און ניט קיין הלכה, איז אַ גיבור אָן כלי־זיין; ווער ס'לערנט הלכה און ניט אגדה, איז אַ חלוש מיט כלי־זיין; ווער ס'לערנטביידע, איז טאָפּלט, אַ גיבור און באַוואָפנט מיט כלי־זיין"...

די צייטן פון די ערשטע תנאים. ערשט הלל הזקן און שפּעטער רבי עקיבא און רבי ישמעאל, האָבן אויסגעאַרבעט געוויסע כללים, טערמינען און מעטאָדן, וואָס דינען פאַר אַ שטענדיקן קריטעריום פאַר אַלע צייטן און אַלע ערטער, בכדי די שפּעטערדיקע געלערנטע זאָלן חלילה ניט געשטרויכלט ווערן פון געוויסע ספקות אין דעם וועגן און מעסטן גערעכ־טיקייט. דאָס מיינט אָבער ניט צו זאָגן, אַז דער דין איז אַבסאָלוט פעסט אפילו אין פאַלן ווען דעם דין איז אוממעגלעך אַדורכצופירן? די פראַזע: „זאָל דער דין לעכערן דעם באַרג" איז ניט מער ווי אַ פראַזע פאַרן קאַלטן קאָדעקס און ניט מער... דערפאַר אָבער העלפט די מעטאָדע פון יוריס־פּרודענט דעם סניגור מיט פּסיכאָלאָגישע און עמאָציאָנעלע אַרגומענטן צו פאַרלייכטערן און העלפן דעם באַשולדיקטן, די גורמס און די סיבות מאַכן ווייך דעם האַרטן פאַקט און אַ העלער שיין באַווייזט זיך אויף די טונקל באַהאַלטענע פון דער אָדער יענער געשעעניש...

ווייל די הלכה איז לרוב געבויט אויף דער מסורה־טראַדיציע פון דעם ניט־געשריבענעם געזעץ, דערפאַר זיינען יורידישע כללים קורץ אין שפּראַך, און געמיינט אַלס ניט קיין אַבסאָלוט פּוסק אחרון (דאָס לעצ־טע וואָרט), נייערט עס ווערט געגעבן דעם שופט אָדער בית־דין אויסצו־ציען דאָס געזעץ ברייטער, אויך איינציען און פאַרשמעלערן אַלעס לויט דעם מצב און די נויטן...

דער משפט האָט דריי אויפגאַבן: צו געבן דעם פאַרברעכער אַ לעק־ציע, אַ וואָרנונג פאַר אַנדערע — „למען ישמעו ויראו"; צו דערגיין אויב דאָס פאַרברעכן איז געווען בשוגג, אומגערן, נישט־ווילנדיק, דורך אַ צופאַל; אָדער בכיוון, קאַלטבלוטיק פּלאַנירט פריער; און צו געפינען דעם ריכטיקן שולדיקן אויף זיכער, אָן אַ צווייפל... צולב דעם זיינען איינגע־פירט געוואָרן די כללים אָדער מידות, וואָס האָבן געמאַכט אַן אָרדענונג אין פאַרטיילן שטראָף און גערעכטיקייט. דער סיסטעם פון כללים אין הלכה האָבן בטל געמאַכט אַלע השערות און ספקות פאַר פאַרשידענע שיטות אין לערנען.

די סאַמע וויכטיקסטע מעטאָדן זיינען: א) דער קל־וחומר (פון אַ לייכטן אויף אַ שווערן; ב) די גזירה שוה (אַן ענלעכער ענין וואָס האָט אין דער תורה די זעלבע פּראַזעאָלאָגיע וואָס שטיצט די צווייטע מיט דער רעפערענץ צו די ערשטע); ג) דער כלל און פרט (אַלגעמיינע פאָרם און ספּעציפישע פאָרם)...

די מעטאָדע פון קל־וחומר גייט אַזוי: מה־דאָך אַן אייגנטימער, וואָס איז יאָ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם שאָדן פון זיין בהמה, כאָטש צו איר האָט ער גיש קיין שום פליכטן; אָ פשיטא שוין אַז ער באַדאַרף זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דעם שאָדן וואָס האָט אָנגעטאָן זיין קנעכט, וואָס צו אים האָט ער יאָ געוויסע פליכטן.

דער גזירה שוה טערמין, באַדייטעט אַ מעטאָדע פון אַ נאָך ניט דעפענירטע זאַך, ווערט געדרינגען פון דעם שוין פון פריער דעפענירטן, ווי למשל: „נאמר כאן ונאמר להלן, מה להלן כך, אף כאן כך". (דאַ ווערט געזאָגט פראַזעאָלאָגיש פונקט ווי דאָרט, איז דער פסק פון דאָרט אויך גילטיק דאַ). אַ בעסערן ביישפיל וועלן מיר נעמען דריי פסוקים פון חומש, נביאים און כתובים. דאָס ציטירן מיר פון מדרש ספרא: עס שטייט: „ביום כפורים תענו את נפשותיכם" (אום יום־כיפור פייניקט אייערע לייבער). דער נביא זאָגט: „ויענך וירעיבך" (ער האָט דיך גע־פייניקט און פאַרהונגערט); דער דיכטער אין תהלים זאָגט: „עניתי בצום נפשי" (כ'האָב זיך געפייניקט מיט פאַסטן מיין נפש). גייט די גזירה שוה אַזוי: עס שטייט, פייניקן זיך די לייבער, און עס שטייט דאָרט פייניקן זיך פון הונגער; אַזוי אויך דאַ יום־כיפור מיינט אויך זיך פייניקן דורך הונגער.

די גזירה שוה אָדער אַנאַלאָגיע ווערט באַנוצט אין אַזעלכע ענלעכ־קייטן צווישן זאַכן וואָס מאַכן קלאָר איין זאַך וואָס מיר וויסן שוין פון פריער... דער אַנאַלאָגישער מעטאָד איז אַ גרויסע הילף אין לעגאַלע אַרגומענטן פון געזעץ, און די חכמים פון תלמוד האָבן באַצייכנט די זאַכן וואָס זיינען אידענטיש פון זעלבן כאַראַקטער מיט דער פראַגע, מה מצינו? (וואָס קען מען דרינגען דערפון?) וואָס פאַר אַ לאָגישע אָדער שכלדיקע זאַך קען מען לערנען דערפון? אויב מ'קען לערנען פון איין זאַך אַ שטאַרקן אַרגומענט, וואָס איז גילטיק אויך אויף דער צווייטער זאַך, איז גוט, אלא ניט, טויג ניט. דאָס איז אַלע מאָל דער דרך פון אינטערפּרעטאַציע. ווי למשל: ביים קרבן תמיד שטייט: „במועדו" (אין זיין צייט), און ביים קרבן פסח שטייט אויך „במועדו", איז פונקט ווי דער קרבן תמיד איז דוחה שבת, אַזוי אויך איז דער קרבן פסח דוחה שבת...

דער מעטאָד פון כלל ופרט מיינט: ווען אַ געוויסער דין איז אויס־געדריקט אין דער תורה, פריער אין אַן אַלגעמיינער פאָרם—„כלל" און דערנאָך אין אַ מער ספּעציפישער פאָרם—„פרט", דעמאָלט גייט דער גאַנצער כלל, וואָס איז ענלעך צום פרט, אין דער זעלבער קאַטעגאָריע ווי דער פרט גופא. למשל: „קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראהו

באמת״ (גאָט איז נאָענט צו אַלע וועלכע רופן אים און צו די אַלע וואָס רופן אים באמת). דער צוגאָב־זאַץ דערקלערט דעם כלל, אַז נאָר די וואָס רופן אים אין אמתן, צו יענע איז גאָט נאָענט, און ניט צו אַנדערע.

אַ צווייטער ביישפּיל איז: „לא תקח כופר בנפש רוצח״ (נעם ניט קיין קאָמפּענסאַציע פון אַ מערדער). טאַקע פאַר דעם נפש ניט, אָבער פאַר דעם שאָדן פון אַ צאָן אָדער אויג מעג מען יאָ נעמען געלט..

אַ שעפּעדיקע מעטאָדע איז פאָרמולירט געוואָרן פון רבי ישמעאל, וואָס באַשטייט פון גאַנצע דרייצן יסודות. די וויכטיקסטע צווישן זיי זיינען: „ריבוי און מיעוט (פאַרגרעסערונג און פאַרקלענערונג). פאַראַן ווערטער אין דער תורה וואָס שליסן אויס עטלעכע זאַכן, און ווידער זיינען פאַראַן ווערטער וואָס נעמען אַריין נאָך זאַכן. די סאָרט מעטאָדע ווערט באַנוצט אין לעגאַלע סטאַטוטן, וואָס זאָגן פּינקטלעך גענוי און אויסגערעכנט יעדע זאַך באַזונדער, מיטן כיוון אויסצושליסן יענע זאַכן וואָס ווערן דאָ ניט דערמאָנט. אַזוי איז אין געוויסע ערטער אין דער תורה געשריבן קורץ און קאָן געטייטשט ווערן מיט אויסציען, פאַרגרע־סערן, אָדער פאַרקערט — פאַרשמעלען און פאַר קלענערן. למשל: דאָס וואָרט „את״ פון פּסוק: „את ה׳ אלהיך תירא״, באַדייטעט דאָס וואָרט „את״ לרבות אַף תלמידי חכמים. זאָלסט מורא האָבן פאַר גאָט און אויך פאַר די געלערנטע חכמים...

אויך דאָס וואָרט „גם״ פון פּסוק: „כן תרימו גם אתם״ (אויך איר זאָלט אַזוי ביישטייערן) איז דער טייטש: זאַכן וואָס ווערן געטאָן דורך אַ שליח איז פּונקט אַזוי גוט ווי מיר אַליין טוען עס; ווייל דאָס וואָרט „גם״ מיינט—„לרבות את השליח״, אויך אייער שליח קאָן אָפּערן אַ קרבן פאַר אייך...

דאָס אַלעס איז אין פאַל פון ריבוי, פאַרגרעסערונג; ווידער אין „מיעוט״ איז דער וואָרט „אַך״ פון פּסוק: „אַך את שבתותי תשמורו״ (נייערט מיינע שבתים זאָלט איר היטן); דער „אַך״ שליסט אויס געוויסע פאַלן, אַ שטייגער— פּיקוח נפש, וואָס איז דוחה שבת, און פּונקט ווי דער „את״ און דער „גם״ איז לרבות, אַזוי איז דער „אַך״ לחלק, אָפּצוטיילן...

* * *

די בעלי התלמוד, שטיצנדיק זיך אויף אַ פּסוק פון דער תורה, האָבן גוט שטודירט יעדן אות פון די ווערטער, די ריכטיקייט און זיכערקייט פון טייטש. כדי די באַשטימטע הלכה אָדער דין זאָל זיין ריכטיק, האָבן

די חכמים געפירט אַ דיסקוסיע און עס פלעגט זיך מאַכן אַז אַ טייל חכמים האָבן געטייטשט דעם פסוק ווי ער ווערט געלעזן: „יש אם למקרא". אַנדערע ווידער האָבן זיך געשטיצט נישט בלויז ווערטערלעך און בוכשטעבלעך, נייערט, ווי עס איז אַנגענומען פון פריערדיקע געלערנטע: „יש אם למסורה". אַ שטייגער, אין פסוק: „ונשל הברזל מן העץ" (און און עס איז אַראָפּגעפאַלן דאָס אייזן פון האַלץ); רבי סבור: „יש אם למקרא, ונשל כתוב, ורבנן סברו: יש אם למסורה, ונשל קרינין." און דאָס אייזן האָט אָפּגעהאַקט אַ שטיק האָלץ און דער טויט איז געקומען ניט פון אייזן נאָר פונם האָלץ, דאָס הייסט, בשוגג, דורך אַ צופאַל איז דאָס אייזן אַרונטערגעפאַלן; דער טויט איז געקומען ניט פון אייזן נאָר פון האָלץ...

פאַראַן נאָך אַ מעטאָדע, וואָס רופט זיך „היקוש" — פון איין דין לערנט מען אַראָפּ אַ פאַרגלייך צו אַ צווייטן, ווי למשל: אין מצוות המעשיות (פאָזיטיווע געבאָטן) זיינען פרויען פטור פון אַלע צײַטמאַניאַלע דינים וואָס אַ מאַן מוז יאָ אָפּהיטן; ווען עס קומט אָבער צו מצוות לא תעשות (פאַרבאָטענע נעגאַטיווע) איז ניטאָ קיין חילוק צווישן מאַן און פרוי. „איש או אשה כי יעשו בכל חטאת אדם" (אַ מאַן אָדער פרוי וואָס וועט טאָן פון די מענטשלעכע זינד). אַזוי ווי די תורה האָט פאַרגליכן די פרוי צום מאַן, מיינט עס צו אַלע שטראָפן פון דער תורה — „השוה הכתוב איש לאשה לכל עונשין שבתורה...

ווידער איז פאַראַן די מעטאָדע פון רבי ישמעאל: ווען אַ געוויסע זאַך וואָס איז אַ טייל פון אַ גרעסערע זאַך, וואָס ווערט אויסגעשיילט און אָפּגעטיילט מילדער אָדער האַרבער, ווערט במילא דער גאַנצער ענין בטל, ווייל — „כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל, לא ללמוד על עצמו יצא, אלא על הכלל כלו יצא". (יעדע זאַך וואָס איז געווען אין אַלגעמיינעם און איז שפּעטער אַרויסגענומען פון אַלגעמיינעם, באַווייזט, אַז ניט דאָס אַליין איז אַרויסגענומען, נייערט דער גאַנצער ענין ווערט בטל...

די עטיק פון תלמוד

עטיק איז דער באַגריף פון די בציאונגען וואָס באַהערשן דעם מענטש און רעגולירן זיינע מעשים, צו קענען אונטערשיידן וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. איבער אָט דעם פּראָבלעמאַטישן קאָמפּלעקס האָבן פילאָזאָפן פון אַלע צייטן געזוכט צו דערגיין די מיסטעריע פון מענטשנס גייסטיקן שטרעבן, זיינע נאַטור־געוואוינהייטן, זיין מאָראַל און דעם ענד־ציל צום פאָלקאָמענעם גליק.

בשעת די גריכישע געלערנטע, פּלאַטאָ און עפּיקור, בויען זייער טעאָריע מיט לייגן גרויס געוויכט אויף דעם כבוד און שטאַלץ פון דעם שטאַט, אַלס דאָס סאַמע העכסטע גליק, קומען די חכמים און זיינען עס מבטל, און שטעלן פעסט דעם טראָפּ אויף דעם יחיד... אַנשטאָט בויען עטיק אויף נאַטור־וויסנשאַפטלעכע יסודות, פּריידיקן זיי אַ העכערע, אַ מער דויערהאַפטיקע מאָראַל...

די חכמים פון תלמוד פרעגן: וואָס איז דער בעסטער וועג וואָס דער מענטש זאָל זיך אויסקלייבן, צו קענען דערגיין צום אמתן גליק און פאָל־קאָמענהייט? אַנטיגנוס איש סוכו זאָגט: „זייט ווי דינער וואָס טוען זייער אַרבעט — על מנת שלא לקבל פרס" — ניט פאַר באַלוינונג, נאָר פאַר ליבשאַפט. בן עזאי זאָגט: „דער לוין פאַר דער גוטער טאָט איז די טאָט אַליין — שכר מצוה מצוה."

וועגן דער טעאָריע פון זוכן גליק אין העכערע אייגנשאַפטן, האָבן די חכמי התלמוד געזען אַ וואונק, אַ רמז אין דער חומש לעגענדע פון יעקבס חלום: „אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און איר שפּיץ דערגרייכט די הימלען, און די מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ." דער וועג אַרויף איז צו גוטע מעשים, און דער וועג אַרונטער — צו שלעכטע מעשים. די לייטער שטייט טאַקע אויף דער ערד, אָבער איר שפּיץ — דער אידעאַל איז געווענדעט אַרויף צום הימל... דער „הבט השמימה" געדאַנק איז דער העכסטער באַגריף פון זייער עטיק...

אַ צווייטער ביישפּיל ווי אַזוי די חכמים האָבן געלערנט און גע־טייטשט די הויכע מאָראַל געזעצן: אין דער מלחמה מיט משה און עמלקן ווערט דערציילט אין חומש: „ווען משה האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אין

דער הויך, איז עמלק געוואָרן שוואַך, און ווען משה האָט אַרונטערגעלאָזן זיין האַנט, איז עמלק געוואָרן שטאַרק." פרעגט די גמרא: „האָט משה געהאַלטן מלחמה מיט עמלקן דורך הייבן די הענט אַרויף און אַראָפּ?" און די גמרא ענטפערט: „עס איז נאָר אַ משל: כל זמן די יידן האָבן גלויבן און בטחון אין העכערע הימלישע אידעאַלן, האָבן זיי געזיגט; פאַרקערט — ווען יידן זיינע געווען געפאַלן ביי זיך, אָפּגעלאָזן, אָן גלויבן, אָן בטחון, האָט דער שונא געזיגט...

אויך אין דער שילדערונג אין דער סדרה חקת: „ווען די פייער־שלאַנגען האָבן געביסן דאָס פאָלק ישראל אין דער מדבר, ווייל זיי האָבן געלעסטערט גאָט, זאָגט גאָט צו משהן: גיי מאַך אַ קופּערנעם שלאַנג, טו אים אַרויף אויף אַ שטאַנג אויפן באַרג, און עס וועט זיין, אַז אַ שלאַנג וועט עמיצן בייסן, זאָל ער קוקן אַרויף צום הימל און ער וועט געהיילט ווערן. פרעגן די חכמים: קענען קופּערנע שלאַנגען היילן קראַנקע? און דער ענטפער איז: עס איז אַ משל אַזאַ: ווען איינער האָט גלויבן אין גאָט, ווערט ער געהיילט, און די תורה רעדט אין דער מענטשלעכער סעמאַנטיק — „דברה תורה כלשון בני אָדם." דאָס זעט זיך בולט די כוונה צו דעמאָנסטרירן דעם „הבט השמימה" געדאַנק, תמיד צו פאַר־הערלעכן די העכערע ווערטן...

אויך דער נביא מיכה פאָרמולירט די גרונט־פּרינציפּן פון עטיק מיט דעם מאָטיוו: „הבט השמימה". די גייסטיקע הימלישע באַגריפן זיינען די העכסטע מאָראַל. דער נביא זאָגט: „ער האָט דיר געוויזן, מענטש, וואָס איז גוט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר צו טאָן: גערעכטיקייט, ליב האָבן גוטסקייט און גיין באַשיידן אין גאָט'ס וועגן"...

ערשט שפּעטער, ביי די זקנים, ביי די סופרים, די ערשטע בויער פון דער קאָלעקטיווער זאַמלונג פון תלמוד, פון תורה שבעל־פּה און די תנאים און אמוראים נאָך זיי, באַמערקט זיך שוין בישט דער הימלישער מאָטיוו פון מעטאַפיזישן דענקען, נאָר פּשוטע קלאָר מענטשלעכע גע־דאַנקען. זיי, די חכמים פון תלמוד, אַלס פאָלקס־לערער, האָבן גערעדט אין אַ מענטשלעכער שפּראַך, און זיי האָבן געזאָגט: „די תורה איז ניט אין הימל" (לא בשמים היא) שטיצנדיק זיך אויפן פּסוק: „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אָדם" — די הימלען זיינען פאַר גאָט און די ערד פאַר די מענטשן. און דער מאָטיוו איז ניט מער „הבט השמימה", נאָר דער „וחי בהם". די תורה איז געגעבן אַז דער מענטש זאָל געניסן און הנאה האָבן פון לעבן.

רבי יוסי בן חלפתא זאָגט אין סוכות: „גאָט איז קיינמאָל ניט אַרונ־טער צו דער ערד און משה אָדער אליהו זיינען קיינמאָל ניט אַרויף אין הימל." ער שטיצט זיך אויף דעם אייגענעם פסוק: „די הימלען זיינען פאַר גאָט און די ערד פאַר די מענטשן." דעריבער געפינען מיר אין תלמוד אַן אוצר פון פראַקטישע עצות ווי אַזוי דער מענטש זאָל לעבן און זיין גליקלעך. זיין עצה: „זוך ניט קיין גרויסקייט פאַר זיך, באַגער ניט קיין כבוד, ווייס דיין אָרט, זיי צופרידן מיט דיין אָרט. ווער איז רייך? — דער וואָס איז אַ שמח בחלקו — איינער וואָס שטעלט זיך צופרידן...

* * *

די געלערנטע פון תלמוד, וועלכע זיינען אין גרויסער צאָל אַליין געווען אַרבעטער, האָבן געהאַט גרויס ליבשאַפט צו אַרבעטער. פאָלגענדע חכמים זיינען באַצייכנט מיט זייערע פאַכן: רבי יוסף — אַ מילנער; רבי ששת — אַ האָלץ־העקער; רבי יצחק — אַ שמיד; רבי יוחנן — אַ שוסטער; רבי אבא — אַ שניידער; בן אבודה — אַ וועבער; רבי זירא — אַ גערטנער; בן רבא — אַ פאַרמער; רבי שמואל — אַ דאָקטאָר; מר עקבא — אַן אַפטייקער; הלל — אַן ערד־אַרבעטער; אבי אבין — אַ טישלער; רבי עקיבא — אַ פאַסטוך, א.אַז.וו.

פאַרנעמען טאַקע פיל הלכות וועגן אַרבעטער און יעדע הלכה איז געבויט אויף עטישע פּרינציפּן. אַזוי למשל, די הלכה מיט אַ דערקלערונג: „דער אַרבעטער קלעטערט די הויכע סקאַפּלען, קריכט אויף די הויכע בערג, גראָבט אין די טיפענישן — צו וואָס שטעלט ער איין זיין לעבן, אויב ניט כדי צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט? דעריבער זאָלט איר, אַרבעטס־געבער, זיין פאַרזיכטיק ניט צו דריקן אים, נייערט צאָלן אים די פולע לוין, וואָרים דאָס איז זיין גאַנצער קיום"...

אויך נעמט די קורצע ווערטלעך וועגן אַרבעט און אַרבעטער: „האָב ליב אַ מלאכה און האָב פיינט רבנות"; דער וואָס האָט אַ מלאכה איז געגליכן צו אַ גאָרטן וואָס האָט אַ שוץ אַרום זיך." און די חכמים האָבן פראַקטיצירט דאָס וואָס זיי האָבן געפּרײדיקט. עס ווערט דערציילט אין תלמוד: „אבא יוסף, אַ גרויסער למדן, איז געווען אַ טאָג־אַרבעטער. איינמאָל בשעת זיין אַרבעט, איז געקומען אַ מאַן מיט אים שמועסן אין לערנען, האָט דער רבי געזאָגט: ,איך בין אַ טאָג־אַרבעטער און קאָן ניט איבעררייסן די אַרבעט. זאָג גיך וואָס דו ווילסט און גיי אַוועק'."...

דער פרקי־אבות זאָגט: „דער וואָס לערנט ניט זיין זון קיין מלאכה איז פונקט ווי ער וואָלט אים געמאַכט פאַר אַ רויבער!" פרעגט די גמרא:

טאַקע, ווי קומט עס? און די גמרא דערקלערט: דירעקט רויבעריי לערנט ער אים ניט, אָבער דורך פּוסטעווען, ליידיק גיין, קען ער ווערן אַ רויבער. אַזוי זיינען אויך די הלכות וועגן שאַדנס, וועגן מעשר, שכחה ופאה. זיי האָבן אַלץ געזאָרגט פאַר דעם שוואַכן, פאַר דער אונטערדריקטן און דעם געפאַלענעם. די אַלע געזעצן וועגן אביון, דעם יתום, די אַלמנה, האָבן זיי געבויט אויף דער ביבלישער עטיק פון יושר.

אָבער דער תלמוד גיט צו אַ פרישן גלאַנץ; זיי האָבן זייערע ווערטער געשליפן און געליטערט און איז אַרויס אַ גרויסער אוצר, אַ קאָלעקטיווע קאַסטבאַרע זאַמלונג פון פאָלקלאָר און לעגענדעס. און דאָס וואָס די פריערדיקע געלערנטע, די סופרים, זיינען געווען „ציילער״ פון ווערטער און פסוקים פון דער תורה, זיינען די שפּעטערדיקע חכמים געווען גוטע דערציילער. ווען דאָס טרוקענע הלכות לערנען איז געוואָרן לאַנגווייליק, האָבן די חכמים געביטן דעם טאָן פון ערנסטע צו לייכטערע זאַכן; צו לעגענדעס, אַנעקדאָטן, אַפאָריזמען, פאַבלען און משלים, וואָס מיר געפינען אין די הונדערטער, און אַלע זיינען מיט אַ מוסר־השכל, מיט אַ טענדענץ צו שטאַרקן די מאָראַלע יסודות, ווי למשל:

אין לייבס האַלדז איז געבליבן שטעקן אַ ביין, האָט ער פאַרשפּראָכן אַ גוטע באַלוינונג צום פויגל מיטן לאַנגן שנאָבל, ער זאָל אים אַרויסשלעפּן דעם ביין, און ווען דער פויגל האָט שפּעטער געפאָדערט זיין באַלוינונג, האָט זיך דער לייב אויסגעלאַכט:— דו קאָנסט זיך איצט באַרימען אַז דיין קעפּל איז געווען אין לייבס מויל און ביסט אַרויס גאַנץ. דאָס איז דיין באַלוינונג.״ קיינע פּירושים זיינען ניט נויטיק. אַלע האָבן פאַרשטאַנען רבי יהושע בן לוי׳ס כוונה, ניט מורד צו זיין אין די רוימער, און איז געווען געצילט קעגן רבי עקיבא׳ס אַגיטאַציע פאַר שטיצן בר־כוכבאן אין זיין קאַמף קעגן די רוימער...

אַ צווייטער פאַבל איז גאָר סימבאָליש: די מעשה מיטן ניט געזעטיקטן אויג. „דער מלך אַלכסנדר ינאי האָט געבעטן אַ מתנה פון גן־עדן, איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ מענטשלעכער שאַרבן מיט אַן אָפן אויג. האָט ער אָפּגעוואויגן דעם שאַרבן קעגן גאָלד און זילבער און דער שאַרבן האָט אַלץ געצויגן די וואָג אַרונטער. ער האָט געפרעגט אַ תנא אַן עצה, האָט ער אים געהייסן אַרויפלייגן אַביסל ערד אויף דעם אָפענעם אויג, און דאָס האָט לייכטער געמאַכט די וואָג.״ דער מוסר־השכל איז אויך דאָ קלאָר: דער מענטש — כל זמן ער לעבט, שרייט ער, הב־הב! גיב מיר נאָך און

נאָך; וויפיל איינער האָט, וויל ער אַלץ מער. ערשט ווען מ׳דעקט צו דעם קבר מיט ערד, ווערט דעם מענטשנס אויג זאַט...

* * *

כדי צו דערגיין די העכסטע מדרגה פון מאַראַל, פריידיקט דער תלמוד דעם חוב פון לערנען: אַ חוץ אָפּהיטן די מצוות מוז מען אויך זיין אַ יודע תורה — לערנען אַליין און אויך לערנען אַנדערע. און דער וואָס לערנט ניט אַנדערע, פאַרשניידט זיך פון דער וועלט (ודלא מוסיף יסיף). וויסן באַרייכערט דעם גייסט און די תורה קומט ניט בירושה. האָסטו וויסן, וואָס פעלט דיר נאָך? אָבער אָן וויסן, וואָס האָסטו דערגרייכט? בלויז לערנען אָן שיינע מידות טויג אויך ניט, ווייל עס איז געגליכן צו אַ חמור וואָס טראָגט אַ גרויסע מאַסע ביכער אויף זיך אָבער בלייבט אַלץ אַ חמור...

אין זיין בוך „אַלגעמיינע עטיק" זאָגט פּראָפעסאָר שטיינדל: „אין אַלע לערעס פון די אַלטע פעלקער איז קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן צדקה און מעשים טובים ווי אין תלמוד, וואו מען געפינט, אַ חוץ ליבע, יושר און אמת, אויך דאָס וואָרט צדקה. און צדקה ווערט באַצייכנט פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון קאָלעקטיווער אחריות, און איז איינע פון די זיילן אויף וועלכע די וועלט שפּאַרט זיך אָן. ווי עס זאָגט זיך אין פּרק: „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט—אויף תורה, עבודה און גמילת חסדים." און ניט נאָר העלפן יענעם מיט געלט, נאָר אויך מיט אַן עצה, אַ גוט וואָרט פון טרייסט, און ניט בלויז צו אָרעמע, נאָר אויך צו רייכע, אפילו צו טויטע. גיין צו אַ לוויה הייסט אַ חסד של אמת, און די גמרא לערנט: „געבענטשט זיינע די וועלכע גיבן צדקה און טאָפּלט געבענטשט זיינען די וועלכע געבן גיך און מיט פרייד."

גרויסע וועלט־פּאָעטן, ווי לאָנגפעלאָ און היינע, זיינען באַגייסטערט מיט דער עטיק פון די לעגענדן אין תלמוד. אין איינער פון זיינע באַרימטע פּאָעמען שרייבט היינע: „האָסטו געלייענט פון אַמאָל, / לעגענדעס דערציילט אָן אַ צאָל, / פון מעכטיק געטלעך געזאַנג, / הימלען לויב און תפילה קלאַנג..."

היינע זעט אין דער מיסטיק פון תלמוד אַ גרויסן בייטראַג צו דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזאַציע און ער זאָגט: „די שיינע לעגענדן פון די אַלטע קלוגע תלמודיסטן האָבן געצונדן אַ הייליק פייער פאַר אַלע שפּעטערדיקע דורות מאַרטירער, דיכטער און טרוימער.

אַ גאָר גרויסער בייטראַג צו דער מענטשלעכער ציווילער רעכט זיינען די כללים בנוגע רעכט און ריכטער. זיי לערנען: „זיי איינגעהאַלטן

שבת־רו און דער קאָנצעפּט פון קדושה

דער טאָג שבת ווערט געהייליקט מיט דער דערקלערונג: דו זאָלסט ניט טאָן קיין מלאָכה. און הייליקייט איז דער באַגריף פון רו און מנוחה. מיט דעם וואָרט ק ד ו ש ווערט אָנגערופן רבי יהודה הנשיא, דער מחבר פון דער משנה, רבנו הקדוש, און דער באַרימטער קבלה׳יסט, דער אר״י הקדוש. אויך מאַרטירער רופן זיך קדושים; אַ ייד וואָס איז מקריב זיין לעבן, הייסט, ער גייט אויף קידוש השם. אַ קדוש איז אַ מענטש וואָס דערוואַרט גאָר ניט קיין שכר אָדער נצחון. ער איז ניט זיכער אַז ער וועט זיגן און ער בויטיקט זיך גאָר ניט אין קיין זיג. זיין עקזיסטענץ איז שוין אַ זיג. וואָרים די אידייע אַליין טוט שוין באַשאַפן קדושים, חסידים, פּאַטריאָטן, וועלכע זיינען זיך מוסר־נפש פאַר דער אידייע, וואָס וועט זיכער זיגן, אפשר ניט באַלד, אָבער געוויס אין די שפּעטערע יאָרן.

וואָס גרעסער די געפאַר פון מענטש אַלץ הייליקער ווערט ער באַ־טראַכט. סאַקראַטעס איז געווען אַ קרבן אויפן מזבח פון אַ פאַלשן בלבול און פון אומוויסנהייט, אָבער זיין נאָמען איז ניט פאַרגעסן געוואָרן, זיינע אידייען האָבן געטראָגן פּרוכט. דאָס איז דער כוח פון קדוש. די יסורים איז זיין געווער און מיט דעם קעמפט ער. זיין טויט איז אויך זיין לעבן. דעריבער איז קידוש השם אַן עטישער מאַקסים פון מענטשן־ווירדע,

---

מיט דיין אורטייל; באַשולדיק ניט יענעם ביז דו קומסט ניט אין זיין לאַגע; ודרשת וחקרת — זוך און פאָרש די סיבות וואָס האָבן געפירט צום פאַר־ברעכן...״ זיי האָבן אויך געלערנט וועגן סביבה און איינפלוס: „דער־ווייטער זיך פון אַ שלעכטן שכן; חבר זיך ניט מיט בייזע מענטשן, און שרעק זיך ניט פאַר קיין אומגליק״... און וועגן טאָלעראַנץ און הומאַניטעט לערנט דער תלמוד: זיי דן יעדן מענשטן צום גוטן. די גמרא אין חולין זאָגט: עס איז אַ חטא אָפּצונאַרן אפילו אַ געצנדינער.

דער ליבעראַלער גייסט פון תלמוד דריקט זיך אויס אין פאַרהייליקן דאָס לעבן; אַז טאָן זאַכן מיט גאָט אין האַרצן איז דער אמתער גלויבן. און ווי די בלום עפנט איר האַרץ צו דער הויך, אַזוי זאָל דער מענטש עפענען זיין האַרץ צו העכערע ענינים...

וואָס אַחד־העם רופט אָן „ערך האדם", וואָס איז אין קעגנזאַץ צו חילול השם, די שפלות און דערנידערונג פון מין מענטש...

* * *

הייליקייט איז ביי פיל פעלקער פאַרבונדן מיט פאַסטן און פייניקונגען, אָבער יידן פאַרבינדן הייליקייט מיט הויכע עטישע מידות, פון אַ מדרגה וואָס מאַכט דעם מענטש נאָענט צו גאָט, און דער מענטש אין גאָט'ס פאָרם טאָר ניט פאַרשווענכן זיין אייגענע הייליקייט דורך פאַרברעכן און זינד. זאָל ער זיך ניט פייניקן נאָר הנאה האָבן פון לעבן. די תורה לערנט: „וחי בהם". פיל דינים זיינען פאַרבונדן מיט אָפּהיטן שבת. גאַנצע הלכות זיינען געווידמעט צו מלאכות, וואָס ווערן פאַרבאָטן אום שבת. דאָס עובר זיין, הייסט מחלל שבת זיין, מאַכן דעם שבת וואָכעדיק, פאַרשווענכן די הייליקייט. פאַראַן אָבער פיל פאַרלייכטערונגען; פאַר סכנות נפשות איז דוחה שבת..

שבת איז דער סימבאָל פון יידישער אייביקייט, דער נצח ישראל קאָנצעפּט. דער שבת טוט דעם יידן באַנייען, ווי דער לעגענדאַרער פויגל פיניקס, וואָס זיין סוף איז זיין אָנהויב. אַ גאַנצע וואָך האָט אַ ייד געליטן גלות, גזירות, פורעניות; אָבער מיטן אָנקום פון שבת האָט דער ייד פאַרגעסן אַלע זיינע שונאים. דער שבת האָט אַ יידן פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינץ, לויט היינעס אַן אויסדרוק...

אַ פיינע אילוסטראַציע איז דער בערן־טאַנץ, גענומען פון דער לעגענדע, „דער גר צדק פון ווילנא", פּראַכטפול געשילדערט אין דער סצענע ביי שלום אַש'ס „קידוש השם". דער ייד מאַכט לוסטיק דעם פּריץ און זיינע געסט. עס איז פרייטיק נאָכמיטאָג; ער טאַנצט דעם בערן־טאַנץ מיט גרויס שוויס און דערנידערונג, און זינגט פאַר אים „מה יפית". פּלוצלינג באַמערקט ער, עס ווערט טונקל און דער הייליקער שבת קומט באַלד אָן. טראַכט ער ניט אין יענעם מאָמענט, אַז דער פּריץ וועט אים דערפאַר שמייסן מיט ריטער און אים אַרויסטרייבן פון דאָרף, נאָר ער לויפט אַרויס פון פּריץ'ס הויז, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם בערן־פעלץ, גלייכט אויס זיינע צעבויגענע ביינער. ער לויפט גיך אַהיים, טוט פון זיך אַראָפּ וואַשן די גויאישע טמאה; ער טוט זיך אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און ער ווערט אַ מלך, אַ פּרינץ; אַנדערע מלבושים, אַנדערע מאכלים, אַנדערע רעיונות און מחשבות...

* * *

שבת האָט דעם יידן געהייליקט און דערהויבן צו אַ העכערע וועלט. שבת האָט דער ייד געקוקט אויף דעם גוי מיט ביטול און באַדויערן, וואָס יענער שטייט אַזוי נידעריק, ווילד, פאַרגרעבט, פאַרדאָרבן באַשעפעניש, פאַר זיך ווידער האָט ער געזען אין שבת אַ „יום זה מכובד בכל הימים‟. אין דעם זינען האָט ער זיך אַנטוויקלט אַן עטישן אַספּעקט פון שיינע מידות, איידעלע פירונגען מיט זיינע מיטמענטשן. אין דעם האָט אַ ייד געזען דעם סוד פון זיין קיום...

אַ גאָר וויכטיקער ענין איז דער שבת־רו ביי קנעכט. עס זאָגט זיך אין דער תורה: „ווען דיין ברודער וועט זיך פאַרקויפן צו דיר, זאָל ער דינען זעקס יאָר; אויפן זיבעטן יאָר לאָז אים אַרויס פריי, און לאָז אים ניט אַוועק מיט ליידיקע הענט — „העניק תעניק לו‟ — גיב אים פון דיינע שאָף, פון דיין שייער און דיין קעלטער, ווייל מיט דעם וואָס גאָט האָט דיך באַשאָנקען, האָט דער אַרבעטער דיינער אַ גרויסן חלק, קומט אים פאַרגיטיקונג . . .

דער שבת־רו איז אַ סימבאָל פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט און מ'קאָן זאָגן אַז דער שבת־רו איז געגעבן דער עיקר פאַרן אַרבעטער און קנעכט; פאַר זיי איז שבת אַ הייליקייט... יאָזעפוס פלאַוויוס דערציילט: אַז דער שונא־ישראל, אַפּיאָן, האָט באַשולדיקט יידן אַלס פוילענצער און אַז שבת־רו טוט העצן די שקלאַפן צו רעוואָלט קעגן די מייסטערס. פאַר יידן איז עס אַ קאָמפּלימענט, וואָס באַווייזט אַז יידן זיינען פּראָגרעסיוו...

אין שייכות מיט אַרבעטער רעפאָרם, לערנט פּרוטאַגאָרעס, דער סאָפיסט: געזעצן, זאָגט ער, זיינען געשאַפן געוואָרן פון די שטאַרקע פאַר שטאַרקע, כדי צו האַלטן די שוואַכע אין צוים. אַנדערע, ווי ניצשע, האַלטן, אַז עטיק און סאָציאַלע געזעצן זיינען געשאַפן פון שוואַכע.

דער תלמוד ווייזט אָן, אַז עס איז פּונקט אַזאַ מצוה צו אַרבעטן די זעקס טעג ווי צו רוען דעם זיבעטן; ווי עס זאָגט זיך אין אָבות דרבי נתן: „גדולה היא מלאכה, שכשם שנצטוו ישראל על השבת, כך נצטוו על המלאכה, שנאמר: ‚ששת ימים תעבוד'.‟ (וויכטיק איז אַרבעט, פּונקט ווי זיי זיינען געבאָטן צו היטן שבת, אַזוי זיינען אויך געפאָדערט צו אַרבעטן).

ביאַליק דערציילט: איינמאָל האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון אַ קיבוץ. דער חבר באַקלאָגט זיך, אַז שבת לאַנגווייליקט אים און זיינע חברים, דעריבער אַרבעטן זיי אום שבת, ווייל זיי קאָנען ניט לעבן אָן אַרבעט. האָט עס ביאַליקן דערצערנט און ער האָט אין כעס געשריבן: איר, בחורים, פאַרשטייט ניט דעם ווערט פון שבת. אַרבעט אַליין איז

אַ טרוקענע זאַך, און טרויעריק איז דער מענטש וואָס קאָן ניט אויספילן זיין ליידיקע צייט.

* * *

שבת איז אַ צייכן פון אַן אייביקן בונד צווישן גאָט און ישראל. פאַרן גלות בבל זיינען די דריי גרויסע ימים־טובים פון יאָר: פסח, שבועות און סוכות, געווען פריילעכע פייערונגען, ענג פאַרבונדן מיט דעם דאָרפישן לעבן פון די פויערים, און שבת האָט ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן. אַ פאַקט דאָס ביי די ערשטע נביאים שטייט טאָקע שבת צוזאַמען מיט ראש־חודש. אָבער אין גלות האָבן יענע הייליקייטן צו גאָט ניט געקאָנט זיין. אָן אַ בית־המקדש זיינען זיך יידן צוזאַמענגעקומען אום שבת אין די נייע אינסטיטוציעס, די בתי הכנסת. דאָרט האָט מען צוזאַמען געזונגען תפילות, געלייענט די סדרה פון דער וואָך, און פון די נביאים אָן איז שבת־רו שוין געבליבן סינאָנים מיט דעם בית הכנסת.

שבת איז געווען דער טאָג ווען אַ ייד האָט זיך אויסגעלעבט גייסטיק, און שבת איז געווען געבויט אויף צוויי מאָטיוון, אַ סאָציאַלן און אַ רעלי־גיעזן. דער סאָציאַלער האָט געמיינט, דער אָפּרו, און דער רעליגיעזער מיינט, הייליקייט, ווייל גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט. מיר טרעפן דעם דאָזיקן מאָטיוו אין חומש בראשית, אין שייכות מיט גאָט'ס באַשאַפונג די וועלט אין זעקס טעג, און גערוט דעם זיבעטן. מיר באַגעגענען עס נאָך ברייטער אין די מדרשים. לויט איין מדרש איז שבת ניט דער טאָג ווען גאָט האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט און גאָרניט מער געטאָן, נאָר שבת איז אויך אַ זאַך וואָס ער האָט באַשאַפן דעם זיבעטן טאָג.

דער שבת־רו ווערט דערמאָנט צוויי מאָל אין חומש. אין „יתרו" ווערט געגעבן דער רעליגיעזער מאָטיוו, און אין „ואתחנן" ווערט אָנגע־געבן דער סאָציאַלער מאָטיוו. אין „יתרו" זאָגט זיך דער טעם, ווייל גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און גערוט דעם זיבעטן, דעריבער האָט גאָט דעם טאָג געהייליקט; אין „ואתחנן" ווערט מאָטיווירט דער טעם צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון אַרבעטער.

* * *

שבת האָט אַ ייד זיך אויסגעטאָן פון אַלע דאגות. שבת איז פאַר אים געווען אַ געבענטשטע מתנה און גאָט האָט אים צוגעשאָנקען אַן עקסטרע נשמה — אַ „נשמה יתירה", וואָס מוצאי שבת נעמט מען זי אַוועק פון

אים. דער מדרש דערציילט: די תורה האָט געטענהט צו גאָט: וואָס וועט זיין מיט מיר ווען יידן וועלן אַקערן אין פעלד גאַנצע טעג, ווען וועלן זיי לערנען תורה? האָט גאָט געענטפערט: איך גיב זיי דעם שבת, ווען יידן אַרבעטן ניט, גייען זיי אין שול אַריין הערן אַ דרשה, קוקן אַריין אין אַ ספר, און שבת ווערט אַ טאָג פון פרייד פון אַ העכערע מדרגה, פאַרבונדן מיט הייליקייט, נשמה יתירה'דיק...

דער שבת־טאָג ווערט געהייליקט פאַר די גרויסע ענדערונגען, וואָס גיבן צו פרישע כוחות; מחמת די פייערלעכקייט פון שבת, דער עונג, פאַרשאַפט וואַרעמקייט ביים יידן אין האַרצן אַ גאַנצע וואָך, אין זכות פון דעם וואָס איז אים געבליבן נאָך פון לעצטן שבת פאַרגעניגן, און אַביסל אינספּיראַציע קריגט ער שוין פון דער אַנטיסיפּאַציע פון קומענ־דיקן שבת. אַזוי האָט דער ייד געלעבט אַ גאַנצע וואָך אין זכות פון שבת.

פאַר שבת האָט אַ ייד געגרייט זיך ווי אויף אַ חשובן גאַסט. געוויסע חכמים — דערציילט דער תלמוד— האָבן אַ גאַנצע וואָך געזאַמלט און אָפּגעלייגט עפּעס אַ שיינע זאַך לכבוד שבת. אויך ווייזט אָן די גמרא (סנהדרין נ"ו) אַז שבת האָט עקזיסטירט נאָך פאַר מתן תורה, אַ סימן אַז דער מן, וואָס איז פאַרבליבן פון זעקסטן טאָג אויפן זיבעטן, נישט נאָר איז עס ניט קאַליע געוואָרן, נאָר האָט זיך פאַרטאָפּלט...

ווייטער וועגן סאָציאַל־עטישן מאָטיוו פון שבת־רו געפינען מיר אין ספר ויקרא: „יעדער זאָל ערן זיין פאָטער און מוטער, און מיינע שבתים זאָלט איר היטן." פרעגט די גמרא: וואָס איז דער סמיכות הפרשיות? איז דער ענטפער: אפילו אַז דיין פאָטער אָדער מוטער הייסן דיר עובר זיין און מחלל שבת זיין, פאָלג זיי ניט, ווייל איך, דיין גאָט, שטיי העכער פון פאָטער און מוטער.

יידישע עטיק נעמט אויך אַריין צער־בעלי־חיים, מען זאָל רחמנות האָבן אויף די שטומע באַשעפענישן, ווייל די תורה זאָגט: „עס זאָל רוען אום שבת דיין אָקס און דיין אייזל", און די חכמים האָבן זיך ניט געזעצט עסן איידער זיי האָבן געפיטערט זייערע שאָף און רינדער, ווייל אַלע באַשעפענישן זיינען פון גאָט.

שבת־רו איז אויך געגעבן דעם ייד, כדי צו קאָנען זיך צוימען און באַהערשן, און צו הויבן זיך צו התרוממות הנפש, צו גליקזעליקייט, און מיט אָפּהיטן דעם שבת קודש ווערט דער ייד געהייליקט צו הימלישע הויכקייט...

סעדיה גאון, ערשטער רעליגעזער פילאָזאָף

רבנו סעדיה גאון איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געשאַפן אַ סיטעם אין חכמת ישראל. ער איז אויך געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם ראַציאָנאַליזם אין דער יידישער געשיכטע. ער האָט געזוכט אַ פשרה צווישן דער יידישער אמונה און פילאָזאָפיע. ער האָט געוואָגט אָנצעווייזן, אַז דער תנ״ך איז ניט דער איינציקער קוואַל פון יידישער רעליגיע; עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע יסודות — דער שכל, און — די צווייטע תורה, דער תלמוד. און דאָס וואָס מיר געפינען ניט אין די כתבי קודש, געפינען מיר אין די אַנדערע צוויי קוואַלן; מחמת אין תוך גענומען, זיינען די אַלע דריי קוואַלן געטלעכע דערקענטענישן...

מיט זיין איבערזעצן דעם תנ״ך אויף אַראַביש האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז די יידישע אמונה שטייט אויף דעם אייגענעם קולטור־ניוואָ מיט דער גריכישער און אַראַבישער קולטורן. ער האָט צעמענטירט יידישקייט אין אַ צייט פון צעשפליטערונג, צעשפּאַלטנקייט און ספקות; ער האָט אַריינגעבראַכט קלאָרקייט און פאַרשטענדעניש.

בכלל האָבן זיך די גאונים וויניק גערעכנט מיט דעם פאַנאַטיזם פון די קאָנסערוואַטיווע קרייזן, וועלכע האָבן געהייליקט דאָס אַלטע און ניט דערלאָזן די גאונים איינפירן נייע תקנות. אַלס נאָכפאָלגער פון די פרושים האָבן זיי געצילט צו מאַכן נייע דאַמבן קעגן אויסערלעכע פרעמדע מנהגים; אויך האָבן זיי אַרומגעצוימט נייע רייפן צו האַלטן יידישקייט דויערהאַפטיק פאַר דורות, און ווען צייטן בייטן זיך, איז נויטיק צו גיין מיט דער צייט — מער עלאַסטישע תקנות וואו מען דאַרף, און מער פעסטע וואו עס איז נויטיק. און די גאונים, דורך זייער שאלות־ותשובות רעספּאָנסע ליטעראַטור, האָבן געפורעמט און געהאַמערט דאָס געשטאַלט פון יידנטום ביז אונדזער צייט...

רבי סעדיה גאון האָט אויך פאַראייניקט די אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע אידייען אויף אַט־דער באַזע האָט ער אויסגעאַרבעט אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישע סיסטעם אין יידנטום. דאָס איז געווען אַ פרואוו שלום צו מאַכן צווישן גלויבן און שכל. דאָס וואָס פילון האָט געטאָן מיטן תנ״ך האָט סעדיה גאון עס אויסגעשפּרייט אויך אויפן תלמוד. ער האָט אויך

אַרויסגעטראָטן קעגן אָבערגלויבן פון די מיסטיקער, אַזוי גוט ווי קעגן דעם אומגלויבן פון די פריידענקער.

ער טיילט איין דריי קוואַלן, וואָס פירן דעם מענטשן צו דערקענען דעם אמת — דורך די חושים, דורכן שכל, דורך דערפאַרונג. ער גיט נאָך צו אַ פערטן מקור — די יידישע טראַדיציע, ווי מיר קענען זי פון די כתבי קודש. אַלע פילאָזאָפיעס פון וועלט־באַשאַף זיינען באַזירט אויף ספעקולאַטיווע באַווייזן, בשעת תורת משה פאַרמאָגט בעסערע און שטאַרקערע ראיות...

די גאַנצע חקירה זיינע איז געווענדעט מער צו די מאמינים און האָט צו טאָן מיט דעם „ודע מה שתשיב", ווי צו די נבוכים און כופרים; פאַר זיי איז קיין הילף ניטאָ, אָבער דער מאמין, ערשט ער נויטיקט זיך אין שכל הישר, און דורך וויסן קומט מען צום אמתן גלויבן, מחמת וויסן איז ניט קיין שונא פון גלויבן; פאַרקערט, ערשט דער וואָס ווייסט, גלויבט.

רבי סעדיה גאון איז געווען די צענטראַלע פיגור פון אַ דרייפאַכן קאַמף און פון אַלע דריי איז ער אַרויס דער זיגער. אין דעם קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט פון בבלישן יידנטום קעגן דער העגעמאָניע פון ארץ ישראל מכוח דעם מולד; זיין צווייטן קאַמף קעגן די חרדים־קנאים, וואָס האָבן געטענהט: יידנטום פאָרט זיך ניט מיט וויסנשאַפט, ווייל אַזוי איז געווען די קאָנצעפּציע אָנגענומען פון דורות. אויך דאָ האָט ער באַפעסטיקט זיין טעאָריע וועגן חכמת ישראל. דער דריטער, דער סאַמע וויכטיקסטער איז געווען דער קאַמף מיט די קראים, די אָפּהיטער פון תנ"ך, וואָס האָבן ניט אָנגענומען דעם תלמוד. סעדיה גאון האָט זיי באַוויזן דאָס אָן תלמוד, די צווייטע תורה, קען מען ניט אָפּהיטן די ערשטע תורה, און ער האָט די קראים באַזיגט. זיי זיינען אַרונטער פון דער אַרענע און אַוועק פון יידישן פאָלק...

רש״י

(דער פּאָפּולערער קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך און תלמוד)

אַ נייע דערשיינונג איז צו באַמערקן אין די לעצטע צענדלינקע יאָרן, דעם אופן פון דערמאָנען די געבוירנטעג און די יאָרצייטן פון אונדזערע יידישע גדולים און היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, ווי דער רמב״ם, רש״י, סעדיה גאון און אַנדערע גרויסע מענטשן; בעשת די לומדים פון די פריערדיקע דורות האָבן פון דעם גאָר ניט געטראַכט, און ווער שמועסט דער אַלגעמיינער עולם? אַוודאי ניט. ערשט איצט רעדט מען מער פון די גדולים, אָבער אַמאָל האָט מען זיי געלערנט און זיך אָפּגעגעבן מער מיט זייערע ספרים. איצטער זיינען די ווערק זייערע באַקאַנט בלויז צו אַ קליינע צאָל געלערנטע, וואָס געניסן פון רייכן אוצר פון זייער שאַפן, און רש״י, אין זיין קאָמענטירן אויף תנ״ך און תלמוד, האָט באַרײַכערט אונדזער שאַץ־קאַמער פון גייסטיקן באַוואוסטזיין. דערפאַר איז אַ פּאַר־געניגן צו דערמאָנען רש״י׳ס נאָמען איבער זיין איינפלוס אויף דעם יידישן געדאַנק.

גרויסע געשטאַלטן טוען מיט זייער רייכער חכמה און טיפן דענקען אינספּירירן די קומענדיקע דורות. אַזעלכע ריזן, שפּיצן בערג, ווי סעדיה גאון, פון ביינטן יאָרהונדערט, וועלכער איז געווען אַ ראש המדברים, אַ פּיאָנער, אַ חד בדרא, און דער ערשטער, אמתער, יידישער פילאָזאָף; אויך דער רמב״ם, דער גרעסטער חכם, וואָס ווערט געזאָגט וועגן אים: „ממשה עד משה לא קם כמשה״, וואָס האָט געלעבט מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער, איז אָבער מיט זייער גאַנצער גרויסקייט קענען זיי זיך ניט פאַרגלייכן אין פּאָפּולאַריטעט, אויך אין אַנזען, צום ברייטן רושם וואָס עס האָט געמאַכט רבי שלמה יצחקי, באַקאַנט אונטערן פאַרקירצטן נאָמען רש״י, וועלכער האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף אַלע יידן אומעטום, און זיין נאָמען אין אַריין אין דער געשיכטע פאַר דער גאָר גרויסער פּערזענלעכקייט . . .

דער רמב״ם, אויך סעדיה גאון, מיט זייער גאַנצער למדנות, גאונות און חריפות, זיינען זיי געשטאַנען מחוץ די פּאָלקס־מאַסן, און בכלל זיך געשטעלט העכער פון פאָלק. זיי האָבן געשריבן און גערעדט צו יחידי סגולה, צו געציילטע תלמידים, אינטעלעקטואַלן, געקליבענע באַגאַבטע

טאַלאַנטן, שאַרפע מוחות. רש"י, ווידער, האָט געהאַט אין זינען אַלע, אַפילו די ניט־לערנער. מיט רש"י'ס פּעדאַגאָגישן געדולד האָט ער נישט נאָר געעפנט אַ טיר צו די שווערע און האַרבע ערטער פון דער תורה, פאַר די וואָס קענען שווימען אין טיפן און ברייטן ים פון תלמוד, נייערט ער האָט מיט זיין איינפאַכן און פשוטן אופן פון פאַרטייטשן דעם חומש מיט דער גמרא, באַווירקט דורות פאָלקס־מענטשן, זיי זאָלן קענען פאַר־זוכן דעם טעם פון וויסן, און פאַרשטיין די שיינקייט און קלוגשאַפט פון דער תורה. אָן רש"י'ס פירוש וואָלט די תורה, אויך דער תלמוד געבליבן פרעמד און פאַרהוילן פאַר אייביק. לערנען אין חדר חומש מיט רש"י איז געווען דער גרויסער שטויס פון אַנטוויקלונג פון דער רבנישער ליטעראַטור, און אויך יענע וואָס זיינען אפילו ניט דערגאַנגען ווייטער פון חדר, אויך זיי האָט ער אָפּגעראַטעוועט פון ווערן גערופן „עמי־הארצים"— אַ זאַך וואָס יידן האָבן זיך מיט דעם געשעמט און געהאַלטן עס פאַר אַ חרפה און אַ בושה.

רש"י האָט מיט זיין פירוש אַריינגעפירט אַ צויבער־רייכקייט דורכן באַנוץ פון קלאָרן שכל. ער האָט פאַרפוצט און באַצירט מיט אַלע חנען די שענסטע פערל פון די עטישע מידות, די פקחותדיקע חכמות און עצות פון דער תורה און תלמוד.

* * *

רש"י איז ניט געווען בלויז דער מאַן פון בוך, אַ קאַבינעט־מענטש, אַ יושב באוהל, אויסגעטאָן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. פאַרקערט, זיינע קאָמענטאַרן ווייזן אָן זיין אויסערגעוויינלעכע קענטעניש אין פיל פראַק־טישע זאַכן, וואָס ער האָט זיכער געזען אָדער געהערט אַנדערשוואו אויסער זיין שטאָט טרואַ אין פראַנקרייך. פון די צוויי גרויסע ירידים און אויסשטעלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען יעדן יאָר, האָט ער פון די סוחרים און פאַבריקאַנטן פון אַלע טיילן אין אייראָפּע געלערנט זייער פיל. ער האָט באַטראַכט זיין חוב אַלס לערער, קודם אַליין צו לערנען, זוכן און פאָרשן, וויסן וועגן אַלעם און אַלעס. ער האָט געהאַט אַן אָפן אויג צו אָבזערווירן געשעענישן אויך און איינפּרעסן עס אין זיין זכרון, וואָס האָט אים געדינט צו געדענקען יעדע זאַך.

פון די שיפן וואָס ער האָט באַזוכט האָט ער געלערנט בעסער צו פאַרשטיין יחזקאל הנביא, זיינע חזיונות וועגן צור און צידון, און פון די שיפס־קאַפּיטאַנען האָט ער געלערנט וועגן עבי און פּלוס, אויך די נעמען פון פאַרשידענע מטבעות, אַלערליי קונסטן, אַלע נעמען פון טראָפּישע

פייגל און פלאַנצן. ער האָט אויך באַזוכט די צירקן, צו קענען לערנען דעם לעבן און כאַראַקטעריסטיק פון אַלערליי חיות און עופות; אויך די קונסט פון מאַכן זייד געמישט מיט גאָלד, און פון פלוש און סאַמעט. רש״י דערמאָנט וועגן דער קונסט פון העיקלען, פיינע שטעפּונג, עמברוי־דערי, פון מאַכן לעדער, פעלעכלעך פאַר יריעות, און ווען רש״י קומט צו דער סדרה פון בויען דעם משכן, רעכנט ער אויס אַלערליי כלים, ווי אַזוי זיי ווערן פּראָדוצירט, און רופט זיי אָן מיט די נעמען פון פרעמדע שפּראַכן . . .

* * *

אין אַלגעמיינע ידיעות האָט רש״י'ס פּאָפּולאַריטעט איבערגעשטיגן דריי פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן, ווי סעדיה גאון, דעם רמב״ם און יהודה הלוי. ער האָט אויך איבערגעשטיגן די צוויי גרויסע קאָמענטאַטאָרס פון זיין אייגענעם פעלד, דעם באַרימטן לעקסאָגראַף, נתן הרומי, מחבר פון ספר „ערוך", וואָס פאַרטייטשט די ווערטער פון תלמוד, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט רש״י, און יצחק אַלפסי, מחבר פון פסקי הלכות, באַקאַנט אַלס דער פוסק אחרון, געבוירן אין פעס אין יאָר 1013, און געשטאָרבן אין עלטער פון נייַנציק יאָר אין דער שטאָט לוסאַנאַ, שפּאַניע. קעגן זיי אַלע שטייט רש״י, דער ריז, דער פענאָמענאַלער גאון, וואָס אַ דאַנק אים זיינען דורות גאַנצע באַהאַפטן געוואָרן און געוואָרן צוגעבונדן צו יידישע ווערטן, ווייל עס איז זיך גאָר ניט פאָרצושטעלן חומש אָדער גמרא אָן רש״י'ס פּירוש. ער האָט דאָס די תורה באַשיינט און יידן אין אַלע תפוצות, אין אַלע דורות, האָבן אין איין קול צוגעגעבן, אַז רש״י איז דער גרעסטער מפרש, דער פּרשנדתא, דער מפרש פון דת...

* * *

רש״י דערשיינט אויף דער אָרענע באַלד נאָך דער ירידה פון דער גאונים עפּאָכע, און דעם פאַרמאַכן פון די ישיבות אין בבל. רש״י האָט צוריקגעשטעלט די אויטאָריטעט פון דער תורה, וואָס איז פריער געווען אין זכרון פון יחידים למדנים. ער האָט אַריינגעפירט די תורה אין די ברייטע האָריזאָנטן צום פאָלק. אַ דאַנק דעם איז די תורה ניט פאַרגעסן געוואָרן.

בכדי צו באַנעמען אַלע זיינע וויכטיקע דערגרייכונגען איז כדאי צו געבן אַ קורצן אַנאַליז פון אַ טייל מעלות וואָס ווערן צו אים צוגעשריבן. נעמען מיר, למשל, זיין דרך אין קאָמענטירן — נעמט רש״י אָן די תורה כמות שהיא, ווי ז׳ איז. ער פרעגט ניט אָפּ, ער פירט ניט קיין דיסקוסיע;

ער באַטראַכט בלויז די פאַקטן ווי זיי זיינען געווען אין יענע אַוטאָנאָמיס־טישע צייטן, ווי זאַכן האָבן דעמאָלט אויסגעקוקט, כאָטש זיי קוקן אויס הײַנט אומגלויביק, ניט וואַרשײַנלעך.

רש״י איז פונקט אַזאַ גלויביקער ווי ער איז פאָרשער און וויסנ־שאַפטלער. ער באַדאַרף זיך ניט פאַרענטפערן אָדער אַנטשולדיקן. ער איז ווייט פון ספקות. ער ראַנגלט זיך ניט מיט שווערע קשיות; אַז אים אַרט גאָר ניט אַז זאַכן זיינען ניט אין הסכם מיט דער גריכישער פילאָזאָ־פיע און זייער פרייע ביבל קריטיק פון ראַציאָנאַלן דענקען, ווי עס האָבן פּרובירט צו טאָן דער אבן־עזרא און דער רמב״ם. רש״י האָט זיך אויך ניט געגנויטיקט אין אַלעגאָרישער און מעטאַפאָרישער אויסטייטשונג, ווי פילאָן האָט עס געטאָן אין זיינע ווערק איבערן תנ״ך. און ניט אומ־זיסט האָט זיך רש״י קונה־שם געווען אַלס דער מפרש פּאַר עקסעלענץ. אויב רש״י באַנוצט אַמאָל אַ מעטאָד פון דרוש טוט ער עס בלויז פּאַר אַ באַפּוצונג צום פּראָסטן פּשט. און משה מענדעלסאָן זאָגט אויף דעם: זיי זיינען ניט גראָב ווי זעק, נאָר דין ווי זייד.״

אַ חוץ בקיאות און פיל געלערנטקייט איז רש״י אויך אַ לינגוויסט און פּאָעט, וואָס ווייסט דעם טאַלאַנט אויסצודריקן זיך קורץ און צום פּונקט, און די שווערסטע זאַך איז שרייבן קורץ און צום פּונקט. אויך זיין סטיל איז איינפאַך און לייכט.

* * *

רש״י גיט קיינמאָל ניט קיין אַריינפיר אָדער הקדמה; ער גייט גלייך צו צום טעקסט. זעלטן ווען ער מאַכט פריער באַמערקונגען. מיטן אויס־נאַם פון אייניקע ערטער, למשל, אין זכריה, זאָגט ער: זיינע נבואות זיינען מיסטישע וויזיאָנען, אַ שטייגער חלומות וואָס האָבן פיל אויסטייטשונגען, און דעם אמתן טייטש וועט מען ערשט וויסן ווען משיח וועט קומען. אויף „שיר השירים״ זאָגט ער: „איך האָב געזען פיל פירושים אָבער איך פאַרשטיי זיי ניט.״ דאָ זעען מיר רש״י׳ס גרויסקייט אין זיין עניוות. און זיין תלמיד, רבי יוסף קאַרו, ווייזט אָן אויף פיל ערטער וואו רש״י גיט צו טעותן, וואָס ער האָט פריער געמאַכט און שפּעטער קאָרעגירט.

ניט נאָר אויפן חומש איז רש״י מקצר, אויך אויף דער גמרא איז ער עקסטרים לאַקאָניש. ער ווייזט קיינמאָל ניט אַרויס זיין גאַנצן באַגאַזש פון וויסן. אים אינטערעסירט נאָר דער ווילן צו לערנען יענעם, דעם אָנפאַנגער ווי דער העכערן תלמיד. און דאָרט וואו עס איז נויטיק פאַרטייטשט ער אויך אין פרעמדע שפּראַכן... אָבער ער פאַרטאַכלעוועט

ניט קיין איבעריקע רייד; ער איז שפּאָרזאַם אין ווערטער. אַ וואָרט איז ביי אים אַ רענדל. אַלעס אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן, געטאָקט און געציידלט. ניט יעדער שרייבער איז געבענטשט מיט אַזאַ טאַלאַנט. אַ חוץ דעם איז ער אויפריכטיק. דאָרט וואו ער ווייסט ניט דעם פּשט און טעם פון פּסוק, זאָגט ער: „לא ידעתי" אָדער „לא שמעתי". און ער פירט דעם תלמיד זיינעם ביי דער האַנט, ווי אַ וועגווייזער, וואָס פירט צו ביז אין הויז אַריין, אָן קאָנפוזיע.

רש"י איז אויך אַנדערש פון אַנדערע מפורשים מיט דעם, וואָס ער כאַפּט זיך ניט צו דערקלערן אַלעס מיט אַמאָל, נאָר ער גייט בהדרגה, ווי די חכמים האָבן געלערנט: „לא עליך המלאכה לגמור" (דו ביסט ניט מחויב די אַרבעט צו ענדיקן). טריט ביי טריט פּאַרטייטשט ער קורץ און צום פּונקט. דערפאַר איז געווען דאָס ווערטל, אַז אין רש"י'ס צייטן איז טינט געווען מיט גאָלד צוגלייך.

* * *

די אויפגאַבע פון אַ קאָמענטאַטאָר איז צו באַלייכטן און אויפקלערן זיין מאַטעריאַל אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן, ווייל דאָס איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי עס איז דאָס הענטל צום עמער וואַסער. אָן דעם הענטל קען דער עמער ניט אָנשעפּן די וואַסער. און אַזוי ווי אָן ברויט קען מען ניט לעבן, אַזוי קענען די לערנער אָן רש"י'ס פּירוש. דאָס איז דאָס ברויט פאַר זייער גייסטיקע תזונה.

וועגן דער ראָלע און השפעה פון רש"י שרייבט צינבערג: רש"י האָט באַגלייט דעם יידישן פאָלק אין אַלע זיינע גלות־לענדער, און רש"י איז מיט דעם תנ"ך און תלמוד געוואָרן ווי צוגעוואַקסן אין איינס. עס איז שוין געוואָרן אַן אַקסיאָם, אַז מען זאָגט חומש, מיינט מען, חומש מיט רש"י, אָדער גמרא מיט רש"י — כמעט אַ נאַטירלעכער סינאָנים.

די לעגענדע דערציילט: משה רבנו האָט רש"י'ן אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט: שלמה מיין קינד! דו ביסט דער ערשטער וואָס האָט צוגעטראָפן מיין כוונה. ווייטער זאָגט צינבערג: רש"י געפינט אַלעמאָל דאָס ריכטיקע וואָרט, דעם פּאַסענדיקן אויסדרוק פאַר זיין געדאַנק. דאָרט וואו אַנדערע נוצן גאַנצע שורות איז פאַר רש"י'ן גענוג אַ וואָרט אָדער צוויי. הגם ער לאָזט ניט דורך אַ דערקלערונג ווען עס איז נויטיק. ער העלפט דעם לערנער געברויכן זיין אייגענעם שכל.

נאָך אַן אויפטו פון רש"י'ן איז דאָס, וואָס פריער פלעגן מפורשים גיין בדרך דרוש און פלפול, פאַרפּוצט מיט מוסר און משל מליצה; שטעלט

רבי יהודה הלוי

זוכנדיק אַ שלום-וועג צווישן דיכטונג, אמונה און פילאָסאָפיע

דיכטער און פילאָסאָפן האָבן קיינמאָל נישט געלעבט בשלום. אין גריכנלאַנד, דאָס וויגל פון דיכטונג און מיטאָס, וואו עס זיינען געשאַפן געוואָרן די לעגענדאַרישסטע מיטאָסן, וואו עס איז אויפגעקומען אַן אימאַגינאַטיווע וועלט פון פאַנטאַזיע און דמיון, דווקא דאָרט איז ווי אַ רעאַקציע צו דעם אויפגעקומען די פילאָסאָפיע. לאַנג האָבן די פילאָסאָפן געהאַט צו קעמפן מיט די מיטאָלאָגישע דיכטער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אַראָפּנידערן פון זייערע אויסגעטרוימטע הויכן צו דער שכלדיקער ווירקלעכקייט.

געזיגט האָט לסוף די פילאָסאָפיע, מחמת דאָס האָט געהייסן פּראָגרעס פאַר דער מענטשהייט. אַנשטאָט אַריינצוטייטשן אין בריאת העולם אַן אַ שיעור איבערנאַטירלעכקייטן, קומט דער פרייער ווילן, פרייער געדאַנק, אַ טיפער אַריינדרינגען אין די נאַטור־סודות און בכלל דאָס שטרעבן אַלץ צו דערקלערן על פּי שכל. אמת, דער ראַציאָנאַליסטישער אופן פון לייזן פּראָבלעמען איז נישט קיין זיכערער, מחמת עס קומען שטענדיק אויף נייע טעאָריעס וואָס לייקענען אָפּ די פריערדיקע. דאָס שטערט אָבער ניט

זיך רש״י אויף איינפאַכקייט. אַ גוטער ביישפּיל איז אין חומש בראשית, פּאַרטייטשט ער: מעשי בראשית — די וועלט־באַשאַף. אַן אַפּלאָגעטיק, אַן פּאַרענטפערונג. ער טייטש אַלע נסים פון יצירה אויף אַ נאַטירלעכן אופן. היות ווי גאָט איז אַ כל יכול, ער האָט באַשאַפן די וועלט אַ יש מאַין, איז ניט שייך פרעגן קשיות; אַז די זאַך איז גאָר פשוט — גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און ער פירט איר מיט חסד.

אַ חוץ קאָמענטאַרן גיט רש״י אויך דיאַגראַמען, צייכענונגען. אין מסכתא ערובין וויזט ער אַרויס גרויסע ידיעות אין געאָמעטרי און טריגאָנאָמעטרי. קומט צום בויען דעם משכן, ווערט רש״י אַ גאַנצער אַרכיטעקט. ער וויסט אויך די קונסט פון מישן פאַרבן, וויאַזוי צו קריגן רויטע און גרינע קאָלירן. און ביי די כלים פון משכן גיט ער אַלע דעסקריפּטיווע איינצעלהייטן, רופט ער אָן נעמען אין פאַרשידענע שפּראַכן (בלע״ז).

רש״י׳ס ראָלע, זיין פּאָפּולאַריטעט, איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין משך פון די דורות...

דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און שטייגונג פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק. נאָך אַן איבעררייס אינעם ספּעקולאַטיוון דענקען במשך יאָר־הונדערטער וואָס די קירך האָט גורם געווען, לעבט עס ווידער אויף אין מיטלאַלטער. עס קומט דעמאָלט אויף ביי די סכאָלאַסטיקער אַ נטיה אויסצוגעפינען אין די ריין פילאָסאָפישע שיטות, למשל ביי אַריסטאָלען, רמזים אויף געטלעכע שטרעמונגען, עטיק, השארת הנפש וכדומה.

אָט אין יענער תקופה פון בענקשאַפט און גאָט־זוכעניש דערשיינט יהודה הלוי. אַ דיכטער מיט גאונישן טאַלאַנט, וועלכער זינגט אין דער יוגנט וועגן אַלץ וואָס איז מענטשלעך, האָט ער אין רייפן עלטער אָנגע־שריבן זיין באַרימטן רעליגיעז־נאַציאָנאַל־פילאָסאָפישן ספר הכוזרי. דער ספר איז געשריבן אין פאָרם פון דיאַלאָג. דאָס זאָל הייסן אַ מין וויכוח צווישן חבר, וואָס סימבאָליזירט די יידישע אמונה, און דעם כוזרי, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אַנדערע אמונות, ווי די גריכישע פילאָסאָפיע. דער עיקר גייט אַן דער וויכוח וועגן קדמות העולם. יהודה הלוי באַהויפּ־טעט, אַז היות קדמות העולם איז נישט דערוויזן געוואָרן פון קיינעם אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן, איז דעריבער די יידישע מסורה דער באַגלייבט־סטער מקור. נעמט ער טאַקע אָן בריאת העולם און מעשה בראשית ווי היסטאָרישע פאַקטן און די נבואה פאַר מער אמתדיק ווי דעם ספּעקו־לאַטיוון געדאַנק.

יהודה הלוי איז שטאַרק מושפּע געוואָרן פון אַל. גאַזאַלין. ער האָט אויך, ווי יענער אין איסלאַם, געזוכט צו באַפרייען די יידישע תורה פון גריכישן איינפלוס. ער האָט זיך געהאַלטן שטרענג אין די מצוות מעשיות וועגן אפילו מיר ווייסן נישט זייער באַטייט. ער רעכנט פון גרויס וויכטי־קייט דאָס דערשפירן גאָט, די התעוררות און דאָס באַהעפטן די נשמה מיט גאָט. אין נאַציאָנאַלן זינען באַמיט זיך יהודה הלוי צו דערווייזן, אַז אונדזער פאָלק איז אַן עם סגולה און ער גיט אָפּ אַ סך פלאַץ אין כוזרי אויף מסביר צו זיין פאַרוואָס יידן זיינען דאָס האַרץ פון דער וועלט.

דאָס הייסט נאָך נישט, אַז יהודה הלוי האָט גאָר אינגאַנצן נישט געפּרוווט צו וועלן דערנענטערן אונדזער תורה מיטן וויסן. פאַרקערט, געפינט מען אין זיין ספר זייער און זייער אַ סך פילאָסאָפישע באַטראַכ־טונגען איבער אַלערליי טעמעס. ער האָט אָבער תמיד געהאַט פאַר די אויגן די יידישע מסורה און וויל בשום אופן נישט מוותר זיין אויף דער אמונה לטובת דער פילאָסאָפיע. זיין שטאַנדפּונקט איז געווען, אַז די פילאָסאָפיע זאָל זיך צופּאַסן צו אונדזער תורה, אין וועלכער עס געפינען זיך שוין אַלע וויסנשאַפטן.

איז דער רמב״ם פריי פון סתירות?

ביז דעם מיטלאַלטער האָבן זיך יידן וויניק אָפּגעגעבן מיט פילאָ־סאָפיע. און אויף די ווייניקע וואָס האָבן זיך פאַרנומען דערמיט, ווי למשל, ידידיה האלכסנדרוני (פילאָן), סעדיה גאון און אַנדערע, האָט מען געקוקט ווי אויף פורצי גדר, ווי אַזעלכע וואָס קומען אומברענגען די יידישע אמונה, וועלכע איז געווען ווייט פון חקירה. די אומצופרידנהייט און די וויכוחים אַרום די דאָזיקע חוקרים פלעגן זיך ציען יאָרן און אפילו דורות גאַנצע. עס האָט אַנדערש ניט געקענט געשען אויך מיטן רמב״ם.

ווי איינער פון די שאַרפסטע מוחות און הערלעכסטע פערזענלעכ־קייטן וואָס איז ווען געווען ביי יידן, איז דער רמב״ם, חוץ זיינע טיפע ידיעות אין תורה און אין יידישן וויסן בכלל, געווען פון די גרעסטע, אויב טאַקע נישט דער גרעסטער פאָרשער און קענער פון וועלטלעכן וויסן. אַזוי אין וויסנשאַפט, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק.

אַט פאַר דער דאָזיקער חקירה האָט זיך עס די דעמאָלטדיקע רבנישע וועלט דערשראָקן. די רבנים האָבן בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין מיטן רמב״מ׳ס מעטאָד פון וועלן מסביר זיין על פי שכל, בריאת העולם, גאָט, נבואה וכדומה. דערצו האָט נאָך דער רמב״ם געמוזט זיך ראַנגלען מיט דער תנ״ך אויסטייטשונג. ווייל אויף צו קענען צופּאַסן זיין פילאָ־סאָפישע שיטה צו דער תורה, האָט ער זיך געמוזט באַנוצן מיטן אויס־טייטשן די תורה אַלעגאָריש. אַזוי, למשל, קומט ביי אים אויס, אַז מעשי־בראשית האָט אַ שייכות מיט פיזיק און מעשי־מרכבה—מיט מעטאַפיזיק.

אַוודאי האָט דער רמב״ם באַגריפן די סכנה, וואָס שטעקט פאַר דער אמונה אין אַט־דעם וועלן באַגרינדן וויסנשאַפטלעך אַזעלכע ריין־געט־לעכע דערשיינונגען. דאָך האָט ער זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון אָננעמען די נאַטור־כוחות אַט ווי זיי דערשיינען פאַר אונדז און פון מקרב זיין אל השכל אַלץ וואָס עס לאָזט זיך דערקלערן. דערפון די סתירות וועלכע ער האָט נישט געקענט אויסמיידן.

אַזוי, למשל, קומט אויס לויטן רמב״ם, אַז ווען אפילו מען זאָל אָנ־נעמען אַריסטאָטלס השערה, אַז די וועלט איז אַ קדמון, קען מען דאָך איבערווייזן, אַז זי איז אַ באַשאַפענע, אַ יש מאַין. דעריבער פאַלט ער שווין

צומאַל אַריין אין סתירות אויך ווען עס האַנדלט זיך אין פּראַקטישע ענינים אָדער דינים. אויף איין פּלאַץ זאָגט ער אַ שטייגער, אַז די ישמעאלים זיינען נישט קיין געצנדינער און די נוצרים זיינען עס יאָ, און אויף אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט ער פּונקט דעם היפּוך. אין משנה תורה (הלכות מלכות ווידער, קומט ביי אים אויס, אַז יידע רעלגיעס זיינען גלייך. אַזוי איז עס אויך בנוגע דעם רמב"מ'ס באַציאונג צו די קראים, וואָס צומאַל איז ער מקיל, און אין אַנדערע פאַלן איז ער שטרענג און שליסט זיי אפילו אויס פונעם כלל ישראל.

אין איין פאַל האָט זיך דער רמב"ם געזען געצוואונגען אָפּצונויגן פון דעם שטרענגן אַריסטאָטעלישן ראַציאָנאַליזם: אין ענין תחית המתים און השארת הנפש. דאָ האָט ער זיך געמוזט רעכענען מיט די אומגינס־טיקע רעזולטאַטן, וואָס אַ ריין פילאָסאָפישער צוגאַנג צו תחית־המתים און השארת־הנפש וואָלט געבראַכט פאַר דער אמונה. ער האָט דעריבער דעם תחית־המתים געהאַלטן פאַר אַ טייל פון די נסים וואָס גאָט האָט געטאָן און וועט נאָך טאָן צו די יידן. דער רמב"ם פאַרענטפערט אויף דער שאלה פאַרוואָס תחית־המתים ווערט נישט דערמאָנט אין דער תורה, דערמיט, וואָס, וויבאַלד די יידן האָבן נישט געוואָלט גלויבן אין יענע נסים וואָס זיי האָבן אַליין געזען, וועלן זיי אין אַזעלכע נסים, וואָס דאַרפן ערשט געשען, אַוודאי נישט גלויבן.

מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז אין יענער צייט איז פאַר שטרענג רעלי־גיעזע מענטשן נישט געווען גאָר לייכט אָנצונעמען דעם רמב"מ'ס דרך, אַט אַזוי ווי ער האָט אים אַרויסגעבראַכט אין זיין מורה נבוכים. איז דעריבער קיין חידוש ניט וואָס עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקת צווישן זיינע קעגנער און פאַרערער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן און אפילו דורות לאַנג. סוף כל סוף אָבער איז דער רמב"ם אַריין אין דער יידישער געשיכטע ווי איינער פון אירע גרעסטע און שענסטע גייסטער. ער האָט זוכה געווען מען זאָל זאָגן אויף אים, אַז „ממשה עד משה לא קם כמשה." פּענדעסטוועגן קען מען נאָך אויך היינט פרעגן, איז דער רמב"ם פריי פון סתירות?

רבי ישראל בעל־שם־טוב

(צווי הונדערט יאָר נאָך זיין פטירה, 1760־1695 — ביאָגראַפישע עסיי)

אַ גאַר גרויסע עפּאָכע איז דער מענטשלעכער געשיכטע איז געווען דער דור פאַר דער התגלות פון בעש״ט. דער אַכצנטער יאָרהונדערט, ווען די מערב־ווינטן האָבן נאָך ניט דערגרייכט פּוילן, ליטע און וואָלין, ווען משיחישער מיסטיציזם אַז געוואָרן פאַרפלעקט דורך די שבתי־צבי־ניקעס, האָבן יידן געזוכט פאַר זיך אַן אויסוועג פון טעמפּן ווינקל און אים געפונען אין צווי ריכטונגען — פון איין זייט, די באַוועגונג פון די פראַנ־קיסטן משומדים, און די באַוועגונג, להבדיל, פון די חסידים, וואָס האָבן באַרואיקט ווי אַ טראַנקווילייזער דעם קראַנקן אָרגאַן פון יידישן פאָלק.

דער חסידיזם, ווי אַ נייע באַוועגונג, האָט געשאַפן אַ נייעם מין גלוי־ביקן ייד, וואָס גייט מער לויטן האַרץ ווי לויט די לאָגיק פון שכל. עס האָט די אונטערשטע שיכטן גלייך־געשטאַלטעט מיט די אויבערשטע, דעם „המון־עם״ קעגן די ראשי קהילה; די נגידים, די תקיפים און מלומדים האָבן געקוקט קרום און מיט ביטול אויפן פינצטערן המון. דער תלמוד־חכם האָט פאַרנומען אַלע אַמטן, די גאַנצע מזרח־וואַנט. לערנען תלמוד און זיך פּשטלען איז געווען דער ציל און וויכטיקסטע זאַך אין יידישן לעבן. אַנדערע, ווידער, האָט תורה אַליין נישט באַפרידיקט זייער רעליגיעזן געפיל; עס האָט זיך געגנויטיקט אַן עמאָציאָנעלער גלויבן פון האַרץ און ניט פון שכל. ער האָט פריער געזוכט אַ טרייסט פאַר זיין נשמה־בענקשאַפט אין דער מיסטיק פון משיחיזם, און ווען ער האָט זיך אין דעם אָפּגענאַרט, האָט ער געפילט אַ פּוסטקייט. ער האָט געזוכט נייע, פרישע, גייסטיקע שפּייז פאַר זיין רעליגיעזן געפיל. איז געקומען חסידות, וואָס האָט דעם פּרומען פּשוטן יידן צוגעטראָגן אַ נייע שיטה צו דינען גאָט, וואָס לייגט גרויס חשיבות אויף דעם יחיד, דעם ר׳ ישראל קעגן דעם כלל ישראל.

אַזוי האָט זיך פאַרשפּרייט די באַוועגונג פון פּראָסטן דעמאָקראַטישן עולם קעגן דער רבנישער אַריסטאָקראַטיע. דער חסידיזם האָט געשטעלט אין רשות פון המון און אים אָוועקגעשענקט אַלע אירע שענסטע אוצרות פון דעמאָקראַטישער פאָלקטימלעכקייט . . .

דער בעש״ט מיט זיין חסידות האָט געזען זיין לעבנס־צוועק, צו זיין אַ וועג־ווייזער פאַר דעם גאַנצן פאָלק, פאַר די פּראָסטע אומוויסנדיקע מאַסן. ער איז מיט גאָט'ס וואָרט צום גאַנצן פאָלק געגאַנגען — ניט ווי אַ לערער פון זיי — ער האָט צו זיי גערעדט פּנים אל פּנים; ניט מיט צוויי שווערע לוחות און ניט מיט נייע שיטות, וואָס פאָדערן שטרענגע מי און אַרבעט; אויך ניט מיט נייע אמתן איז ער צו זיי געקומען; נייערט מיט דעם גרעסטן אמת — אהבת ישראל. ער האָט צום פאָלק זיין גרויסע און ליכטיקע נשמה געבראַכט, זיין ברייט האַרץ אַוועקגעשענקט, זיין רייכע אינערלעכע וועלט פאַר זיי אַנטפּלעקט, און זיי האָבן אין איר געזען זייער אינערלעכע אָפּשפּיגלונג. ער האָט מיט זיי אויף זייער אייגענער שפּראַך גערעדט, אויף דער שפּראַך פון האַרץ און געפיל.

די פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט געשטריקט און געוועבט די האַרציקסטע און שענסטע לעגענדן. שפּינענדיק צויבערהאַפטיקע פעדים, האָט זי גע־שאַפן דעם מאַנטל מיט וועלכן זיי האָבן זייער באַליבטן העלד איינגעהילט; זי האָט אויך איר לעגענדאַרן מאַנטל אים אין קבר מיטגעגעבן...

* * *

דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1695, און וועגן זיין געבורט גייען אַרום פאַרשידענע לעגענדעס: ווי אַזוי דער שטן האָט ניט געוואָלט דערלאָזן אַז דער רבש״ע זאָל אַראָפּשיקן די נשמה פון בעש״ט, וואָס וועט מזכה זיין דעם דור. אַ צווייטע לעגענדע איז, אַז זיין פאָטער, ר' אליעזר, איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט און איז שפּעטער גע־וואָרן דער יועץ המלך, און דעם מלכ'ס טאָכטער האָט זיך פאַרליבט אין ר' אליעזרן און ער האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון פּונקט ווי יוסף הצדיק, און פאַר דעם קידוש השם האָט אים גאָט מזכה געווען מיט אַ זון וואָס זאָל באַלויכטן די וועלט.

דער בעש״ט איז ניט באַקרוינט געוואָרן מיט אַ יחוס־בריוו, ניט פון אַ הויז פון תורה און גדולה האָט דאָס פאָלק זיין וויגעלע געשטעלט, נאָר אַ הויז פון אָרעמע, פּראָסטע פאָלקס־מענטשן... דער חסידיזם איז שטאַרק פאָלקסטימלעך, דעמאָקראַטיש אַדורכגעזאַפּט, ווייל ביי גאָט זיינען קיין מיוחסים ניט פאַראַן, דער עיקר איז דאָס האַרץ. אפילו אַן עם־הארץ איז ביי גאָט ניט ווייניקער אָנגענומען ווי אַ למדן. און האָט טאַקע גע־לערנט דער בעש״ט: אַ קאַפּיטל תהילים פון אַ יידן אַ פּראָסטן, וואָס ווייסט אפילו ניט דעם פּירוש המילות, קאָן אַמאָל נענטער צום כסא־הכבוד דערגרייכן, ווי אַ בלאַט גמרא פון אַ למדן אַ גרויסן...

די שענסטע לעגענדע וועגן בעש״ט איז די וואָס דערציילט: די פּמליא של מעלה איז זיך געזעסן אין זיבעטן הימל און זיך געמיטלעך גענומען בודק זיין די גרויסע נשמות פון יעדן דור. האָט מען בודק געווען יעדע איינציקע נשמה. כביכול אָבער איז ניט צופרידן געווען: ניטאָ דער ריכטיקער שטאָף! גרויסע נשמות — אַ סך, אָבער די גאָר גרויסע נשמה האָט געפעלט. האָט ער באַשלאָסן מזכה זיין דעם דור מיט איינעם פון די גרעסטע נשמות — אַ מהודר שבמהודר, אַ תפארת, אויף דער וועלט אַראָפּצושיקן.

אין דעם זעלבן יאָר ווען דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן האָט כביכול זיין פאָטער ר׳ אליעזרן צוגענומען. גלייך נאָך דער אַנטווייונג איז זיין פאָטער געשטאָרבן; אויך זיין מוטער איז באַלד געשטאָרבן. אַזוי איז דער בעש״ט אַ יתום געוואָרן, און ער איז געוואָרן אָנגעוויזן אויף דעם חסד פון די איינוואוינער פון אָקאָפּ. זיי האָבן אים אויף זייער חשבון אויסגעהאַלטן און האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ מלמד. אָבער באַלד האָט די קהילה פאַרגעסן און פאַרנאַכלעסיקט אירע פליכטן צום עלנטן יתום. אַ חוץ דעם איז ער קיין „לייטיש קינד״ ניט געווען; ער האָט זיך ניט אויפגעפירט ווי אַ יתום, וואָס לעבט אויפן חשבון פון קהל; ער האָט ניט געטאָן וואָס גוטע און פרומע לייט האָבן אים געהייסן טאָן. ער האָט ניט געקענט שפּילן די ראָלע פון אַ נעבעכל; זיין פאַרחושכט, פאַרזאָרגט, ווי ס׳פירט זיך אַ יתום. אין זיין קינדעריש האַרץ האָט ער די גרויסע פרייד געטראָגן און איז אַ זינגעוודיקער אַרומגעגאַנגען.

זיין פאַטישע פאַנטאַזיע און זיין נשמה האָבן אָדלער־פליגלען פאַר־מאָגט; האָט ער אויף דעם ענגן, פינצטערן חדר ווי אויף אַ טורמע געקוקט און אויף דעם רבין זיינעם — ווי אויף דעם מלאך־המות. איז ער פון חדר אַנטלאָפן און פאַרפאַלן געוואָרן.

עס האָט אים געצויגן צו דער פרייד פון לעבן און נאַטור. דאָרט, אין די פעלדער און וועלדער, ביי די גרויסע פעלזן און בערג, האָט ער געזעצן און געפילט דעם גרויסן תענוג, די גרויסע נשמה־פרייד — און דאָס אַלעס האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט.

אַלס באַהעלפער און מלמד האָט ער זיך באַטראַכט ווי אַ הייליקער, און די אַלע שיינע מתנות, וואָס גאָט האָט זיין נשמה געבענטשט, האָט ער די קליינע קינדער אָוועקגעשענקט און זייער לעבן לייכטער געמאַכט. ער האָט פאַר זיי זיין האַרץ אויפגעעפנט און זיי געלאָזן טרינקען פון דאָרט די גרויסע ליבע זיינע צו גאָט, מענטש און נאַטור. און די קינדער האָבן

אים מיט זעלביקער מטבע צוריקגעצאָלט; מיט דעם גאַנצן פייער פון זייערע קינדערשע הערצלעך האָבן זיי זייער מדריך ליב געהאַט און האָבן זיך צו אים צוגעבונדן...

די דאָרפס־יידן האָבן געהאַט צו אים גרויס כבוד און רעספּעקט; דאָך האָבן זיי געפילט צו אים גאַנץ היימיש און נאָענט. די פּשוטע מענטשן וואָס האָבן זיך פון אייביק געהאַלטן נידריקער, מחמת לומדים האָבן געפילט אַ פאַראַכטונג צום עם־הארץ, האָבן אָבער דערשפּירט די גרויסע ליכט וואָס האָט זיך אַרום זיי געפונען. זיי האָבן אין אים געזען דעם קונפטיקן משיח, דעם גואל און דערלייזער.

ווי אַ פּאָעטישע נאַטור האָט ער ליב געהאַט די נאַכט. ער פלעגט שלאָפן בייטאָג כדי ער זאָל קענען וואַך זיין ביינאַכט. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פלעגט ער שלייפן די פּערל־געדאַנקען, וואָס ער האָט פון די טיפסטע טיפענישן אַרויסגעבראַכט. אַזוי טראַכטנדיק האָט ער גאָט דערשפּירט און ער איז דערגאַנגען צום גרויסן סוד, אַז אַלעס וואָס לעבט איז נאָר דערפאַר, ווייל גאָט'ס השגחה געפינט זיך איבער דעם. און ער האָט זיך דערטראַכט צום גרויסן פּרינציפּ פון וועלכן זיין שיטה וועגן גאָט איז געבויט: אַז אַלע וועלטן, אַלע זאַכן וואָס זיינען מחוץ דער הימלשער געטלעכקייט, האָט זיי כביכול באַהאַלטן אונטער פאַרשידענע לבושים, און מיר זען זיי ווי אַ מחיצה, וואָס שיידט אָפּ צווישן מענטש און זיין באַשעפער. ער פאַרהוילט זיך פון אונדז אין זיין אַנטפּלעקונג און איז זיך מתגלה אין זיינע פאַרהוילונגען...

דער בעל־שם־טוב האָט געזען אין יעדן גרעזל, אין יעדן בוים, אַ גאַנצע נשמה. ער האָט געשפּירט די גרויסע פרייד וואָס דער גאַנצער קאָסמאָס צו הייליקן זיין נאָמען. און גאָט אַליין האָט משפּיע געווען אין אַלע וועלטן, אויבן און אונטן, אין איין האַרמאָניע.

* * *

נאָכדעם ווי דער בעש"ט האָט זיבן יאָר אויסגעפּרוווט דעם אַלטן וועג פון דינען גאָט דורך סגופים און פּייַנונגען, אויף וועלכע אַלע פרומע יידישע נשמות זיינען געגאַנגען, האָט ער זיך פון דעם וועג אָפּגעזאָגט און האָט אַ נייעם וועג געפונען. ער איז געגאַנגען אַנדערש פון רבי שמעון בר יוחאי, פון ספר הזוהר. יענער האָט געענדיקט אין התבודדות. דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן. דער בעש"ט אָבער, פאַרקערט — ער האָט פאַרלאָזן די הייל פון התבודדות און מיט אַ זוניקן שמייכל אויף די ליפּן

האָט ער באַגעגנט דעם גרויסן סוד און עס צום פאָלק געטראָגן: אַז דער נייער וועג פון דינען גאָט איז ניט פון פאַסטן, נייערט פון פרייד און לעבנס־געניוס...

ער האָט געזאָגט: „דאָס לעבן אויף דער וועלט איז פאַר זיך אַליין אַ תכלית, און דער מענטש וואָס לעבט אין פרייד טוט דערמיט דעם ווילן פון גאָט"...

וועגן זיך זעלבסט פלעגט ער זאָגן: „איך בין געקומען אויף דער וועלט צו ווייזן אַ נייעם דרך אין עבודת הבורא. כ'בין ניט געקומען שווערער מאַכן עול פון יידישן פאָלק, נאָר לייכטער מאַכן. דער איינציקער וועג דורך וועלכן מען קען צו גאָט קומען איז דורך ליבע — ליבע צו גאָט, צו דער תורה און צום יידישן פאָלק... יעדער מענטש זוכט אַ זכות אויף זיך, דעריבער דאַרף ער שטענדיק אויף יעדן יידן אַ זכות געפינען, ווייל „ועמך כולם צדיקים."

דעם בעש"ט'ס חסידות איז אַ קינד פון אַלטן יידנטום, און ער האָט געשעפּט זיין געפּליגלטע פאַנטאַזיע און לערע פון דער אַלטער קבלה, פון חסד און רחמים. פון יענע אַלטע פּערל האָט ער געשאַפן זיין אייגנ־אַרטיקע וועלט־אַנשויאונג; ווי דער אר"י הקדוש, וועלכער רעדט פון עולמות עליונים, מער פון גאָט ווי פון מענטש, מער טעאָריע און אַבס־טראַקט. דעם בעש"ט'ס חסידות איז אַ פּראַקטישע טעאָריע פון הילף און פון ליבע, באַזירט אויף אַ דעמאָקראַטישן גייסט, מיט די עולמות התחתונים; מער מיט דעם מענטשן ווי מיט גאָט; מער האָרץ ווי מוח. ניט מרה שחורה, נאָר שמייכלדיקע אויגן פון מנוחה, וואָס ברענגט טרייסט און האָפענונג פאַר יעדן איינעם.

אַזוי האָט דער בעל־שם־טוב אַריינגעבראַכט דעם פילאָזאָפיש־רעלי־גיעזן און עטישן געדאַנק פון „עבדו את ה' בשמחה", ווייל עצבות, טרויער פירט דעם מענטש צו מרה־שחורה. ער האָט אויסגעברייטערט דעם גע־דאַנק פון דערקענען גאָט אויף אַלע וועגן: „בכל דרכיו דעהו, און דעם געדאַנק פון „שבת אחים" — זיך האַלטן צוזאַמען און האָבן איין האַרץ, וואָס איז די העכסטע מדרגה: „רחמנא לבא בעי."

נאָכוואָרט

קיין זאַך ווערט ניט געטאָן אַליין, עס פּאָדערט זיך אין אַלעם אַן אַנדערער, אַ מיטהעלפער. אַזוי האָבן אין אַרויסגעבן דעם בוך מיך דערמוטיקט: דער פיינער דיכטער און האַרציקער מענטש, פינטשע בערמאַן; דער מחבר פון קינדער־ליטעראַטור, משה גלאַזער; די חברים פון פּרץ הירשביין צווייג, און אַחרון־אַחרון חביב — דער קולטור־עסקן און דירעקטאָר פון היגן שטאָט קאָמיטעט פון יידיש־נאַציאָנאַל אַרבעטער פאַרבאַנד, שלמה האָכבערג.

איך אַ יישר־כוח דעם „בחור הזעצער", פריינד שמחה גילדער, פאַר זיין ערנסטע באַציאונג אין טעכנישן טייל פון בוך און קאָרעקטור.

איך וועל גאָרניט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן אַז איך באַטראַכט מיין בוך פאַר אַ הייליקער אַרבעט. ווי זאָגט דאָרט רבי מאיר: „ווען איך בין געקומען לערנען ביי רבי ישמעאלן האָט ער מיך געפרעגט: מה מלאכתך? אַז איך האָב אים געזאָגט אַז איך בין אַ שרייבער, אַ סופר, האָט ער מיר געזאָגט: זיי פאָרזיכטיק, מיין זון! דו טוסט אַ הייליקע אַרבעט... איך מיין זיך ניט צו באַרימען, עס לערנט רבי יוחנן בן זכאי אין פרק: „אם למדת תורה הרבה, אל תחזיק טובה לעצמך, כי לכך נוצרת" (אויב דו האָסט געלערנט פיל תורה, גיב זיך ניט קיין דאַנק דערפאַר, ווארים דאַרויף ביסטו באַשאַפן געוואָרן). כ'האָב תמיד געהאַט דעם געפיל פון טיילן זיך דעם וויסן מיט אַנדערע — „דלא מוסיף יסיף"...

און צו די לייענער וואָס זיינען ניט אַזוי ווייט באַהאַוונט אין די קליינע פינטעלעך, איז מיין עצה — לייענט איבער עטלעכע מאָל — „הפך בה והפך בה."

איצט בעט איך ביי דער השגחה פון אל חי וקים, צו געבן מיר יאָרן צו קענען אַרויסגעבן די צווייטע העלפט פון מיין בוך „פון די אַלטע אוצרות," וואָס מוז דערווייל וואַרטן אויף דעם „לכשירחיב", ווען אַ פאָלקס־פאַרלאַג, אָדער אַ גוטער יחיד וועט זיך באַמיען און העלפן פאַרשפרייטן די פערל פון די אַלטע אוצרות, און מקיים זיין די מצוה פון „להגדיל תורה ויאדיר" (ישעיה מ"ב:כ').

דער מחבר